STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08434

DER KAMF MITN LEVYOSN

Thomas Mayne Mayne Reid

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאין-ריד

דער
קאמף מיטן לויתן

יידיש: מ. לאנדוי

פארלאג א. גיטלין, ווארשע

HARRY HOFFER

Printed in Poland.

DRUK J. WAGMEISTER, NALEWKI № [illegible]

דער

קאמף מיטן לויתן

דער פלאַמינגאָ און קאַפּיטאַן מעסי.

פאַר מיר איז נישטאָ קיין שענער ווינקעלע אויף דער גאַנ-צער וועלט, ווי לואיזיאַנע. אין לואיזיאַנע בין איך צום ערשטן מאָל אַרויפגעטראַטן אויפן אַמעריקאַנישן באָדן.

נאָך ייִנגלווייז, דעמאָלט, ווען איך האָב מיך געלערנט אין שולע, האָט מיך שטאַרק פאַרכאַפּט די נאַטור. וואַלד און פעלד און באַרג און טייך האָבן מיך שטענדיק געצויגן צו זיך, ווי מיט אַ כשוף.

אָבער דאָ, אין לואיזיאַנע, האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען, וואָס הייסט נאַטור-עשירות, נאַטור-שיינקייט.

לואיזיאַנע פאַרנעמט אַ גרויסן שטח, גרעסער פון ענגלאַנד, און דערדאָזיקער שטח איז אינגאַנצן באַדעקט מיט וועלדער און פרעריעס. די וועלדער זענען כמעט טראָפּישע, הויכע, געדיכטע, די ביימער זעען אויס, ווי ריזן.

העכער הונדערט מינים ביימער. פאַראַן דאָ מאַגנאָליעס,

ענלעך צו לאָרבערביימער, מיט בלעטער, פונקט ווי אָפּגעלאַ-קירטע און מיט בלומען, וואָס זענען גרויס, ווי אַ טעלער; פאַ-ראַן אייגנאַרטיקע שיינע פאַלמען און שטרענגע קיפּאַריסן, וואָס זייערע צווייגען זענען אַזוי ווי פאַרדראַפּירט מיט זילבער.

מיין אויג האָט נישט געהאַט קיין מנוחה אין לואיזיאַנע, עס איז געווען אויף וואָס צו קוקן, מיט וואָס צו דערקוויקן די נשמה, בפרט נאָך, אַז איך האָב מיך פריער גאַנצע זעקס וואָכן צייט אַרומגעוואַלגערט מיט אַ שיפל אויפן ים.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָרט, ווו עס איז פאַראַן אַ גרויסע עשירות פון צמחים, פון כל המינים גרינסן און פלאַנצן, איז אויך פאַראַן אַ גרויסע צאָל חיות. אין די סאַוואַנעס האָט געשווימלט און געגריבלט פון הירשן. אין די וועלדער האָט זיך געהערט דאָס ריטשען פון קוגואַר*), וואָס האָט דאָ מיט אַזאַ ברייטקייט געהערשט איבערן וואָלף, פוקס, לוקס, שאָפּנבער און אַנדערע מינים חיות.

אין די טייכן, לאַגונעס און ים-אויסגוסן, האָט געהערשט דער מגושמדיקער אַליגאַטאָר**), וואָס זיין מאָגן האָט קיינמאָל נישט געוווסט פון זאַטקייט און וואָס זיין פרעסערישקייט האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע. דאָס דאָזיקע פאַר-זעעניש האָט געפרעסן פיש און פירפיסיקע ברואים און פייגל און בכלל אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט דאָס אומגליק זיך צו דערנענטערן צו זיין שאַרפציינעדיקן פיסק אָדער צו זיין מורא-דיקן עק.

איגדערלופטן, ווידער, האָט זיך עפּעס געהערט דאָס

*) קוגואַר — אַמעריקאַנישער לייב.

**) אַליגאַטאָר — מין קראָקאָדיל.

פאָ־ן פון מעכטיקע פליגלען און דערבײַ דער צאַרטער טרעל פון קלײנע ליבע זינג־פײגעלעך...

צווישן אַלע מינים פײגל, וואָס האָבן געהאַט זײער הײם אין לואיזיאַנע, האָט, נאַטירלעך, דעם ערשטן שררה־אָרט פאַרנומען דעם שטאָלצער אדלער מיטן שנײוױיסן קאָפּ.

איך בין געווען אַ הײסער יעגער פון נאַטור, און איר קענט אײַך שוין פאָרשטעלן, וואָס איך האָב געשפּירט בײַ אַזאַ עשירות פון חיות און עופות, אין דעמדאָזיקן גאָטגעבענטשטן לאַנד.

באַלד ווי איך בין נאָר אַרײַנגעטראָטן אין דעמדאָזיקן גן־עדן, האָב איך מיך גענומען צום וואַנדערן. איך בין אַוועק אין די וועלדער און אין די פעלדער און אין די פּרעריעס און סאַוואַנעס און אין אַלע פאַרוואָרפענע זומפּן, ווו נאָר אַ מענטשלעכער פוס האָט געפונען עפּעס אַן אָנהאַלט. אַ האַלב יאָר צײַט האָב איך געהאַלטן אין אײן פאָרשן און לערנען די געגנטן פון נײַ־אָרלעאַן, גײענדיק על־פּי־רוב צופוס, אַמאָל אויך רײַטנדיק און טײלמאָל פשוט אין אַ שיפל לענגאויס דעם ים־אויסגוס.

דאָך מוז איך מודה זײַן, אַז אַלס יעגער האָב איך דעמאָלט גראַדע קײן גרויס הצלחה נישט געהאַט. איך האָב געזוכט דעם פלאַמינגאָ־פײגל, וואָס האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט. איך האָב געוווסט, אַז מען קען אים געפינען אויף די זומפּן בײַ דעם טײַך מיסיסיפּי, אָבער קײנער האָט מיר נישט געקענט אָנווײַזן גענוי דאָס אָרט, ווו מען קען אים פאַקן.

איך האָב מיך שוין מיאש געווען אין מײַן גאַנצער אונטערנעמונג, אָבער דאָ איז מיר געקומען צוהילף אַ צופאַל. איך האָב מיך באַקענט מיט אַ נײַעם מענטשן, וואָס האָט אויך גע־

וויינט, ווי איך, אינם באַרימטן האָטעל סענט-שאַרל.

אַ מענטש איז עס אויסערלעך געווען אַ גאַנץ געוויינ־לעכער, און דאָס איינציקע, וואָס האָט אים אויסגעטיילט פון די איבעריקע האָטעללייט, איז אפשר געווען דאָס, וואָס ער האָט געטראָגן די אוניפאָרם פון אַ גרעניץ-אָפיציר.

אַ פריינט האָט מיר אים פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען קאַ־פיטאַן מעסי, קאָמאַנדיר פון דער גרעניץ-שיף „די וואַכזאַ־מע".

„די וואַכזאַמע" איז דעמאָלט געשטאַנען אויפן אַנקער אויפן טייך מיסיסיפי, און איר פונקציע איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט אַכטונג געגעבן אויפן שכנישן ברעג.

איינמאָל, ביים מיטאָג, ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים דעסערט, האָט מען זיך צעשמועסט וועגן יאַגד. מען האָט גע־רעדט פון חיות און עופות, וואָס האַלטן זיך אויף אין די דאָ־זיקע געגנטן.

איך האָב דערציילט, ווי עס איז מיר נישט געלונגען מיטן פלאַמינגאָ: אַרומגעזוכט אים וואָכנלאַנג, אויסגעטראָטן אַלע וועגן און שטעגן, אַלע בלאָטעס און זומפּן—און אַ נעכטיקער טאָג!

„דער פלאַמינגאָ?"—האָט זיך קאַפּיטאַן מעסי פאַרחידושט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ—„וואָס איך הער? איך האָב זיי געשאָסן מאַנסווייז!"

„ווו, ווען?"—האָב איך געפרעגט.

„אויפן גאַנצן ברעג, צו מזרח פון מיסיסיפּי. איר קענט זיי געפינען אויף דער אינדזל באַראַטאַריע. די דאָזיקע אינדזל איז אייך מסתמא באַקאַנט. דאָרט האַלט זיך אויף דער אַלטער פּיראַט לאַפיט מיט זיין שיפל און שטאַב באַנדיטן".

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט מיר ווידער אַ שפּיל געטאָן די פאַנטאַזיע: דער פלאַמינגאָ! אויב אַזוי, באַדאַרף מען

נישט מאַכן קיין שהיות און מען דאַרף זיך אַוועקלאָזען אויף דערדאָזיקער פּיראַטן-אינדזל.

„אויב דאָס איז נאָר מעגלעך!"—האָב איך הויך אַרויס-געזאָגט.

אָבער דער גרעניק-אָפיציר האָט געפרעגט:

„פאַרוואָס מיינט איר, אַז דאָס איז נישט מעגלעך? אויב איר זענט אַ מאַן, וואָס אייך שרעקט נישט די גאַסטפריינטלעכ-קייט פון אַ גרעניק-שיף, וועט איר זיין זייער אַ ליבער גאַסט אויף דער „וואַכזאַמער". איר קענט פאַרברענגען ביי אונדז אַ וואָך און אפילו אַ חודש, אויב איר ווילט. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם פלאַמינגאָ, וועל איך אייך שוין אַוועקפירן אין יענע ער-טער, ווו איר וועט קענען שיסן אין דעמדאָזיקן פייגל, וויפל אייער האַרץ גלוסט. וואָס אַרט אייך, איר קענט אייך שוין פאַרלאָזן אויף מיר".

„איר פאַרשטייט דאָך מסתמא אַליין, אַז איך האָב מיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, און אין פיראונצוואַנציק שעה אַרום בין איך שוין געווען אויף „דער וואַכזאַמער", ווי אַ גאַסט און אַ פּאַסאַזשיר צוזאַמען, און מיר האָבן קרייסירט איבער די וואַסערן פון מיסיסיפּי.

קאַפּיטאַן מעסי, האָט געהאַלטן וואָרט: ער האָט מיר גע-וויזן איינס פון יענע ערטער, ווו עס האָבן גענעסטיקט דידאָ-זיקע פייגל, וואָס האָבן מיך אַזוי געוואַלדיק אינטערעסירט.

איך האָב זיי געוואָלט זען, אַזוי צו זאָגן, אין זייער היים, אין זייער לאַנד, אין זייער מלוכה, ביי זייער געוויינלעכן שטייגער לעבן.

און איך מיין, אַז יעדער איינער, וואָס האָט אַמאָל גע-זען אין אַ מוזיי אַן אויסגעשטאָפּטן פלאַמינגאָ, מיט גלאַנציקע פעדערן, אויף לאַנגע פיס, האָט ער בעת מעשה זיכער געוואָלט

זיך נעגטער באַקענען מיט דעמדאָזיקן מין פייגל און באַקומען א השגה וועגן דעם, וואָס מען קריגט נישט אין ענציקלאָפּעדיעס און ביכער איבער אָרניטאָלאָגיע.

אַ סך מיינען, אַז עס עקזיסטירט בלויז איין מין פלאַמינגאָ, געמלעך דער, וואָס מען זעט אים עפּטער אַן אויסגעשטאָפּטן אין די מוזיי-קאָלעקציעס.

דאָס איז אַ טעות.

פאַראַן עטלעכע מינים פון דעם פלאַמינגאָ, אין אַזיע, אַפריקע און אַמעריקע.

זיי האַלטן זיך אויף על-פי-רוב אויפן ברעג פון אַ טייך און ביי די יעזשערעס.

אין יאגד אויפן פלאַמינגאָ בין איך אָבער געווען נישט אַזוי ענערגיש, ווי מיר האָט זיך פריער געוואָלט.

דער קאַפּיטאַן האָט מיר פלוצלונג אָנגעהייבן צו דערציילן זיין לעבנס-געשיכטע...

און איך האָב מיך צוגעהערט.

אַ מענטש איז דאָך אינטערעסאַנטער אפילו פון אַ פלאַמינגאָ, פון דעמדאָזיקן זעלטענעם רויטן פויגל אויף הויכע פיס, און מיך האָט שטאַרק פאַרכאַפּט די לעבנס-געשיכטע פון קאַפּיטאַן מעסי.

איך וועל אייך זי איבערגעבן וואָרט און וואָרט, לויט מיינע כוחות און פעיקייטן פון מיין זכרון.

אָט אַזוי האָט קאַפּיטאַן מעסי אָנגעהייבן:

„אין אַ דאָרף בין איך געבוירן געוואָרן, אין אַ העק, אין אַ וואַלד. מיינע אויגן האָבן צום ערשטן מאָל דערזען גאָטס ליכטיקע וועלט אינעם מזרח-געביט פונם שטאַט ניו-יאָרק, וווּ די באַפעלקערונג איז דעמאָלט געווען זייער אַ שיטערע.

מיר האָבן זייער רויק געלעבט אויף דער יבשה, אָבער

אַ מאָדנע זאַך — מיך האָט געצויגן צום ים, צו אומרויקע כוואַליעס, צו וואַסער.

מסתמא האָב איך די דאָזיקע אייגנשאַפט געירשנט פון מיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ ים-אָפיציר.

אָבער מיט מיין פאָטער איז געשען אַ גרויס אומגליק: דער ים האָט אים איינגעשלונגען צוזאַמען מיט זיין שיף, און מיין מוטער, וואָס האָט שטאַרק באַוויינט איר אומגליקלעכן מאַן, האָט באַין אופן נישט געוואָלט, אַז איך זאָל מיר אויסוויילן די דאָזיקע געפערלעכע ים-פּראָפעסיע.

מיין פאָטער האָב איך זייער ווייניק געקענט. בשעת דער ים האָט אים צוגעמאַכט די אויגן, בין נאָך געווען גאָר אַ קליין קינד, אָבער איך האָב אַ סך געהערט ריידן און דערציילן וועגן מיין פאָטער. מען האָט אים זייער געליובט, און יעדער שמועס וועגן אים האָט זיך תמיד געענדיקט מיט דער דאָזיקער פראַגע:

„געווען אַן עכטער ים-מענטש פון קאָפּ ביז די פיס!"...

מיין מוטער אָבער, וואָס האָט זיך אַזוי געשראָקן פאַרן ים, האָט געוואָלט פון מיר מאַכן אַן אמתן יבשה-מענטש מיט אַלע פּיטשעווקעס, דאָס הייסט אַ יוריסט...

זי האָט מיר אַריינגעגעבן אין אַ שולע פאַר רעכט, אָבער מיר זענען נישט געקראָכן אין קאָפּ די לאַנגווייליקע ביכער וועגן דעם דאָזיקן טרוקענעם געגנשטאַנד. און יעדעס מאָל, בשעת איך בין געקומען וואַקאַציע-צייט אַהיים, בין איך צוגעשטאַנען צו מיין מוטער, זי זאָל מיר אויספּועלן דעם טיטל ים-לייטענאַנט.

מיין מוטער האָט עס געקענט גאַנץ לייכט אויספּועלן, ווייל אונדזער פאַמיליע איז געווען זייער אַ חשובע און מיין פאָטערס נאָמען האָט געקענט זיין די בעסטע רעקאָמענדאַציע פאַר מיר.

איך האָב אָבער נישט געקענט פּועלן ביי מיין מוטער,

אַז זי זאָל עס מיר טאָן. עס איז געווען ביי אונדז אַ קאַמף, מיר האָבן זיךביידע געראַנגלט: איך—פאַרן ים, זי—קעגן ים.

די שולע איז מיר אָבער זייער מיאוס געוואָרן, דער געגנ־שטאַנד, וועלכן מען האָט געלערנט, איז מיר געקראָכן פון האַלדז, איך האָב קיינמאָל נישט געמאַכט די לעקציעס און נישט געהערט, וואָס די לערער רעדן צו מיר, אָבער מיין מוטער איז געווען שטאַרק איינגעשפאַרט און פאַרעקשנט און האָט כסדר געטענהט דאָס איריקע, אַז איך מוז ווערן אַ יוריסט, אַ ריכטער, אַ דריי־קאָפּ אויף דער יבשה...

דערזען, אַז איך וועל מיט איר נישט דורכקומען און אַז איר עקשנות איז האַרט, ווי אייזן, האָב איך געטאָן, וואָס אַלע טוען אין אַזאַ פאַל: איך בין אַנטלאָפן פון דערהיים...

וווהין אָבער לויפט אַזאַ יונג, ווי איך? נאַטירלעך, קיין ניו־יאָרק.

ניו־יאָרק איז דאָך עפּעס אַ שטאָט מיט אַ האַפן, און שיפן...

פאַרבלייבן אָבער אין ניו־יאָרק האָב איך נישט געוואָלט, ניין, מיך האָט געצויגן צום האַפן, צו די אַוועקגייענדיקע שיפן, צו דעם ריח פון שיפדעק.

וואָס האָט איך אָבער געקענט טאָן אויף אַ שיף? איך בין אַלט געווען זעכצן יאָר...

מיין בילדונג איז געווען אַ קלאַסישע, מיינע ים־ידיעות זענען געווען זייער בלאַסע און אָרעמע.

שיפלייט האָבן געלאַכט פון מיר, „איך בין נאָך צו יונג, אַ צוציקל״,—האָבן זיי געזאָגט.

איך האָב מיך געפילט פאַרצווייפלט, אַ שוואַרצער יאוש איז מיר געפאַלן אויפן האַרץ.

אין אָט דער אומפאַרגעסלעכער צייט האָב איך מיך צופּע־

ליק באַקענט מיט אַ מענטשן, און דידאָזיקע באַקאַנטשאַפט האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף מיין גאַנץ לעבן.

דאָס איז געווען אַ קאַפּיטאַן פון אַ שיף, וואָס האָט זיך באַשעפטיגט מיט יאַגד אויף וואַלפיש.

געטראָפן האָב איך מיך מיט אים נישט אויף זיין שיף (זיין שיף איז געשטאַנען אויפן אַנקער אין ניי־בעדפאָרד), ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ באַקאַנטשאַפט, נאָר אין ניו־יאָרקער האַפן.

ער האָט געזען, ווי איך פּלאָנטער מיך אַרום עפּעס צווישן ים־לייט, אַ פאַרזאָרגטער, אַ פאַרלאָרענער, און ער האָט זיך פּשוט אָנגערופן צו מיר:

„היי, יונגערמאַן, איך וועל אייך זאָגן אַ פּאָר ווערטער: איר האָט ליב שיף און ים, נישט וואָר?"

און איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט צו ענטפערן אים אויף דערדאָזיקער פראַגע, האָט ער מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און ווייטער גערעדט:

„שווייגט, קיין וואָרט נישט מער, איך זע, וואָס איר האָט ליב... און איך נעם אייך מיט... איר פּאָרט מיט מיר... אמת, איר זעט אפילו אויס אַ ביסל צו צאַרט און צו אויסגעפּיעשטשעט, אָבער עס שאַדט נישט... אויפן שיפדעק פונם „פליענדיקן וואָלקן" באַמבלען זיך אַרום נאָך אַזוינע יאַלדן, ווי איר. אָבער וואָס איז דער חידוש? ס'איז נישט קיין געפערלעכע נסיעה... אמת, די אַרבעט איז אַ ביסל אַ שווערע, אָבער שווערע אַרבעט איז דאָך סוף־כל־סוף נישט קיין מניעה... אויב עס זינגט אין אייך דאָס בלוט פון אַ ים־מענטש, האָבן מיר ביידע זייער ווייניק וואָס צו רעדן. אויפן וונק קענען מיר אַלץ מאַכן... אַלזוי, ווילט איר ווערן אַ „blubber hunter"*).

*) פּאָפּולערער טערמין צווישן וואַלפיש־יעגער. בוכשטעבלעך: אַ יעגער אויף וואַלפיש־אייל.

איך מוז אייך מודה זיין, אַז איך האָב נישט אַלץ פֿאַר־שטאַנען, וואָס ער האָט גערעדט. איך האָב נאָר געזען, ווי ער קייט אָן אויפהער דעם ציגאַר, וואַרפט אים אום פון איין ווינקל מויל אין צווייטן, ציט אים, סמאָטשקעט אים און לאָזט אים אויף קיין איין רגע נישט צורו.

ער האָט מיר אויסגעוויזן אַ ביסל חסר־דעהדיק, צעדרייט, צעשרויפט, משוגע און מיר איז איינגעפאַלן, אַז איך האָב מיט אים נישט וואָס צו רעדן.

איך האָב אים שטאָלץ צוגעוואָרפן:

„ניין, מיין הער, פאַר מיר איז דאָס נישט קיין עסק!..."

דאָך האָב איך מיך, נישט־ווילנדיק, בעסער צוגעקוקט צו אים און ער איז מיר פלוצלונג געפעלן געוואָרן...

דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר 40 אָדער 45, מיט זייער לעבעדיקע אויגן. דאָס פנים איז אפילו געווען טונקל־רויט, אָנגעבלוטיקט, אַזוי צו זאָגן, אָבער אַ פריילעכער אויסדרוק איז געלעגן אויף אים. זעט אויס, אַ ווילער יונג, אַ בראַווער קאַפּי־טאַן, אַ מענטש, וואָס קען לאַכן.

„זעט איר",—האָט ער ווייטער געזאָגט—„אויף אַזאַ מין ענט־פער האָב איך מיך נישט גערעכט... איר ווילט נישט ווערן קיין וואַלפיש־יעגער? כאַ־כאַ! איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז מיין „פליענדיקער וואָלקן" איז אַ פּרעכטיקע שיף און די יונגען מיי־נע, וואָס אַרבעטן אויף דער שיף, זענען אַזוינע מיוחסים, ווי איר".

ער האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען אַוועקשפּאַנען פון מיר מיט פעסטע זיכערע טריט, און איך האָב באַלד פאַרשטאַנען מיין פעלער, וואָס איך האָב געמאַכט.

„אַנטשולדיקט",—האָב איך אים נאָכגעיאָגט און גענומען

רעדן מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ,—„איך האָב אייך נישט גוט פֿאַר-שטאַנען. איך האָב נישט געוווּסט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ וואַלפיש-יעגער... איר פֿאַרשטייט? איך נעם אָן אייער פֿאָרשלאָג הער קאַפּיטאַן... דאָס שמעקט מיר, דאָס געפֿעלט מיר. עס איז געמאַכט!"

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט מיך סוף אָנגע-קוקט.

„עס טוט מיר הנאה",—האָט ער געזאָגט,—„וואָס איר זענט באַלד געקומען צום שכל... אָט אַזוי, זע איך, אַז איר זענט אַ ווילער יונג! אָבער לאָמיר רעדן קורץ: דאָס עסק איז גע-מאַכט?"

„געמאַכט!"—האָב איך מיך דהויך און דייטלעך אָנגע-רופֿן.

דעם אמת געזאָגט, האָט מיר שטאַרק געשמעקט די ראָמאַנ-טישע זייט פֿון דעמדאָזיקן עסק. איך האָב מיט אַ באַזונ-דער הנאה געשפּירט, אַז דידאָזיקע נסיעה איז פֿאַרבונדן מיט אומגעוויינלעכע פּאַסירונגען, מיט סכּנות-נפֿשות, מיט דרייסטע אונ-טערנעמונגען, יענע העלדישע אונטערנעמונגען, וועגן וועלכע עס קנאַקן מיט אַזאַ איילעניש און התפּעלות די צייטונגען פֿון די גרויסע שטעט.

און דאָס אַלץ האָב איך דאָך אַזוי הייס באַגערט און גע-זוכט!

דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט:

„ביז מאָרגן, מיין ליבער יונג! דערווייל וועל איך אייך געבן עטלעכע נייטיקע ידיעות. איר וועט מיך געפֿינען אינם האָטעל „שיף און אַנקער" אין האַפֿן פּעק. דאָרט וועט איר פֿרעגן אויפֿן קאַפּיטאַן דרינקוואָטער פֿונם „פֿליענדיקן וואָלקן". די נייינטע

שעה אינדערפרי איז די מיליטערישע שעה, מיין חוילער יונג. זייט פינקטלעך, אויב איר ווילט נאָר זיין אַ בראַווער blubber hunter. אדיעאו !"

און, אריינגעוואָרפן דעם נאָסן ציגאַר אין ווינקל מויל, האָט ער אַוועקגעשפּאַנט מיט פעסטע זיכערע טריט פון אַ שטאַרקן מענטשן.

„דער פליענדיקער וואָלקן“

צ ופומאָרגנס אינדערפרי, ניין אַ זייגער, אין דער מיליטערישער שעה—בין איך געקומען אין האָטעל „שיף און אַנקער“.

מיטן קאַפיטאַן האָב איך אייגנטלעך נישט געהאַט וואָס צו רעדן. מיר האָבן נאָר געשלאָסן אַ שטיקל פאָרמעלן אָפּמאַך און—האָדיע!

ער האָט מיר אָנגעוויזן ווו איך קען געפינען די שיף און האָט געהייסן, איך זאָל באַלד אַרויספאָרן.

אין פיראונצוואָנציק שעה אַרום האָב איך מיך שוין געפונען אין ניי־בעדפאָרד אויפן פאָרדעק פון „פליענדיקן וואָלקן“ און אין אַ וואָך אַרום זענען מיר שוין געשוווּמען איבערן אַנטלאַנטישן אָקעאַן אין דער ריכטונג פון קאַפּ האָרן.

אַדורכגעגאַנגען דעם דאָזיקן קאַפּ, זענען מיר אַריין אין שטילן אָקעאַן, וואָס איז דעמאָלט, ווי אויך איצט, געווען דער הויפּטפּונקט פון וואַלפיש־יאַגד.

אויפן שיף האָבן זיך געפונען פאַרשידענע מענטשן פון פאַרשידענע אומות, עס איז געווען אַ נײַ און אומבאַקאַנט לעבן פאַר מיר.

דער ערשטער איינדרוק פון דידאָזיקע מענטשן איז נישט געווען אַזאַ גוטער: גראָבע, האַמעטנע, ווילד־לאַכנדיקע... אָבער אַזוי ווי איך האָב נישט געזוכט קיין פּאַסנדיקע געזעלשאַפט, וואָס זאָל מיך ווײַלן און פאַרשאַפן גרויס הנאה, נאָר פּאַסירונגען און פּיקאַנטע סכנות, זענען מיר די שיפלײַט ווייניק אָנגעגאַנגען.

שפּעטער אָבער, אַז איך האָב מיך בעסער צוגעקוקט צו דידאָזיקע מענטשן, האָב איך איינגעזען, אַז מײַן ערשטער איינדרוק איז אַ ביסל אַן אויבנאויפיקער.

אונטער דער גראָבער הויט, אונטער דעם האַמעטנעם וואָרט, באַגלייט מיט אַ ווילד געלעכטער, האָט זיך געפילט אַ וואַרעם האַרץ, אַ נאַטירלעכע איבערלעבע באַוועגונג.

מעגלעך, אַז צווישן די שיפלײַט זענען געווען אַ פּאָר אויסוואָרפן אויך, צו וואָס זאָל איך לייקענען, אָבער דער גרעסטער טייל איז זיכער באַשטאַנען פון ווילע בראַווע יונגען.

די דיסציפּלין איז געווען זייער אַ האַרטע, אַ האַרבע אויפן „פּליענדיקן וואָלקן", מען האָט מער נישט געטאָרט, ווי געטאָרט — אַן אַלטע אייזערנע טראַדיציע אויף יעדער אַמעריקאַנישער שיף, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט וואַלפיש־יאַגד, און דאָס דערקלערט זיך בלויז דערמיט, וואָס דער עולם, וועלכער לאָזט זיך אַוועק מיט דידאָזיקע שיפן אין ים אַרײַן, איז אַזוי נישט אויסן די ערנסטע אַרבעט, ווי די פּאַסירונגען, אָט ווי איך, אַ שטייגער...

און אַזאַ עולם, וואָס איז אייגנטלעך מער צולאָזן, ווי

ערנסט, מער לייכטזיניק, ווי געטריי דער זאַך, מוז מען האלטן גוט אין די הענט.

אויפן „פליענדיקן וואָלקן" האָבן זיך אויך געפונען עט־לעכע יונגעלייט, ווי איך, אַ שטייגער, וואָס זענען מיט אַ שיף צום ערשטן מאָל אַרויסגעפאָרן אין ים אריין.

זיי זענען אָבער געווען אַמעריקאַנער יונגען (מעג איך מיך דאָך אַמאָל אויך איבערנעמען מיט מ־יין פאָלק!), דרייסטע, נייגיריקע און געשיקטע, און באַלד אין די ערשטע טעג, נאָך איידער מיר זענען געקומען צום קאַפּ האָרן, האָבן זיי שוין געהאַט אַ גאַנץ גוטע ידיעה אין דעם כאַראַקטער פון דער שיף און איר אַרבעט.

וואָס איז שייך דעם קאַפּיטאַן, איז דאָס געווען, קען מען זאָגן, אַ מענטש מיט אַ מום... דער „פליענדיקער וואָלקן" וואָלט, כלעבן, געמעגט זיך פאַרגינען אַ בעסערן קאַפּיטאַן.

דרינקוואָטער איז אייגנטלעך דער טייטש וואַסער־טרינקער, ס'הייסט, בראָנפנטרינקער און מען מוז מודה זיין, אַז דערדאָזיקער נאָמען האָט זיך זייער געפּאַסט צו אים. אָבער נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען ער הייסט, אַ שטייגער, דרינקרום, דאָס הייסט ראָמטרינקער, ווארים פאַר ראָם, זאָל ער מיר מוחל זיין, וואָלט ער אַוודאי פאַר־קויפט דעם טאַטן מיט דער מאַמען און אפילו די גאַנצע וועלט.

אַזאַ מענטש איז דאָס געווען.

אייגנטלעך איז ער גאָרנישט געווען קיין שלעכטער, און איך וואָלט אפילו געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ ווארעם גוט הארץ. בשעת דערדאָזיקער מענטש איז געווען ניכטער, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך גרויסמוטיקייט און הארציקייט, און

פועלן ביי אים עפעס אַ טובה, איז געווען גאָר פון די לייכטע זאַכן.

אָבער דער ראם האָט אים אומגליקלעך געמאַכט. מיטן ראָם אין צעמישטן קאָפּ איז ער געווען פעיק אָפּצוטאָן די ערגסטע זאַכן און איז געווען בייז ווי אַ בין און אומרויק, ווי דער ים־ווינט.

אין אַזאַ מאָמענט האָט ער אין יעדער שיף, וואָס איז געגאַנגען אין אונדזער ריכטונג, אָדער אפילו אין אַ פּאַר־קערטער ריכטונג, געזען אַ שונא, אַ בלוטיקן פיינט, וועלכן מען מוז אומברענגען, דערטרינקען און אַראָפּשליידערן אויפן גרונט פון ים.

ער האָט תיכף ומיד אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט, זי האָט געמעגט זיין די סאַמע נייטיקסטע, די סאַמע ברענענדיקסטע, און אויפהייבנדיק אַלע זעגלען מיטאַמאָל, האָט ער זיך אַוועק־געלאָזט, ווי אַ שטורעם, נאָך דער פרעמדער אומשולדיקער שיף...

איינמאָל, בשעת מיר זענען געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיטן יאָגד אויף אַ קאַשעלאָט*) און האָבן שוין געהאַלטן ביים אַראָפּלאָזן די שיפלעך אין ים, האָט זיך פלוצלונג באַוויזן אויפן האָריזאָנט אַ צווייטע יאָגד־שיף.

דידאָזיקע שיף האָט אויך געטאָן דאָס אייגענע, וואָס מיר, אָבער איר קאַשעלאָט, מיט וועלכן זי האָט זיך גע־ראַנגלט, איז געווען גרעסער פאַר אונדזערן, ווייל דאָס איז געווען אַ זכר און ביי אונדז איז געגאַנגען אַ קאַמף מיט אַ נקבה...

---

*) קאַשעלאָט—מין וואַלפיש.

דרינקוואטער איז באלד אריינגעפאלן אין גרויס גרימצארן און האט ווילד אויסגעשריען:

„צו אלדי שווארציאר!"

דאס איז געווען זיין געליבט ווערטל, האס דהאט תמיד געדינט פאר א סימן, אז דער קאפיטאן איז פארוואנדלט געווארן אין א וואלף.

צוגעשטעלט צו די אויגן די גרויסע ים-גלעזער, האט ער א זאג געטאן:

„הע-הע! אויב איך בין מיך נישט טועה, איז עס אוודאי די „העזהדיקע סארא"... צו אלדי שווארציאר! אבער ניין, א קרענק איר אין די זייטן! קומט, חברה-לייט, לאמיר זיך א לאז טאן צו איר און לאמיר ווייזן דעם אלטן באסטאק, ווי אזוי מען פאנגט וואלפישן!.."

און מען האט אים געמוזט פאלגן, ווייל דא דהאבן קיין שום טענות און תירוצים נישט געקענט אנגיין. הימל און ערד האבן זיך געמעגט איבערדרייען הונדערט מאל — זיין באפעל האט געמוזט אויסגעפירט ווערן!

דאסמאל אבער איז דרינקוואטער א ביסל דורכגעפאלן. דער „פליענדיקער וואלקן" איז נישט אזוי שנעל געפלויגן איבער די כוואליעס, ווי עס האט זיך געוואלט דעם קאפיטאן, און איידער מיר האבן זיך דערנענט צו דער „העזהדיקער סארא", האט מען זיך דארטן שוין אינגאנצן אפגעפארטיקט מיטן קאשעלאט: מען האט אים פארהארפונירט און ארויפגעשלעפט אויף דער שיף.

דער אלטער באסטאק, דער קאפיטאן, איז געשטאנען אויפן באקבארט און געשריען צו אונדזער קאפיטאן:

„דרינקוואטער, לעבן זאלסטו, א ביסעלע צו שפעט... פארשטייסט, צו שפעט! ווען איך ווייס, א שטייגער, דרינקווטערל,

אַז דו יאָגסט מיך נאָך, וואָלט איך דיר צוגעוואָרפן אַ שטריק און וואָלט דיך מיטגעשלעפּט... אָבער איצט איז שוין פאַרפאַלן. זעסטו, אַ שטיקל עצה קען איך דיר יאָ געבן פון פריינטשאַפט וועגן: נעם דעם רודער אין די הענט אַריין, דריי דיך אויס צוריק און לאָז דיך אַוועק צו דיין אָרעמער נקבהלע, אַרום וועלכער דו האָסט דיך, נעבעך, אַזוי ביטער געטענטלט פריער. איך האָב געזען דורך די ים-גלעזער..."

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויפן „פליענדיקן וואָלקן", האָב איך נאָך קיינמאָל אויפן קאַפּיטאַנס געזיכט נישט געזען אַזאַ אויסדרוק פון גרימצאָרן, ווי דאַסמאָל. די באַקן זענען אים פאַרלאָפן מיט בייז בלוט, די אויגן האָבן אים אַרויסגעשפּאַרט. אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט אים געקלאַפּט פון רציחה...

און עפּעס אומעטיק איז ער געווען, אומעטיק און דערשלאָגן און ווי האַלב אָדער גאַנץ משוגע...

און אַז מיר האָבן צולעצט מיט גרויס חרפּה זיך אומגעקערט מיט דער שיף צו אונדזער קליינעם קאַשעלאָטל, וואָס איז געווען אַ בידנע נקבה, און ווי אויף צו-להכעיס, איז זי נאָך אונדז אויך אַנטרונען פון די אויגן און פון די הענט אין פרייען ים אַריין, האָט דער קאַפּיטאַן מיטאַמאָל פאַרלאָרן דאָס לשון און בענומען כאָרכלען, ווי אַ פאַרשטיקטע הון:

„ראָם גיט מיר!"

און נאָכאַמאָל:

„ראָם טראָגט אַהער!"

און אַ דריט מאָל:

„ראָם זאָל מיר ווערן!!!"

ער האָט געעפּנט אַ ברייט, וועלפיש-באַצייינערט מויל און האָט געגאָסן אין זיך אַן רחמנות, געגאָסן, ווי וואַסער אויף אַ שרפה...

און צולעצט איז ער אַנידערגעפאַלן, די פיס האָבן אים אויפגעהערט צו דינען. דער ראָם האָט אים אַ זעץ געטאָן אין אַלע גלידער.

צום גליק, האָט זיך אויף דער שיף געפונען נאָך אַ מענטש, וואָס איז געווען דער קעגנזאַץ פון קאַפּיטאַן: גאָר אַן אַנדער טעמפּעראַמענט, אַנדערע אייגנשאַפטן און אַנדערע גע־וויינהייטן.

דאָס איז געווען דעם קאַפּיטאַנס געהילף, און געהייסן האָט ער עלידזש קאָפּען.

אַליין אַ געבוירענער אין ניי-ענגלאַנד, איז ער געווען דער אמתער וואַלפיש-יעגער, אַ מענטש, וואָס איז מיט ליב און לעבן געווען אַריינגעטאָן אין ים און אין די ריזן, וואָס האָבן געשניטן דעם דאָזיקן ים.

זיין דרייסטקייט האָט גאָר קיין שיעור נישט געהאַט און זיינע אונטערנעמונגען האָבן זיך געגרענעצט מיט פאַנטאַזיע.

דער טויט האָט שטענדיק אַרומגעטאַנצט אַרום אים, אָבער ער האָט זיך אַלעמאָל אַרויסגעדרייט פון מלאך המות.

ער האָט געלאַכט פון יעדער געפאַר און האָט זיך גע־שפּילט מיט סכנות נפשות, ווי מיט אַ באַלעם.

אָט דער מענטש איז געווען אונדזער גואל, אונדזער אַנ־האַלט, אונדזער באַשיצער.

דער קאַפּיטאַן האָט אַלץ געהאַלטן אין איין טרינקען, דער ראָם האָט אים אָנגעפילט ווי אַ פאַס, און דער קאָפּ און די געדאַנקען האָבן אים נישט געדינט.

טײלמאָל האָט ער לחלוטין נישט געוואוסט, אויף וואָסער װעלט ער איז, װו ער געפינט זיך און וואָס איז זײַן פונקציע.

ער האָט געהאַט גרויסע אָפענע, אַרויסגעטאַרטשעטע אויגן, און אָפן, ברייט־אויפגעריסן מויל, אָבער די אויגן האָבן גאָרנישט געזען און דאָס מויל האָט נישט גערעדט.

און דער איינציקער געדאַנק, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט אין די רויכיקע נעבלען פון זײַן מוח, איז געווען :

„ראָם!"

דאָסדאָזיקע וואָרט האָט ער אַפילו אין דער גרעסטער שיכרות נישט פאַרגעסן.

און ער האָט ווייטער געטרונקען.

ביי אַזאַ לאַגע האָט קאָפּען, נאַטירלעך, געמוזט איבער־נעמען אויף זיך די גאַנצע אָנפירונג מיט דער שיף. אַ הויכער, אַ רירעוודיקער און אַ האַסטיקער, האָט ער אַרויפגעשלעפט אויף זיך די לאַסט פונם וואַלפיש־יאַגד.

עטלעכע חדשים צייט זענען מיר אַרומגעשווומען אין שטילן אָקעאַן, זיך געיאָגט נאָך קאַשעלאָטן, מיט וועלכע עס האָט דאָרט ממש געשוויבלט און געגריבלט. דאָס איז געווען אַ גוטער פונקט, נישט ווייט פון טשילי, און יעדער טאָג ה(ט) אונדז געגעבן אַ קאַשעלאָט.

אונדזער שיף איז שוין כמעט געווען איבערגעלאָדן מיט פישאייל, און מען האָט געשמועסט, אַז דאָסמאָל האָבן מיר זייער מצליח געווען אין ים.

עס האָט זיך אונטערגערוקט דער ווייַנאַכט־יום־טוב, און מיר זענען געווען אַ ביסל מיד. דער קאַשעלאָט האָט אונדז שוין

חייניק אינטערעסירט. מיר האָבן אויסגעהרגעט אַזויפיל קאַשע-לאָטן, אַז מיר האָבן געקוקט אויף דידאָזיקע ריזן, ווי אויף הע-רינג...

איצט האָט אונדז אינטערעסירט דער יום-טוב, די גוטע מאכלים, וואָס האָבן זיך געבאַקט, געקאָכט און געבראָטן אין קיך און וואָס דער ריח פון זיי האָט אונדז מחיהדיק געקיצלט די נאָז.

אַנדערע האָבן געהאָפט אויף אַ גוט ביסל משקה, אויף אַ פלעשעלע ווײַן...

און אָט, אַז מען האָט שוין באַדאַרפט גיין צום טיש און זיך נעמען פאַר די גוטע מאכלים, האָט זיך פלוצלונג דערהערט דער באַקאַנטער אויסגעשריי:

„אַ וואַלפיש!"

דער עולם האָט באַקומען אויסגעצויגענע געזער, נאַרישע פנימער...

צו וואָס דאַרפן מיר איצט דעם וואַלפיש? וואָסער שוואַרצ-יאָר האָט אים איצט אָנגעטראָגן אַהער?

מען האָט געצוריקט מיט די אַקסלען, אַנדערע זײַנען גע-ווען פאַרצווייפלט.

וואָס וועט ווערן מיטן יום-טובדיקן מיטאָג? ווען וועט מען זיך זעצן צום טיש?

אָבער דער קאַפּיטאַן דרינקוואָטער איז נישט געווען פון די לייט, וואָס רעכענען זיך מיט יענעמס ווילן און יענעמס פאַרלאַנגען, הגם ער איז געווען, ווי געזאָגט, נישט קיין שלעכ-טער מענטש. אין פלוג איז ער געווען אַ טיפּישער קאַפּיטאַן פון אַ יאַגד-שיף, אַ פּאַרוויגט קטער, אַ פאַראָקעאַנטער און דערצו נאָך

אַ שיכּור, און אַן איבעריקער וואַלפיש איז אים געווען טייערער פון אַלע ימים־טובים אין דער וועלט.

ער האָט אַרויסגעכריפּעט:

„צו דער אַרבעט! די שיפלעך אין ים!"

דער עולם האָט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און האָט זיך נישט געררן באַוועגט.

און דער קאַפּיטאַן האָט שוין ווייכער געבּרומט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז היינט איז דאָך יום־טוב:

„צו אַלדי שוואַרציאַר! איר גיט גאָר אַ קוק, וואָס דאָס איז פאַר אַ פאַרזעעניש! אַ זכר, צו אַלדי שוואַרציאַר! ער וועט אונדז געבן הונדערט טאָן אייל!"

און באַלד דערויף איז ער אַריינגעפאַלן אין התפּעלות:

„צו אַלדי שוואַרציאַר, איר זעט נאָר, ווי ער בעט זיך, כ'יר זאָלן אים אַרויפנעמען אויפן שיף... זיין רוקן בעט זיך און זיין פּיסק ווײנט... מיט וואָס פאַר אַ רחבות ער האָט זיך דאָס אויסגעלייגט אויף די כוואַליעס און וואַרט אויף אונדז, מיר זאָלן זיך נעמען צו אים... אַ ווילער יונג, זאָל איך שוין אַזוי לעבן, אַ ווילער און אַ בראַווער יונג. ליג־זשע רויק אויף די כוואַליעס, ליג, קעצעלע, אָט וועלן מיר זיך נעמען צו דיר."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון אַ מענטשן, וואָס האָט געקוקט מיט אַזאַ אויפריכטיקער התפּעלות אויפן וואַלפיש, פונקט ווי ער וואָלט אים געוואָלט אַרומנעמען און זיך צוטוליען צו אים, האָט שוין דער עולם אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויפן מיטאָג, אויפן געפעסל, אויפן גאַנצן יום־טוב.

מען האָט זיך ווידעראַמאָל דורכגעררונגען מיטן ס. מיטן

וואלפיש, און דער קאפיטאן האט, נאכמער אונטערגעהארעמט דאס בלוט:

„דאס ערשטע שיפל, וואס ווארפט זיך אויפן ריז, באקומט הונדערט דאלאר א פריז! הונדערט דאלאר!"

איצט האט שוין דער עולם געברענט.

„צו דער ארבעט!" — האבן געשריען יונגע, פרייליכע קולות.

„אין ים אריין! אין ים אריין!"

דער וואלפיש און זיין פּאטש מיטן עק.

איין אויגנבליק זענען אראָפּגעלאָזט געוואָרן די שיפלעך אין ים אריין, און די ארבעט האָט גענומען ברענען אין די הענט.

אין מיין שיפל האָבן זיך געפונען זעקס מענטשן: פיר רודערער, איין שטייערמאַן און איין עלטערער אָפיציר.

מיר אַלע זענען געווען יונג און געזונט און ענערגיש, און עס האָט זיך אונדז געוואָלט אי דאָס געלט אי דער רום צו־זאַמען.

און מיר האָבן געאַרבעט מיט פרישע כוחות.

עס וועט אוודאי נישט זיין קיין באַרימעריי און קיין גאווה, ווען איך וועל זאָגן, אַז מיר האָבן זיך אונטערגערוקט די ער־שטע צום וואַלפיש. מיט אַזאַ ענערגיע, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, קען מען בערג אומוואַרפן...

איך געדענק, ווי אָט איצט וואָלט עס געשען: אונדזער שטייערמאַן — אַ יונג מיט ביינער און מיט אייזערנע הענט — האָט

זיך אויפגעהייבן אויף זיינע דעמבענע פיס, האָט זיך אַ ווײַלע געצילט מיטן האַרפּון און באַלד דערויף אים טיף אַריינגעזעצט אינעם האַלדז פון קאַשעלאָט...

עמעץ פון אונדז האָט אַ געשריי געטאָן „הוראַ!" און אַלע האָבן אים נאָכגעשרייען.

עס איז געווען קלאָר: מיר זענען געקומען די ערשטע און מיר האָבן פאַרדינט די הונדערט דאָלאַר.

איך האָב אָבער פאַרגעסן צו זאָגן, אַז דער עלטערער אָפיציר, וואָס האָט זיך געפונען אין אונדזער שיפל, איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי מיסטער קאָפּען...

און אַז מיר האָבן געשריען פון שמחה, האָט ער, דער אַלטער ים־וואָלף, געשוויגן.

אַ ים־וואָלף שרייט נישט, אַ ים־וואָלף ווייס נישט פון התפעלות. דאָס איז אַן אַלטער כּלל.

ער האָט נאָר געוואָרפן אַ בליק צום קאַשעלאָט און האָט פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

„שפּרינגט אָפּ מיטן שיפל! מיטן שיפל שפּרינגט אָפּ!"

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס שמעקט מיט געפאַר און מיר זענען אָפּגעשפּרונגען. דער קאַשעלאָט האָט געפּאַטשט מיטן עק דאָס וואַסער, און דער ים האָט געקאָכט אַרום אים.

פון יעדן פּאַטש האָט זיך אויפגעהייבן דער ים, די כוואַליעס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין שוים.

און קאָפּען האָט ווייטער געזאָגט:

„אַכטונג! ער ווערט אַנטרונען פון אונדז!"

דאָס מוראדיקע פאַרזעעניש האָט זיך אויפגעהייבן איבערדערהויך און זיך אַ וואָרף געטאָן אין די טיפענישן פון ים. דאָס אייזן, וואָס האָט זיך אים איינגעגעסן אין האַלדז, האָט אים

קענטיק, פארשאַפט געוואַלדיקע יסורים.

דער האַרפּון-שטריק האָט זיך אָפּגעוויקלט מיט אַן אומגע-וויינלעכער שנעלקייט, און איידער מיר האָבן זיך אומגעקוקט, האָט ער זיך שוין אויסגעוויקלט און זיך אָנגעצויגן און מיר זענען געפלויגן מיטן שיפל נאָכן וואַלפיש, ווי אמתע רוחות.

מיר האָבן פאַרלאָרן פון אויג די אַלע שיפלעך, וואָס האָבן זיך געיאָגט מיט אונדז נאָך די הונדערט דאָלאַר און אפילו פאַר-לאָרן פון אויג אויך דעם „פליענדיקן וואָלקן".

עפּעס אַ שרעק האָט אונדז באַרירט דאָס האַרץ...

אַפילו דער שטייערמאַן, דערדאָזיקער בראַווער יונג מיט די דעמבענע פיס, האָט צוגעשאָקלט פאַרדעכטיק מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט פאָרגעזען עפּעס אַ גרויסע סכנה.

בלויז איין קאָפּען איז געווען רויק.

עמעץ פון אונדז האָט זיך אָנגערופן:

„אָפּשניידן דעם שטריק און גייט ער, דער רוח, צו אַלדי שוואַרציאָר!"

אָבער קאָפּען האָט זיך איינגעשטעלט:

„ניין, דאָס גייט נישט. מיר טאָרן אים נישט אָפּלאָזן. האָט ער באַקומען אַ דזשאָמב מיטן האַרפּון, דאַרף ער נאָך קריגן אַ קלאַפּ מיטן שפּיז. ער דאַרף באַקומען דאָס זייניקע און מיר — דאָס אונדזעריקע... מיינט נישט, ער וועט אונדז לאַנג נישט שלעפּן, וואָרים ער גייט אָפּ מיט בלוט..."

און אַזוי איז טאַקע געווען.

דאָס וואַסער, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון האַלדז, איז געווען רויט באַפאַרבט...

דער האַרפּון האָט אים, קענטיק, צעשטערט די סאַמע וויכ-טיקע בלוט-צענטערס.

מיר האָבן געוווּסט, אַז מיט איין געלונגענעם קלאַפּ פון אַ האַרפּון קען מען טיילמאָל טויטן דעמדאָזיקן ריז און מיר האָבן גערעכנט, אַז דעם שטייערמאַנס האַנט האָט דאָסמאָל געגעבן אַזאַ קלאַפּ.

פאַרגעסן אין דער געפאַר, זענען מיר ווילד געפלויגן איבער די כוואַליעס און געוואַרט אויפן לעצטן אָטעם פון ריז.

נאָך אַ פינף מינוט-און אונדזער שיפל האָט פאַרלאָרן זיין אימפּעט, מיר זענען שוין אַזוי נישט געפלויגן און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין ים עקט זיך אַ שטיק, אַ גרויס, ווילד שטיק לעבן...

„נו, עס האַלט נישט שלעכט", — האָט קאַפּטען באַמערקט. — „איצט באַדאַרף מען שלעפּן דעם שטריק אין שיפל אַריין. שלעפּט, חברה, שלעפּט!"

מיר האָבן געטאָן אַזוי ווי קאַפּטען האָט געהייסן: מען האָט מיט אַלע כוחות געשלעפּט דעם שטריק פון די כוואַליעס אַרויס, און אַזוי-אַרום זענען מיר ביסלעכווייז צוגעקומען צום פאַרוווּנדעטן ריז.

צוגעשפּאַרט צו דער נאָז פון שיפל, איז קאַפּטען געשטאַנען מיטן שפּיז אין דער האַנט, גרייט אַ ליאַדע מינוט אים אַריינצוזעצן אין דעם ווייכן פלייש פון דעמדאָזיקן פאַרזעעניש.

און אָט האָט זיך טאַקע אונטערגערוקט דידאָזיקע מינוט, און אויף אונדזערע אויגן איז געפאַלן דער מוראדיקער קלאַפּ פון שפּיז: קאַפּטענס האַנט איז געווען גענוג געניט...

דער וואַלפיש האָט פאַרמבולט דעם ים מיט זיין בלוט.

ער האָט ווידעראַמאָל געוואָלט אַנטרונען ווערן אין די טיפענישן פון ים, אָבער ער האָט, קענטיק, פאַרלאָרן אַ סך בלוט און איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט. ער האָט נאָר צוגעפּאַטשט

מיטן עק דאָס וואַסער און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פּאָר קלאָפּטער.

באַלד דערויף אָבער איז ער ווידער אַרויפגעשווומען מיט שוואַכע אָפּגעהלשטע באַוועגונגען.

ער האָט שטאַרק קאָנוואולסירט און האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט.

עס איז געווען זיין לעצטע שעה.

דער ריז האָט זיך אויסגעצויגן אַ טויטער.

איצט האָבן מיר געהאַט אַ גאַנץ פּשוטע אַרבעט: זיך אומקערן צום „פליענדיקן וואָלקן" נאָך הילף.

מען האָט אָבער באַדאַרפט באַצייכענען דאָס אָרט, אז מיר זאָלן עס קענען שפּעטער געפינען, ווען מיר וועלן קומען מיט הילף.

דער שטייערמאַן האָט אַ ווײַלע געטראַכט, מיט אַלע פינף פינגער געשמאַק זיך אַ קראַץ געטאָן אין פּאַטילניצע, נאָכדעם ווי אַ קאַץ אַרויפגעשפּרונגען אויפן קאַשעלאָט און אַרייַנגעהאַקט אים אַ רויטע פאָן אין קאַרק אַריין.

נאָך דעמדאָזיקן שטיקל אַרבעט האָבן מיר שוין געוואָלט אָפּשווימען צום „פליענדיקן וואָלקן", אָבער עמעץ האָט אַ געשריי געטאָן:

„אַ וואַלפיש!"

די הענט האָבן אונדז גענומען קיצלען פון אומגעדולט און גיריקייט. עס איז געווען אַזאַ פּשוטער חשבון: איין קאַשעלאָט אַוועקגעלייגט—אַזאַ נצחון, לאָמיר אַוועקלייגן צוויי! איינער איז דאָך נישט צוויי! פאַר איינעם באַקומען מיר הונדערט דאָלאַר, פאַר דעם צווייטן—ווידעראַמאָל אַזאַ סומע...

און וואָס איז ווערט דער כבוד און דער רום און דאָס

פרייליכע געלעכטער און די שמחה און די בלאַסע ביטערע קנאה פון די חברים, וועלכע מיר האָבן אַזוי לייכט, ווי געשיקטע ספּאָרטסליים, אַריבערגעיאָגט און געלאָזט זיי דאָרטן ערגעץ אויף די כוואַליעס לעבן דעם „פליענדיקן וואָלקן?"

„הע-הע, ס'איז אַן ענין!"—האָט אונדזער קאָמאַנדיר גע־ברומט, אַריינשטעקנדיק די שפּיציקע אויגן אין ים אַריין.—„מיר האָבן דאָ, פאַרשטייט איר מיך, אַ מאַמען מיט אַ קינד... ס'איז עפּעס ווערט! מען דאַרף נאָר אַרבעטן קלוג און געשיקט. פריער, חברה, באַדאַרף מען האַרפּונירן דאָס קינד, דאָס איז די ערשטע זאַך, נו, און נאָכדעם וועלן מיר זיך נעמען פאַר דער מאַמען... וואָרים די מאַמע וועט פון קינד נישט אַוועקגיין. אויב מיר וועלן נאָר האָבן דאָס קינד, וועלן מיר שוין די קאַשעלאָטיכע אויך נישט פאַרלירן"...

און ווידער האָט אַ בליץ געטאָן אינדערלופטן דער האַרפּון. אַ שטאַרקער קלאַפּ איז געפאַלן און דאָס קליינע בידנע קאַשע־לאָטל האָט פאַרלאָרן דאָס לעבן...

זיין מוטער איז עפּעס מיטאַמאָל מטושטש געוואָרן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען און האָט זיך משונה באַוועגט לעבן איר טויטן קינד.

אָבער מיסטער קאָפּען, וואָס האָט ממש געגליט פון אויפ־רעגונג, פון הייסער אומגעדולט, האָט באַלד אויפן אָרט מכבד געווען דער אומגליקלעכער מוטער מיט אַ פּאָרציע האַרפּון...

„דאַכט זיך, אַז די האַנט האָט מיר גוט געדינט,"—האָט ער זיך באַלעקט, ווי אַ קאַץ ביי אַ טעלער סמעטענע,—„דער האַרפּון וועט איר מחיה זיין די גלידער..."

די קאַשעלאָטיכע האָט נאָך אָבער נישט געוואָלט שטאַרבן. זי האָט געטאָן דאָס אייגענע, וואָס דער פריערדיקער וואַלפיש:

זי האָט גענומען מאַכן קונצן, שפּרינגען איבערלופטן, ראַנגלען זיך מיטן גאַנצן ים, און ווי דער פריערדיקער ריז, האָט זי גע־נומען פליען מיט אונדז איבער די אויפגעבראַזטע כוואַליעס.

מיר האָבן פאַרלאָרן פון די אויגן אונדזער קאַשעלאָט מיט דער פאָן אויפן קאַרק און מיר האָבן שוין מער נישט געזען דאָס קלייניטשקע קאַשעלאָטעלע און מיר זענען אַזוי לאַנג געפלויגן מיט דער אומגליקלעכער מוטער, ביז זי איז געבליבן ליגן אויפן וואַסער אָן שום באַוועגונג.

אָפּגעצויגן עטוואָס דעם אָטעם, האָבן מיר זיך אינדער־שטיל אַדורכגעשמועסט און פּאַוואָליע זיך דערנענט צו דעם טויטן ריז.

מיר זענען געווען זייער פאָרזיכטיק, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז אַ קאַשעלאָטיכע, וואָס זייגט אַ קינד, איז זייער געפערלעך. זי קען „באמת איבערקערן דעם ים."

אָבער אַז זי איז טויט, ווי אַלע טויטע, איז זיך דאָך נישטאָ וואָס צו שרעקן פאַר איר.

צו אונדזער באַדויערן, האָבן מיר זיך טועה געווען.

אמת, זי איז געלעגן אָן באַוועגונג, אָבער אַז מיר זענען צוגעקומען נאָענט צו איר, האָט זי גענומען קאָנוולסירן און האָט פלוצלונג אויפגעהייבן דעם מוראדיקן עק...

„ראַטעוועט אייך!"—האָט גענומען שרייען דער שטייער־מאַן.—„זי פּאַטשט מיטן עק!"

אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט: עס האָט זיך דער־הערט אַ קנאַל, וואָס האָט אויפגעטרייסלט הימל און ערד, און באַלד דערויף האָב איך דערשפּירט, אַז איך פאַל...

נאָר אַ מאָדנע זאַך: איך בין געפאַלן נישט פון אויבן אַראָפּ, ווי אַלע מענטשן פאַלן, נאָר פון אונטן אַרויף...

אין אַ מינוט אַרום האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ קאַלטע אומפּריינטלעכע כוואַליע, און האָט מיך אַראָפּגעשיקט צום גרונט.

איך בין אָבער געווען ביי מיינע רעיונות, דער מוח האָט געאַרבעט מיט אַלע כּלים און איך האָב מיך געוואָלט ראַטעווען.

נאָך גרויס מי און אָנשטרענגונג איז מיר דאָך געלונגען אַרויסצושווימען פון די טיפענישן און אַרויפצוקריגן זיך אויפן וואַסער. אָפּגעצויגן דעם אָטעם און איבערגעווישט זיך די אויגן, וואָס זענען געווען פאַרלאָפן מיט געזאַלצענעם וואַסער, ווי מיט טרערן, האָב איך מיך אַרומגעקוקט.

אַ טויטער ים!

נישטאָ דאָס שיפל, מען זעט נישט מיינע חברים...

דער ים איז גרויס און ווילד, און איך בין אַ ל יי ן.

אַ קאַלטער ווינט האָט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די כוואַליעס, וואָס זענען באַדעקט געוואָרן מיט אומרויקן שוים.

איך האָב געעפנט דאָס מויל און גענומען שרייען איבערן גאַנצן ים. מיינע חברים האָב איך גערופן, איך האָב געזוכט אַ מענטשלעכע באַוועגונג, אַ קול, אַ קלאַנג, אַ פּיפּס...

פון ערגעץ האָט מיר אָבער האַרט געענטפערט עפּעס אַ ים-פייגל — און נישט מער...

איך האָב געקענט שווימען, האָב איך מיך געראַנגלט מיט די כוואַליעס, וואַרטנדיק אויף דער הילף פון אַ שיפל, צי פונם „פליענדיקן וואָלקן".

עמעץ מוז מיר קומען צו הילף.

איך וועל דאָך נישט נעמען און דערטרונקען ווערן סתם אַזוי, נישט מיר, נישט דיר, אין אַ מיטן מיטוואָך, וואָס איז, אמת, געווען אַ גרויסער יום-טוב-טאָג. אפילו דערטרונקען ווערן

אין ים באַדאַרף דאָך אויך האָבן עפּעס אַ זין, אַ שכל, אַ לאָגיק...

אַזוי האָב איך געטראַכט, ראַנגלענדיק זיך מיט די כוואַ־ליעס...

די צייט איז אָבער געגאַנגען, איך בין מיד געוואָרן, דאָס וואַסער האָט מיך אויסגעקילט, אין האַרץ איז אַריינגעפאַלן אַ ספק.

צי וועל איך מיך קענען ראַטעווען?

ווו איז אונדזער שיף און שיפלער? ווו זענען מיינע חברים?

איך האָב מיך אָנגעשטרענגט מיט די לעצטע כוחות און זיך אויפגעשטעלט אין וואַסער.

מען האָט זיך באַדאַרפט אַרומקוקן: אפשר וועל איך ערגעץ באַמערקן אַ סימן פון אַ זעגל, אַ באַוועגונג פון אַ חבר?

מיינע אויגן האָבן אָבער גאָרנישט געזען, אויסער בערגלעך וואַסער, כוואַליעס, כוואַליעס, כוואַליעס...

אַ גרויסער אומענדלעכער מדבר פון וואַסער.

עס איז געוועזן קלאָר, אַז פאַר מיר איז קיין שום הילף ני־שטאָ, האָב איך מיך אַוועקגעלייגט אויפן רוקן, מיט אַ שוואַכער באַוועגונג פון די פיס, און זיך געלאָזט טראָגן פון די כוואַליעס.

ס'איז מיר שוין געווען אַלצאיינס.

אין מיינע צעקלאַפּטע און דערשלאָגענע רעיונות האָט טיילמאָל אַדורכגעשלייכט אַ געדאַנק וועגן מיין מוטער...

יאָ, איצט וואָלט איך געקענט פולשטענדיק מודה זיין, אַז זי איז געווען גערעכט, ווען זי האָט מיט אַזאַ עקשנות פאַרשטעלט מיר דעם וועג צום ים...

זי איז געווען גערעכט, מיין מוטער. טראַכטנדיק וועגן איר אויפן געלעגער פון אומרויקן קאַלטן געזאַלצענעם וואַסער, איז

מיר דער געדאַנק אָפּגעשוואַכט געוואָרן און זיך איבערגעריסן, ווי אַ פאָדעם.

איך האָב געפילט, ווי איך פאַרליר ביסלעכווייז דאָס באַוווסטזיין, איך ווער עפּעס שוואַכער מיטן גוף און קען מיך אַראָפּלאָזן אין די שוואַרצע טיפענישן פון ים.

זיי האָבן מיך ווי געריסן, געשלעפּט און געצויגן צו זיך...

איך געדענק ווי אין אַ שווערן חלום, ווי מיין מיד טויטויג האָט פּלוצלונג דערזען לעבן זיך שווימען עפּעס אַ גוף פון אַ טויטן מענטשן. איך האָב מיך בעת-מעשה נישט אויפגערעגט און זיך נישט איבערגעשראָקן. איך האָב בלויז געגלאָצט אויף דעמדאָזיקן גוף און האָב באַמערקט אויף אים אַ טיפע וווּנד פון אַ מעסער אָדער אַ שפּיז...

איך האָב מיך נישט געפרעגט, ווער איז דערדאָזיקער גוף און ווי קומט ער אַהער, אָבער אַז אַ קאַלטע כוואַליע האָט אים מעכאַניש איבערגעדרייט מיטן פּנים אַרויף, האָב איך אים גלייך דערקענט.

דאָס איז געווען ביל, אונדזער בראַווער שטייערמאַן מיט די אייזערנע הענט און דעמבענע פיס...

דאָס קאַלטע וואַסער האָט מיר אָבער אויסגעקילט דאָס האַרץ, דעם גאַנג פון די רעיונות און איך בין געווען גלייכגילטיק צו אַלץ און צו אַלעמען און אַפילו צו זיך...

די כוואַליעס האָבן מיך געוויגט און געטראָגן, און אָט האָב איך ווידעראַמאָל דערזען לעבן זיך אַ גוף פון אַן אַנדער מענטשן.

אָבער ד ע ר האָט נאָך געלעבט.

ער האָט זיך געהאַלטן אויפן וואַסער גלייך און רויק, ביז

דער ברוסט: קענטיק, אַז ער האָט געהאַט עפּעס אַן אָנשפּאַר אונטער זיך.

ווער איז ער? וואָס טוט ער דאָ?

אַ הויכע כוואַליע ד־האָט אים פלוצלונג אַרונטערגעהייבן, און איך האָב באַמערקט, אַז ער רייט אויף אַ דיקן קלאָץ, וואָס האָט משמעות אָנגעהערט צו אונדזער צעקלאַפּטן און פאַרזונקע־נעם שיפל.

מיינע אויגן האָבן זיך מיטאַמאָל געגרעסערט און איך האָב געשפּירט, ווי עס ציטערט מיר אויף צום ערשטן מאָל דאָס הארץ.

יאָ, דאָס איז געווען מיסטער קאָפּען!..

ער האָט נאָך געהאַלטן אין דער האַנט דעם שפּיז (אַ פאַר־צייטיקער שפּיז מיט אַ ברייטן שפּיץ), מיט וועלכן ער האָט זיך דעמאָלט, אין דער לעצטער געפערלעכער מינוט, מכין געווען דורכצולעכערן דעם קאָרק פון דער קאַשעלאָטיכע...

איצט האָט אים דערדאָזיקער שפּיז געדינט פאַר אַ רו־דער.

מיט דעם לעצטן ביסל כוחות האָב איך מיך אַ ריס געטאָן פון וואַסער און זיך געוואָרפן צו קאָפּענען, צו אונדזער בעסטן און מוטיקסטן אָפיציר פונם „פליענדיקן וואָלקן".

פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז איך בין געראַטעוועט.

די סכנה האָט געמיטן...

איך האָב מיך אָבער טועה געווען.

אַז איך בין צוגעשווומען נאָענט צום קלאָץ, האָב איך דערזען אַ שטייף געזיכט מיט קאַלטע אויגן פון אַן אכזר.

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער וויל מיך אויסמיידן. ער האָט זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף מיר און האָט זיך אויס־

געדרייט דעם קלאָץ אין אַן אַנדער ריכטונג.

אויף זיין גלייכן שטרענגן רוקן, פאַרגאָסן מיט וואַסער און באַצויגן מיט שוים, ווי מיט וואַטע, האָב איך געלייענט: „גיי אַוועק, לאָז מיך צורו. איצט קען איך דיך נישט...״

אָבער איך האָב מיך דעמאָלט נישט געפונען אין אַזאַ שטימונג, וואָס זאָל אים קענען פאַרענטפערן: בשעת עס האַנדלט זיך וועגן לעבן און טויט, איז דאָך יעדער מענטש נישט מער, ווי אַ חיה, וואָס טראַכט נאָר פון זיך. צי קען מען אין אַזאַ צייט זיך דורכדרינגען מיט רחמנות און ליבע צום צווייטן?...

דער, וואָס איז שטאַרקער, דער איז מנצח און ראַטעוועט זיך דאָס לעבן.

און איצט, ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט, האָב איך אויך געוואָלט זיין שטאַרק און קעמפן מיט קאָפּעגעס פאַרן קלאָץ, דאָס הייסט, פאַר מיין קיום...

איך האָב אים נישט אָפּגעלאָזט און האָב אים גענומען נאָכיאָגן.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער קלאָץ איז איצט מיין יבשה, מיין אָנהאַלט, מיין רעטונג...

דערהערט, אַז איך שווים אים ענערגיש נאָך, האָט קאָפּען זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מיר. אין זיין געזונטער האַנט, הויך אויפגעהייבן איבער מיין קאָפּ, האָט שאַרף געבליצט דער שפּיז...

„צוריק! צוריק!״—האָט ער אַרויסגעברומט, ווי אַ פאַרווונדעטע חיה—„וואָרים איך וועל קיין סך נישט טראַכטן: איין־איינציקער קלאַפּ און דו ביזט טויט אויפן אָרט. צוריק, זאָג איך!״

זיינע אויגן האָבן געקוקט קעלטער פון ים, די אָדערן אויף

דער אויפגעהייבענער האַנט האָבן זיך רשעותדיק אָנגעצויגן.

איך האָב געזען, אַז ער וועט קיין איין מינוט נישט קווענק־לען: דער טויט האָט געשפּילט אויפן שפּיץ פון זיין בלישטשע־דיקן שפּיז.

אין דער אייגענער רגע האָט אַ כוואַליע געבראַכט צו שלעפּן דעם טויטן גוף, וואָס האָט זיך גענומען וויגן אויפן שטיקל שטח צווישן מיר און קאָפּענען.

דער אָפיציר פונם „פליענדיקן וואָלקן" האָט אַ קער געטאָן אַ קאַלט אויג צו דעמדאָזיקן שטומען גוף און געזאָגט:

„יאָ, דו וועסט אויך האָבן אַזאַ פּסק, אויב דו וועסט זיך פאַרעקשנען... ביל האָט זיך פאַרעקשנט. ער האָט דורכאויס גע־וואָלט זיצן צוזאַמען מיט מיר אויפן קלאָץ... דער קלאָץ האָט אָבער נישט געקענט איינהאַלטן צוויי נפשות אויף זיך, ד־האָב איך אים געזאָגט: גיי אַוועק, ביל! זאָגט ער: ניין! און אַט פאַר דעמדאָזיקן ניין ליגט ער איצט אַזוי אויפן וואַסער..."

אַ ווייל האָט ער געשוויגן און נאָכדעם מערדערלעך צו־געגעבן:

„אויב דו וועסט אויך זאָגן ניין, וועסטו האָבן בילס סוף!..."

ער האָט מער נישט באַדאַרפט רעדן. איך האָב פאַרשטאַ־נען, אַז איך וועל ביי אים געפינען דעם טויט שנעלער, ווי אין ים...

און איך האָב מיך אָפּגערוקט.

אַ פיינלעכער פאַרדראָס האָט מיר אָבער אָנגעפילט דאָס האַרץ, טרערן האָבן מיר אַרויסגעשלאָגן אויף די אויגן.

איך בין געווען זיכער, אַז דער קלאָץ וואָלט מיך אויך געקענט איינהאַלטן. איך האָב מיר געקענט ראַטעווען דאָס לעבן,

ווען נישט קאָפּענס רשעות און אכזריות. דעמדאָזיקן מענטשן איז, אַפּנים, לגמרי פרעמד יעדעס געפיל פון רחמנות און באַרעמהאַרציקייט...

אַ ווײַלע האָב איך אים באַגלייט מיט די אויגן, ווי ער זיצט אַזוי גלייך און שטייף אויפן קלאָץ מיטן לאַנגן שפּיז אין דער האַנט און רוקט זיך אַזוי לאַנגזאַם און זיכער אויפן וואַסער, און אַ געדאַנק האָט מיר בעת מעשה אַ ברען געטאָן דעם מוח: ווען איך האָב איצט אַ רעוואָלווער, דערשיס איך אים פּשוט און רויק, אָן שום מיטלייד, ווי מען דערשיסט אַ משוגענעם הונט אין גאַס...

איך וואָלט אים דערשאָסן נישט בלויז פאַרן קלאָץ, נאָר פאַר זיין האַרט קאַלט האַרץ, פאַר זיין ניכטערער אויסגערעכנטער אכזריות...

און דאָך האָב איך אים נישט געקענט אַוועקלאָזן פון אויג !...

דאָס איז געווען דאָס איינציקע לעבעדיקע פּינטעלע אין דעם גרויסן טויטן מדבר פון ים, און נישט ווילנדיק בין איך אים נאָכגעשווומען, אָבער אויף אַזאַ מהלך, אַז ער זאָל מיר נישט קענען טאָן קיין שלעכטס...

די רויטע פאַן.

דער דיקער קלאָץ, וואָס איז געשווומען פאָרויס און די שטייפע געשטאַלט, וואָס איז געזעסן אויף אים מיטן שפּיץ אין דער האַנט, האָבן מיר צוגעגעבן פרישע כוחות, און איך בין זיי לייכט נאָכגעשווומען.

דער מהלך צווישן מיר און דעם קלאָץ האָט זיך אויף קיין איין רגע נישט געמינערט אָדער פאַרגרעסערט.

איך האָב געאַרבעט נישט בלויז מיט די הענט און פיס, נאָר אויך מיטן אויג.

מיין כוונה איז געווען אַ פשוטע: נישט אָפּצושטיין פון קלאָץ.

סוף-כל-סוף בין איך געקומען צו דעם געדאַנק, אַז קאָפּען, מעג ער זיין אַן אכזר און אַ רוצח, איז ער מיר דאָך נייטיק און טייער אין דעם מאָמענט, ווייל ער איז דאָך אַ מענטש!

לעבן אים פילט זיך דאָך נישט אַזאַ איינזאַמקייט, און

דער פחד פאַרן טויט אויף די קאַלטע כוואַליעס פון ים ליגט זיך נישט אַרויף אויפן האַרץ מיט אַזאַ משא, מיט אַזאַ פײַנלעכן דרוק.

שטאַרבן איינער און אַליין, ווייט פון מענטשלעכע אויגן, אפילו פון שלעכטע קאַלטע אויגן, האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי מאוימדיק, אַזוי גרוילעך, אַז די נאַסע האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך מיר אויפגעשטעלט...

דער צוציטערטער דמיון האָט מיר שוין געמאָלט אַ באַ־קאַנט בילד: איך וויג מיך אַ טויטער אויף די כוואַליעס, אַהין און אַהער, ווי ביל, און די רויבפייגל פון ים שאַרפן שוין די שנאָבלען: עס גייט זיי וועגן מיין אָרעמען גוף...

אַך, דידאָזיקע פאַרצוקערישע ים־פייגל הער איך נאָר איצט איבער מיין קאָפּ: זיי פליען איבער מיר און שרייען מיט שניידיקע אומגעדולדיקע קולות...

זיי וויסן, די דאָזיקע לופטיקע ברואים, אַז איך געהער נישט צו די ים־באַשעפענישן און דעריבער מוז איך פריער אָדער שפּעטער אומקומען—איך מוז דערטרונקען ווערן, און ווי באַלד, אַז דערטרונקען ווערן, טאָ זאָל עס געשען וואָס גיכער, ווארים זיי ווילן עסן. עס שמעקט זיי די סעודה פון מיין פלייש...

איך האָב מיך צוגעהערט מיט שוידער צו זייערעווילדע געשרייען און בין אַלץ נאָכגעשווומען נאָך דעם קלאָץ.

פון צייט צו צייט האָט קאַפּען אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ און איך האָב פונדאָסניי דערזען אַ פּנים מיט קאַלטע גזלנישע אויגן און פאַרפרעסטע ליפּן.

מיר האָבן ביידע געשוויגן.

זיין שטייפער רוקן איז מיר געווען אומגעהייער פרעמד

און פיינטלעך און האָט מיר פאַרשאַפט גרויסע יסורים. ווי נעמט מען אַ מעסער, אַריינצושטעקן עס טיף, טיף אין דעם־דאָזיקן רוקן, אַזוי, אַז דאָס וואַרעמע בלוט זיינס זאָל באַפאַרבן דעם ים, ווי דאָס בלוט פון קאַשעלאָט?...

מיט אַזוינע רעיונות און שפּירונגען בין איך אים כסדר נאָכגעשוווממען, אָבער אַלץ אויף איין מהלך—נישט ווייטער און נישט נענטער. הגם עס זענען אויך געווען אַזוינע מינוטן, ווען איך האָב מיך געוואָלט אונטערגנבענען צו אים און פאַרפירן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט...

אָדער ער, אָדער איך!

וואָרים קיין אויסגאַנג האָב איך סיי ווי סיי נישט געזען פאַר זיך. דער סוף איז דאָך אַלצאיינס געווען דער טויט, טאָ צו וואָס זאָל איך וואַרטן?

אָבער איך האָב מיך באַרויקט ווי עס איז און בין ווייטער געשוווממען נאָכן קלאָץ.

ביי ד״ה רוישיקע כוואַליעס, בשעת מיר פלעגן זיך ביידע ראַנגלען פאַרן אָרעמען נאַרישן קיום, פלעגן זיך עפּעטער באַגעגענען אונדזערע אויגן...

מיר האָבן אָבער ביידע געשוויגן, און יעדער פון אונדז האָט אויף זיין שטייגער זיך געראַטעוועט דאָס לעבן.

נאַטירלעך, אים איז געווען אַ היבש ביסל לייכטער, ווי מיר, אָבער ער איז נאָך אויך נישט געווען ביי זיך אינדער־היים.

די סכנה ד״האָט אים אויך אַזוי געטרייסלט מיט אירע גליענדיקע פינגער, פונקט ווי מיך.

מיר האָבן ביידע קיין אויסוועג נישט געהאַט.

ער האָט זיך בלויז געקענט האַלטן עטוואָס לענגער אויפן

וואַסער, נישט מער.

און אַט האָב איך איינמאָל, אין אַ שווערער מינוט מיט די כוואַליעס, באַמערקט זיינע קאַלטע אויגן, אויסגעשטעלט אויף מיר...

אָבער אין דידאַזיקע אויגן איז געווען עפּעס אַן אויסדרוק, אַ געדאַנק, אַ געפיל...

ער האָט נאָך קיין איין מאָל אַזוי נישט געקוקט אויף מיר.

וואָס האָט ער געוואָלט? וואָס איז ער אויסן געווען? וואָס האָט זיך באַוועגט אין אים?

איך האָב מיך דערמאָנט, אַז ער איז בעצם גאָרנישט געווען קיין שלעכטער מענטש.

קיין שום מענטש אויפן „פליענדיקן וואָלקן" האָט אים קיינמאָל נישט חושד געווען אין אכזריות, רשעות און שלעכטס. פאַרקערט, מען האָט אים תמיד געהאַלטן פון די בעסערע, פון די־יעניקע שווייגער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ גוט האַרץ.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אויפן ים, פאַר די אויגן פון אומפאַרמיידלעכן טויט, האָט זיך אין אים שטאַרק דערוועקט דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג.

ער האָט געוואָלט בלייבן לעבן!

און דעמאָלט, אין אַזאַ מאָמענט, ווייס מען נישט פון רחמנות און ליבע. אַזוי איז עס שוין דאָס טרויעריקע געזעץ פון דער נאַטור, וואָס וועט נאָך אפשר אַמאָל געבראָכן ווערן פון מענטשן, אויב זיי וועלן קומען צו אַ העכערער מדרגה פון אַנטוויקלונג.

דערווייל אָבער איז עס אַזוי.

קאַפּען האָט מיך נאָכאַמאָל אָנגעקוקט און אַלץ מיט דעם אויסטערלישן בליק, וואָס פריער. ער האָט געזען, ווי איך שווים,

אַן אויסגעמאַטערטער און אַן אויסגעפּייניקטער, ווי די כוואַליעס דעקן מיך צו און דעקן מיך אָפּ, און ער האָט זיך פּלוצלונג צוגערופן:

„בראַווער יונג, וואָס דו ביזט, איך לייד צוליב דיר... עס קאָסט מיר געזונט, וואָס איך קען דיר נישט העלפן... דו זעסט דאָך אַליין, דער קלאָץ וועט אונדז ביידן נישט איינהאַלטן... מיר וועלן ביידע אומקומען. וואָס טוט מען? ווי אַזוי העלפט מען דיר?"

דאָס זענען געווען ב יי ע ווערטער, וואָס האָבן מיר געקלונגען, ווי זיסע מוזיק אין דעם גרויסן מדבר פון ים.

אויפגעמונטערט פון דידאָזיקע ווערטער, האָב איך מיך עטוואָס דערנענט צו אים און געזאָגט:

„יאָ, איך ווייס אויך, אַז דער קלאָץ וועט אונדז ביידן נישט איינהאַלטן, אָבער אייער האַרציק וואָרט איז שוין אויך אַ פאַרלייכטערונג פאַר מיר..."

און איך האָב ווייטער געזאָגט מיט אַ ציטריקער אויפריכטיקייט:

„איר זיצט אויף אַ קלאָץ, איר זענט העכער פאַר מיר, קענט איר בעסער זען דעם ים, ווי איך. אפשר באַמערקט איר ערגעץ אַ זעגל, אַ שיף, אונדזערע, צי אַ פרעמדע?"

קאַפּטען האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ און זיך גוט אַרומגעקוקט. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט, עפּעס אַ שטאַרקע אומרויקייט איז מיך באַפאַלן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך ווי איינגעשרומפּן און שטיל באַמערקט:

„איך זע גאָרנישט."

איך האָב אָבער נישט נאָכגעגעבן.

„ניין, איר האָט צו ווייניק געקוקט,״—האָב איך געזאָגט— „עפּעס גלויבט זיך מיר נישט, אַז מיר זאָלן זיין אַזוי ווייט פון אונדזער שיף, אַז מיר זאָלן זי נישט זען. איר הייבט נאָר אויף גוט דעם קאָפּ מיט די אַקסלען, איך בעט אייך...״

„אָבער איך זע דאָך גאָרנישט !״—האָט קאָפּען געענטפערט מיט אַ ווידערווילן.—„איך גלויב נישט, דו זאָלסט זיך קענען ראַטעווען ביי אַזאַ לאַגע. פאַרפאַלן...״

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז ווייטער געשווומען, און איך בין אים נאָכגעשווומען, ווי פריער.

דאָך האָב איך איינגעזען, אַז עס פאַלט אויף אים שווער מיין נאָכשלעפּן זיך. אפשר האָט ער מיר נישט געטרויט? אפשר איז אים איינגעפאַלן, אַז איך האָב נאָך בדעה מיט אים זיך צו ראַנגלען פאַרן קלאָץ? אפשר האָט ער געטראַכט, אַז איך האָב ביי זיך ערגעץ אין אַ נאַסער קעשענע פאַרבאָרגן אַ מעסער, מיט וועלכן איך וועל אים באַפאַלן פון הינטן?

גאָט ווייס, וואָס ער האָט דעמאָלט געטראַכט, אָבער געזען און געפילט האָב איך, אַז ער וואָלט געוואָלט פון מיר פּטור ווערן.

מעגלעך, אַז ס׳האָט אים אויך געשטערט דאָס רחמנות-געפיל צו מיר, וואָס האָט אים אַזוי ווי געבונדן די הענט און אָפּגעשוואַכט די ענערגיע...

נישט אַלעמאָל, קענטיק, שטאַרקט אַ רחמנות-געפיל צו אַ מענטשן...

פּלוצלונג האָט ער אַ קוק געטאָן לינקס פון זיך מיט אַ פאַרטיפטן בליק.

„וואָס זעט איר דאָרט?״—האָב איך געפרעגט—„אפשר אונדזערס אַ שיפל?״

ער האָט ניט געענטפערט און האָט אַלץ געקוקט אין דערזעלבער ריכטונג.

צולעצט האָט ער געזאָגט:

„דאָרט זע איך עפּעס אַזוינס... ווי אַ רודער וואָלט געשווומען...״

איך בין אונטערגעשפּרונגען אויפן וואַסער. דידאָזיקע ידיעה האָט מיך געהייבן פון אָרט.

„וווּ?״—האָב איך געפרעגט—„ווּ זעט איר אַ רודער?״

„אָט דאָרט... לינקס... שווים צו אַהין, וועסטו זען... איך מיין, אַז ס׳איז פּאַרט אַ רודער״.

איך האָב מיך אַ וואָרף געטאָן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג. אַרויסגעשטרעקט הויך דעם קאָפּ פון וואַסער, האָב איך באמת עפּעס געזען. איך האָב פאַרשטאַרקט מיינע כוחות און בין מיט דעם גרעסטן אימפּעט געשווומען צו דעמדאָזיקן „עפּעס״. אָבער אַז איך האָב דערגרייכט מיין ציל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ לאַנג ים־גראָז, וואָס האָט זיך באַלד אַרומגעוויקלט אַרום מיר און האָט מיר געבונדן הענט און פיס...

איצט איז שוין באמת געקומען מיין וויסטער סוף.

נאָך אַ לאַנגן קאַמף מיט אָפּגעשוואַכטע הענט און פיס, איז מיר דאָך געלונגען זיך צו באַפרייען פון דעמדאָזיקן פאַרשאָלטענעם גראָז, און איך האָב מיך צוריק אומגעקערט צום קלאָץ און צו יענעם, וואָס האָט, קענטיק, גוט געקענט דעם כאַראַקטער פון דערדאָזיקער ים־פלאַנץ און וואָס האָט דורך איר געוואָלט זען מיין טויט.

איך האָב מיך ווידער אָנגעצונדן מיט כעס און האָב צו דעם אכזר, צו דעם ים־מענטש, וואָס האָט אין ברען פון זיין אייגנאַרטיקער פּראָפעסיע פאַרלאָרן די גוטע אייגנשאַפטן פון

זיין האַרץ...

אַ מענטש אָן אַ האַרץ, אַ שטיין, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן!

און אין מיר האָט אַזוי געברויזט און געברענט דער גרימצאָרן, אַז איך האָב לגמרי פאַרגעסן, אַז אַלע שאַנסן זענען אויף זיין זייט.

קאַפּען איז זיכער שטאַרקער פון מיר, דערצו איז ער נאָך אַזוי פּראַקטיש און געניט, אַז קעגן אים בין איך ממש אַ קינד. אויסערדעם, איז ער געווען באַוואָפנט.

איך האָב אָבער קיין שום געווער נישט געהאַט. ווי אַזוי הייבט מען אָן אַ קאַמף מיט אַזאַ ריז?

איך בין אָבער געווען יונג און געזונט און מוטיק, און איך האָב מיר געזאָגט, אַז איך מוז מיך מיט אים אָפּרע־כענען.

מיין לעבן איז סיי־ווי פאַרשפּילט. לאָמיר כאָטש געבן אַ לעקציע אַן אכזר...

זאָל ער אויך גיין צוזאַמען מיט מיר אויפן גרונט, אָדער — איך וועל זיצן אויפן קלאָץ מיטן שפּיז אין דער האַנט...

איך האָב שוין גענוג געשווימען, שוין צייט, ער זאָל אויך אַ ביסעלע שווימען און מיר נאָכקוקן, ווי אַ הונט, מיט פאַרבענקטע אויגן.

און אָט האָב איך מיך ביסלעכווייז דערנענט צו דעם־יעניקן, וועלכן איך האָב געהאַלטן פאַר אַן אכזר און אַ רוצח, פאַר מיין גרעסטן פיינט...

אונדזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט...

זיינע קאַלטע בליקן האָבן מיך דורכגענומען, ווי מיט מעסערס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער פאַרשטייט מיינע

רעיונות, אז ער שטייסט זיך אָן, וואָס איך וויל פאַרנעמען...

„דו האַלט דיך אַ ביסעלע ווייטער פון מיר״, — האָט ער געמורמלט, — „עס פּלאַצט מיר שוין דאָס געדולט... עס וועט דאָך מוזן קומען דער מאָמענט, ווען איך וועל אויפהייבן דעם שפּיז און וועל דיר עפענען דעם קאָפּ! אַלזוי, הער, וואָס מען רעדט צו דיר...״

אָבער איך האָב מיר גאָרנישט געמאַכט פון זיינע ווערטער. איך האָב געהאַלט שטאַרבן, אָבער פריער מוז זיך אָפּשפּילן זיין טויט פאַר מיינע אויגן.

פאַר דעם שווינדל מיטן ים־גראָז איז ער ווערט זעקס קוילן אין טריפענעם הינטישן האַרץ אַריין!

איך האָב מיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָב אים געפרעגט, קוקנדיק אים שטרענג אין די קאַלטע אויגן אַריין:

„מיסטער קאַפּען, ענטפערט נאָר ערלעך, האָט איר געוווּסט, אַז איר שיקט מיך, אַ טויט־מידן, שווימען נישט צו אַ רודער, נאָר צו אַ געפערלעכן ים־גראָז?״

און קאַפּען האָט רויק געענטפערט:

„ניין, איך האָב נישט געוווּסט. אַגב, האָב איך דיך גאָרנישט פאַרזיכערט, אַז דאָס איז דורכויס אַ רודער. מען האָט געשמועסט, אַז עפּעס שווימט דאָרט אַרום...״

„איז עס אמת, מיסטער קאַפּען? צי קענט איר מיר שווערן, אַז דאָס, וואָס איר זאָגט, איז אמת?״

און קאַפּען האָט ווידעראַמאָל רויק געענטפערט:

„איך שווער מיך קיינמאָל נישט. און צו וואָס זאָל איך דיר זאָגן אַ ליגן? אפשר מיינסטו, אַז איך שרעק מיך פאַר דיר? דו זעסט דעם שפּיז? דאָס איז דער בעסטער אמת. מיט אָט דעם אמת קען מען מנצח זיין דעם גרעסטן העלד אויפן

וואַסער, ווי מיינסטו?... אָבער מיר פעלט גאָרנישט איין צו טאָן דיר שלעכטס..."

ער האָט אַזוי ווי אויפגעציטערט און ווייטער געזאָגט:

„דערווייל זע איך נאָר, אַז דו ביזט אַ ווילער און אַ בראַווער יונג, און עס קאָסט מיר ממש געזונט, וואָס איך קען דיר נישט העלפן. איך האָב גרויס פאַרדראָס דערפון. איך מיין, אַז דו פילסט עס אַליין אויך. איך ווייס נישט, צי דער קלאָץ איז בכוח מיך אַליין צו ראַטעווען, אָבער ביידן וועט ער אַוודאי און אַוודאי נישט קענען אַרויסהעלפן. דער קלאָץ קען נאָר אפשר העלפן איין מענטשן..."

אַ מאָדנע זאַך: איצט, נאָכדעם, וואָס ער האָט געזאָגט, האָב איך אים פונדאָסנייַ געגלייבט און דאָס האַרץ איז מיר אָפּגעגאַנגען.

דער אכזר און דער רוצח איז צוריק געוואָרן אַ מענטש, מיט וועלכן מען קען רעדן, אויף וועלכן מען קען קוקן אָן כעס און האַס.

איך בין אָבער געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איך האָב מיך שוין נישט געקענט פרייען מיטן געפונענעם מענטשן...

מיר האָט זיך געוואָלט שטאַרבן.

איך האָב געטראַכט: לאָמיר נאָר אויפהערן צו מאַכן מיט די הענט, לאָז איך מיך אַראָפּ צום גרונט, און אַן עק צו אַלע מיינע צרות.

ס'איז אייגנטלעך אַ לייכטער טויט...

צו וואָס זיך מוטשען, צו וואָס אַזויפיל ליידן, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום האָפענונג אויף עפּעס אַ ישועה? פונוואַנען קען אונדז דאָ קומען הילף און ווער קען אונדז דאָ קומען צו הילף? משוגעת!

נאָר אָט האָט מיר ווידער גענומען קלינגען אין אויער קאָפּענס וואָרט, און אין טאָן פון דעמדאָזיקן וואָרט האָב איך געפילט אַ טיפע סימפּאַטיע פון אַ מענטשן, וואָס נעמט זיך שטאַרק צום האַרצן מיין ביטערע לאַגע.

„ליבער מעסי,“—האָט ער געזאָגט,—„אויב דו גיסט מיר דיין וואָרט, אויב דו זאָגסט מיר צו, אַז דו וועסט מיר צוריק אומקערן דעם קלאָץ, גיב איך דיר אים אויף אַ קליינער צייט... דו וועסט זיך קענען אויסרוען אויף אים. איך בין אַ שלעכטער שווימער, דאָך אָבער וועל איך מיך קענען האַלטן אויפן וואַסער אַ שטיקל צייט...“

זיינע קאַלטע אויגן האָבן זיך פּלוצלונג אָנגעצונדן מיט עפּעס אַ פייערל, און ער האָט ווייטער געזאָגט:

„מיר וועלן זיך ראַטעווען, אויב מיר וועלן דאָ פּאַקן אויף די כוואַליעס אונדזער קאַשעלאָט... איך מיין, אַז ער דאַרף דאָ ערגעץ זיין נישט ווייט פון אונדז... אַ טויטער קאַשעלאָט באַוועגט זיך פּאַוואָליע אויפן וואַסער... מיר קענען זיך גאָרנישט שלעכט איינאָרדנען אויף זיין רוקן, ביז וואַנען עס וועט אונדז קומען צו הילף דער „פליענדיקער וואָלקן“ אָדער זיינע שיפּ-לעך. וואָרים עס קען דאָך נישט זיין, אַז די לייט פון דער שיף זאָלן אונדז נישט אַרומזוכן... אונדזער ישועה ליגט נאָר אין אונדזער אויסדויער אויפן וואַסער, אין אונדזער קענען אויסוואַרטן און אויסהאַלטן, פאַרשטייסט?“

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן, נאָכדעם זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן קלאָץ און האַרב אַ זאָג געטאָן:

„דו קריגסט, באַטירלעך, דעם קלאָץ, אָבער פריער מוזטו מיר געבן אַ שבועה...“

„וואָס נאָר אַ שבועה?“—האָב איך אַ פרעג געטאָן.

„דו באַדאַרפסט זאָגן: איך שווער מיט דער האָפענונג אויסגעלייזט צו ווערן פון דעמדאָזיקן אומגליק...“

אָפּגעגעבן אים דידאָזיקע שבועה, בין איך אין אַ מינוט אַרום שוין געזעסן אויפן קלאָץ. אַך, ליבער גאָט, וואָס פאַר אַ תענוג איך האָב באַלד דערשפּירט אין די אָפּרוענדיקע הענט און פיס און אין דעם זיצנדיקן גוף מיט דעם הויך אויפגעהייבענעם קאָפּ!

דער ים מיטן הימל האָבן באַקומען גאָר אַנדערע, ל עי ב ע ד י ק ע, פאַרבן אין מײַנע אויגן און האָבן מיר צוגעזאָגט גליק און ישועה.

זיצנדיק אויפן קלאָץ, האָב איך ערשט רעכט פאַרשטאַנען, אַז מיין גליענדיקער כּעס און מײַנע שווערע טענות צו קאָפּעגען האָבן קיין שום גרונט נישט געהאַט: דער קלאָץ וואָלט בשום אופן נישט אויפגעהאַלטן אויף זיך קיין צוויי מענטשן, און וויבאַלד אַזוי, איז דאָך קאָפּען נישט אומגערעכט געווען דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוואָלט דערטרונקען ווערן, כּדי איך זאָל נישט דערטרונקען ווערן... דאָס וואָלט געווען אַ צו גרויסער אומבאַרעכטיקטער קרבן פון זיין זייט.

איצט האָט ער געשווומען לעבן מיר, ווי איך פריער לעבן אים, און יעדע באַוועגונג, וואָס ער האָט געמאַכט מיט דער האַנט אויפן וואַסער, האָט מיך שטאַרק גערירט.

„דו נעם דעם שפּיז אויך, מעסי,“—האָט ער זיך אָנגערופן, — „און שווים מיטן פּנים צו דער זון. מיר פאַלט אַלץ איין, אַז אונדזער שיף געפינט זיך דאָרט אין יענער זייט.“

אַך, גוטער ליבער קאָפּען, ווי מען טאָר נישט שאַצן אַ מענטשן מיט אַ בייז הארץ און ווי כּעס און גרימצאָרן האָבן טיילמאָל נישט קיין גערעכטן באָדן אונטער זיך!

אויסגעטריקנט זאָלן מיר ווערן הענט און פיס און דער־טרונקען זאָל איך ווערן אין ים, אויב מיר וועט איינפאַלן די קלענסטע מחשבה צו טאָן שלעכטס דעמדאָזיקן מענטשן, וואָס האָט מיר מיט אַזאַ פיינער האַרציקייט אָנפּאַרטרויט אין דעמ־דאָזיקן גרויסן אומגליק זיין קלאָץ מיטן שפּיז.

נישקשה, איך וועל צאָלן קאַפּענען מיט דער אייגענער מטבע! ער מעג זיך רויק האַלטן אויפן וואַסער לעבן מיר...

זייער לייכט און שנעל האָב איך מיך געקענט אַוועק־גליטשן מיטן קלאָץ אין יענער ריכטונג, ווו עס האָט זיך באַ־דאַרפט געפינען אונדזער שיף, לויט קאַפּענס השערות, אָבער איך האָב עס נישט געטאָן, ווייל מיין בידנער חבר איז געווען אַ שוואַכער שווימער, און איך האָב אים נישט געוואָלט צופיל אָנשטרענגען.

שפּעטער האָב איך אים מיט גרויס דאַנק איבערגעגעבן דעם קלאָץ מיטן שפּיז...

איך בין געלעגן אויפן וואַסער און ער איז געזעסן אויפן קלאָץ.

אַזוי האָבן מיר זיך עפּעס געטוישט און אָפּגעהיט איינ־אַנדער, ווי צוויי טרייע ברידער.

יעדער פון אונדז האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן די אויגן אויפן האָריזאָנט, כסדר געזוכט און געבענטשט איינעם גרויסן מדבר פון ים עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים געבן אַ צייכן פון הילף.

מיר האָבן געזוכט די שיף, די קליינע יאַגד־שיפלעך, דעם טויטן קאַשעלאָט...

מיר האָבן געזוכט אונדזער לעבן אויף די בייזע כוואַ־ליעס פון ים.

קיינער פון אונדז האָט נישט געטראַכט פון עסן, פון טרינקען, פון אַ ביסעלע מנוחה. די נערוון זענען געווען אָנגע־שטרענגט אויפן העכסטן גראַד.

פאַראַן אומפאַרגעסלעכע מינוטן אין לעבן, און אָט שטייט מיר אין זכרון איין מינוט אַזאַ...

איין גליקלעכע מינוט!

דעמאָלט בין איך גראַדע געזעסן אויפן קלאָץ און איך האָב געררוט... בײַ דער זײַט איז געשוואומען מײַן חבר מיט אַ צוגעבויגענעם קאָפּ צום וואַסער.

איך האָב אויפגעריסן די אויגן, ווי ווײַט איך האָב גע־קענט און האָב מיט פֿײַנלעכער בענקשאַפט געזוכט אונדזער ישועה...

און אָט האָב איך עפּעס דערזען אויף די כוואַליעס...

עפּעס אַ רויטער פלעק, אַ מין טיכל, צוגעפעסטיקט צו אַ דין שטעקעלע האָט זיך אומגעוויגט אויפן וואַסער...

און איך האָב מיך באַלד דערמאַנט: ליבער גאָט, דאָס איז דאָך די רויטע פאָן, וואָס איז אַרײַנגעזעצט געוואָרן אינם ברייט־שטחדיקן רוקן פונם טויטן קאַשעלאָט!!

„הוראַ!“—האָב איך אויסגעשריען און האָב באַלד אויפ־געציטערט פון מײַן אייגענעם געשריי...

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן קאָפּענס אויגן, וואָס האָבן אַזוי מיד און דאָך אַזוי לעבנווילנדיק אַרויפגעקוקט צו מיר פונם וואַסער...

איך האָב געזען, אַז עס ווערט אַרײַנגעשפּריצט אין זיי שמחה און האָפענונג...

איך האָב אים איבערגעגעבן דעם קלאָץ מיטן שפּיז, ער האָט זיך אַרויפגעזעצט (אָבער שוואַך, ער איז, קענטיק, געגוג

אָפּגעשוואַכט געוואָרן) אויף אים, פאַרוואָרפן די אויגן צו דער רויטער פאָן און אויסגערופן מיט התפעלות:

„יאָ, מיין ליבער מעסי, דאָס איז אונדזער רויט טיכל, אונדזער צייכן!.. איצט זענען מיר — אפשר נישט אינגאַנצן — אָבער דאָך געראַטעוועט! און הילף מוז קומען פאַר אונדז. וואָרים שיכּור, צי ניכטער, משוגע, צי קלאָר, נאָר קאַפּיטאַן דרינקוואָטער איז דאָך נישט אַזאַ מענש, וואָס זאָל קענען לייכט פאַרגעסן, אַז עלידזש קאָפּען האָט מיט אים דורכגעמאַכט צוועלף נסיעות. און איך קען מיר נישט פאָרשטעלן, אַז ער, אָט דער שיכּור דרינקוואָטער, זאָל לאָזן סתם אַזוי אַוועקפּגרן אויף די כוואַליעס זיין בעסטן אָפיציר, נישט אויספּרווונדיק פריער אַלע מיטלען און נישט אַדורכנישטערנדיק דעם ים אין דער לענג און אין דער ברייט. יאָ, קאַפּיטאַן דרינקוואָטער איז טאַקע אַ געפּערלעכער שיכּור, אָבער אַ האַרץ האָט ער דאָך!"

דערמיט האָט זיך געענדיקט אונדזער שמועס. איצט האָבן מיר געוואָלט וואָס ווייניקער רעדן און וואָס מער טאָן: מען האָט זיך באַדאַרפט דערקריגן צום קאַשעלאָט.

ער — אויפן קלאָץ מיטן שפּיז און איך — מיט די גאָלע הענט: מיר האָבן ביידע געאַרבעט, מיט נייע כּוחות געאַרבעט. עס איז דאָך באמת געגאַנגען אין אונדזער ישועה...

און אָט האָבן מיר זיך צוגעקריגן צום ריז, וואָס האָט, ווי אַן אומגעוואָרפענער באַרג, זיך אַרומגעוויגט אין וואַסער.

קאָפּען האָט קודם-כּל אַריינגעהאַקט זיין שפּיז אינעם פלייש פון דערדאָזיקער אויסטערלישער בריאה, נאָכדעם זענען מיר פּאַוואָליע אַרויפגעקראָכן אויף איר...

מיר האָבן זיך ביידע איבערגעקוקט. עס האָט געהייסן, אַז מיר זענען געראַטעוועט, אָבער נאָר אויף אַ צייט, אויף

דערווייל... אָן אַ שיף און אָן מענטשלעכער הילף איז די ראַ־טונג קיין רעטונג נישט.

אָבער ווער וויל עס טראַכטן, וואָס שפּעטער וועט זיין ?

דערווייל דאַרף מען אָפּציען דעם אָטעם, זיך אויסרוען, געבן מנוחה די האַלב פאַרגליווערטע הענט און פיס.

פּאַמעליע האָבן מיר זיך ביידע גערוקט אויף די קני צום דעם קאַשעלאָטס אויערן, צו יענעם אָרט, ווו עס האָט געשטעקט דער שטעקן מיטן רויטן טיכל...

און דאָ האָבן מיר ביידע פּלוצלונג אין איין קול אויס־געשריען, ווי אמתע משוגעים...

דאָרט, אין אַ גריבל, הינטערן טיכל, ביי די אויערן פון קאַשעלאָט, זענען... געלעגן (נעמט אייך אריין אין זכרון: גע־לעגן!) דריי חברים פון אונדזער שיפל, פון אונדזער אומגליק־לעכן שיפל!

זיי זענען געלעגן טויט־מידע, נאַסע און צעפּלאָסקעטע און זענען געווען ענלעך צו דריי הרוגים, וואָס קענען נישט קומען צו קבורה אויף דער יבשה...

עס האָט זיך, נאַטירלעך, אָנגעהייבן אַ גערעדעריי און אַ טומל און אַ באַוועגונג.

די דריי הרוגים זענען תיכף ומיד אויפגעשטאַנען תחית־המתים...

מען האָט זיך געדריקט די הענט, מען האָט זיך באַגריסט, מען האָט דערהערט אַ געלעכטער...

און מען האָט אָנגעהייבן פאַרציילן איינאַנדער, וואָס מען דאָט איבערגעלעבט און ווי אַזוי מען האָט זיך געמוטשעט ביז אַהער...

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן אויך געהאַט דאָס

אייגענע מזל, וואָס מיר, זיי האָבן זיך אויך געגוג אַרומגעוואַל־ גערט אין וואַסער! נישט מער, זיי האָבן זיך פ ר י ע ר אָנגע־ שטויסן אויפן וואַלפיש און זענען אַוועקגעפאַלן אויף איס אָן כוחות.

געענדיקט דעס ערשטן צעשפרונגענעם ווילדן שמועס, האָט עמעץ פלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

„זעט איר, מיר זענען אַלע דאָ, חוץ בילן... ווו קען זיין ביל, חברים? אונדזער פרייד איז קיין פרייד נישט אָן אים!... ער איז אַ גוטער חבר געווען...״

וואָס האָב איך געקענט ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַ־ גע? אין האַרץ האָט מיר עפּעס אויפגעציטערט, ווי עמעץ וואָלט מיר דאָרט אַ שטאָך געטאָן מיט אַ הייס שפּילקעלע...

אינסטינקטיוו האָב איך אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין קאַפּענס זייט: אונדזערע אויגן האָבן זיך געטראָפן. זיין בליק, אַ שאַר־ פער און אַ רעדנדיקער, האָט מיר דייטלעך געזאָגט: „האַלט ס'מויל און זיי אַ ברודער. צאַל מיט גוטס פאַר גוטס...״

און קאַפּען האָט זיך אָנגערופן צו די חברים:

„לײדער, פאַלט מיר איין, אַז ער איז דערטרונקען גע־ וואָרן... ווי קען מען זיך ראַטעווען אין אַזאַ ים? אַ גליק איז אונדז געשען, וואָס מיר האָבן געהאַט אַ שטיקעל קלאָץ... איר ווייסט, וואָס הייסט אַ ים אָן הילף?״

די חברים האָבן געשוויגן. מאַנכע זענען אַריינגעפאַלן אין מרה-שחורה.

„יאָ,״—האָט עמעץ פון זיי זיך אָנגערופן,—„דער קאַשעלאָט קען נישט זיין אונדזער ישועה. מיר זענען איצט ענלעך צו טויט־פאַרמשפּטע, וואָס די טויט-שטראָף איז זיי אָפּגעלייגט גע־ וואָרן אויף אַ קורצער צייט... וואָס וועט אָבער זיין שפּעטער?״

„וואָס וועט טאָקע זיין שפּעטער?"

אָט די פראַגע האָט מען איצט געקענט אַרויסלייענען פון יעדערנס אויגן, פון יעדערנס צעפלאָסנקייט און אָפּגעשוואַכט־קייט.

פון הימל איז מיטאַמאָל אַרויסגעפאַלן אַ שלאַקסרעגן. טאָמער איז אונדז ווייניק דער ים פון אונטן, האָבן מיר אַ ים פון אויבן.

דער עולם איז געזעסן מיט קלאַפּנדיקע ציין, מיט בלויע פּנימער, נעזער.

דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט.

פינף מענטשן, פאַרגעסן פון גאָט און פון לייט, האָבן געציטערט מיט זייערע אויסגעקילטע נשמות אויפן רוקן פון אַ וואַלפיש.

מיר האָבן זיך דערמאָנט, אַז היינט איז ווייַנאַכט, אַז אויפן „פליענדיקן וואָלקן" האָבן מיר אַ גרויסאַרטיקן מיטאָג, וויין, בראָנפן, קאָרטן, און עס האָט זיך געוואָלט בייסן די פינגער פון פאַרדראָס.

איינע נאָך די אַנדערע זענען מיר איינגעשלאָפן, צוגעטוליעט צו איינאַנדער, ווי נאַסע זעק. עס איז געווען קאַלט, און מיר האָבן אין איינאַנדער געזוכט אַ טראָפּעלע וואַרעמקייט...

מען האָט שווער איינגעכראָפּעט, מיט שווערע חלומות, מיט אַ קאָנוואולסיוון אויפציטערן פון הענט און פיס, מיט אַ פּלאָנטערדיקער גערײדעריי פון שלאָף, מיט פּלעצלעכע געשרייען און שלאָף־געוויינען...

און דער ריז אונטער אונדז האָט זיך מעסיק געוויגט צווישן די רוישיקע אומעטיקע נאַכט־כוואַליעס.

איך האָב קוים דערלעבט טאָג.

די זון האָט אַ גאָס געטאָן איר וואַרעם ליכט אויפן ים.
דער ים איז געווען רויק, די כוואַליעס האָבן זיך אויסגעגלעט.

דער עולם האָט זיך געקראַצט, געגענעצט...

מען האָט געוואָלט עסן.

מיר זענען געזעסן אויף הונדערטער פּודן פלייש, אָבער קיינער האָט נישט געהאַט קיין חשק אויסצושניידן אַ שטיקל פלייש פון דידאָזיקע פּודן און שטילן דערמיט דעם הונגער.

מיר האָבן נאָך אַלץ געהאָפט: טאָמער, טאָמער... טאָמער קומט די שיף און ראַטעוועט אונדז אַרויס...

עס הייבט זיך דאָך פאָרט אָן אַ נייער טאָג מיט אַ גאָלדענער זון און מיט נייע האָפענונגען...

אפשר וועט אונדז אָט דער טאָג דינען מיט הצלחה!

די רעטונג קומט.

אויפגעהייבן אויף די שפּיץ פינגער מיטן רויטן פענדל אין האַנט, איז קאַפּטען געשטאַנען אויף דעם העכסטן פּונקט פונם קאַשעלאָטס רוקן און האָט אויסגעקוקט דעם ים.

מיר, פיר מידע, אויסגעמוטשעטע מענטשן, זענען בעת־מעשה געלעגן אויפן וואַלפיש און מיט גרויס אָנשטרענגונג זיך צוגעקוקט צום ים.

„איך זע גאָרנישט,“—האָט קאַפּטען געזאָגט,—„נישטאָ נישט קיין שיף, נישט קיין שיפלעך... דערווייל איז ביטער.“

ער איז אַראָפּ צו אונדז אַ פאַרצווייפלטער, מיר האָבן געשוויגן.

מיר האָבן געוווסט, אַז קאַפּטען האָט די „אמתע ים־אויגן“, דאָס הייסט, אַז ער זעט זייער ווייט, אויף גאַנצע קילאָמעטערס, און וויבאַלד, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט אויפן ים, הייסט עס, אַז די ישועה איז נאָך גאַנץ ווייט פון אונדז.

דער הונגער האָט זיך אויך גענומען צו אונדז מיט אַלע כּלים. זייער גרויס איז געווען אונדזער פאַרשמאַכטקייט, אָבער מיר האָבן זיך נישט געקענט העלפן דערצו.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין פייער, און יעדער פון אונדז האָט דערוויל מיט גרויס עקל געקוקט אויף די בערגער פלייש פון וואַלפיש. עסן רוי פלייש און נאָך רוי פלייש פון אַ וואַלפיש — וואָס קען זיין ערגער און איבלדיקער דערפון?

צוזאַמען מיטן הונגער איז אויך געגאַנגען דער דאָרשט. די פאַרטריקנטע ליפן האָבן זיך עפּעס געשפּאָלטן, אין האַלדז איז געווען טרוקן און געזאַלצן...

אַז די זון האָט זיך געשטאַרקט, איז העכער אַרויף אויפן הימל און האָט פאַרגאָסן דעם וואַלפיש מיט ליכט, איז יעדער פון אונדז געווען גרייט אָפּצוגעבן אַלץ, אויסער דאָס לעבן, פאַר אַ טראָפּעלע וואַסער...

אָבער ווו נעמט מען עס?

בייטאָג האָט דער דאָרשט אַזוי פאַרכאַפּט די אויסגעמוטשעטע גופים אונדזערע, אַז מאַנכע חברים האָבן פאַרוואָרפן די קעפּלעך, ווי אָפּגעשוואַכטע הינדלעך...

אַנדערע, ווידער, האָבן געפּרוווט אויסרייסן שטיקער פלייש פון קאַשעלאָט און צוגעטראָגן זיי צו די ליפן...

אָבער דאָסדאָזיקע מיטל האָט אויף קיין איין האָר נישט פאַרלייכטערט דעם דאָרשט: דאָס פלייש איז געווען צופיל אָנגעזאַפּט מיט זאַלץ.

אַ פּאָר מאָל האָבן מיר געהערט דעם זיס־פייגלעכן אויסגעשריי:

„אַ זעגל!"

עס איז אָבער געווען נישט קיין זעגל, נאָך וועלכן מען

האָט אַזוי געלעכצט, נאָר אַ פליגל פון פייגל, אין וועלכן דאָס פאַרצווייפלטע אויג האָט זיך טועה געווען...

מען האָט געלעבט אויפן וואָלפיש העכסט נערוועיש, שטאַרק צוטראָגן און פאַרצווייפלט.

און אַז עמעץ האָט צום דריטן מאָל אויסגעשריען:

„אַך, אַ זעגל!"

האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט: מען האָט שוין איינ־אַנדער נישט געגלויבט...

דאָסדאָזיקע מאַגישע וואָרט האָט אפילו דאָסמאָל אויסגע־שריען נישט קיין אַנדערער, נאָר טאַקע עלידזש קאָפּען אַליין, און דער אויסדרוק פון זיין קאַלטן שטייפן פנים האָט אונדז באַדאַרפט איבערצייגן, אַז דאָ קען קיין שום טעות נישט זיין. אָבער דער עולם איז געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז מען איז גע־זעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

קאָפּען האָט ווידעראַמאָל איבערגעחזרט דאָסדאָזיקע ווערטל, וואָס האָט אונדז געבלישטשעט אין די אויגן, ווי גאָלד און דעמאָלט האָט מען זיך אויפגעהייבן אויף די שפּיץ פינגער, אויס־געצויגן די העלדזער און געגומבען קוקן אין יענער ריכטונג, ווו קאָפּען האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער.

דאָרט, ווייט ביים האָריזאָנט, האָט זיך געזען עפּעס אַ ווייסער פלעק, און דערדאָזיקער אויסטערלישער פלעק איז בשום אופן נישט געווען ענלעך צו אַ פליגל פון אַ ים-פייגל.

מיר האָבן זיך איבערגעקוקט מיט טיף־שווייגנדיקע בליקן, מיט אויפגעהייבענע האָר אויפן קאָפּ...

איז עס באמת אַ זעגל?

אין פינף מינוט אַרום ד״האָט יעדער אייגער פון אונדז געשאָקלט משוגענערווייז מיטן קאָפּ און געשריען מיט ווילדע

קולות:

„אַ זעגל! אַ זעגל!! אַ זעגל!!!"

דער זעגל האָט זיך ראַש דערנענט, און מיר האָבן דער־קענט דעם „פליענדיקן וואָלקן..."

די שיף איז געבליבן שטיין און האָט פראָפּעלאָזט פאַר אונדז אויפן וואַסער דריי שיפלעך. עס וואָלט אייגנטלעך געווען גענוג איין שיפל, אָבער קאַפּיטאַן דרינקוואָטער איז שוין אַזאַ מענטש, וואָס האָט ליב אָוועקצולייגן צוויי דאָזן מיט איין קלאַפּ.

איך בין זיכער, אַז אין דעם מאָמענט, ווען ער איז גע־שפּרונגען פון שמחה, וואָס מען האָט געפונען די פאַרפאַלענע מענטשן אין ים, האָט ער דאָך נישט פאַרגעסן, אַז דידאָזיקע מענטשן האָבן פריער אָוועקגעלייגט אַ קאַשעלאָט, וואָס פאַרמעגט אפשר אַ הונדערט טאָן אייל, און דעריבער באַדאַרף מען אים באַזאָרגן צוגלייך מיט די מענטשן...

מיר, אָבער, אויסגעמוטשעטע און אויסגעפייניקטע, האָבן פאַרגעסן אין אַלע קאַשעלאָטן און אין אַלע ביזנעס פון דער וועלט, און איינע נאָך די אַנדערע, מיט אַ חילדן אימפּעט, גע־שפּרונגען פון חאַלפיש אין שיפל אַריין.

מיט גרויס מי האָבן מיר זיך נאָכדעם אַרויפגעקריגן פון שיפל אויפן „פליענדיקן וואָלקן", וווּ יעדער איינער פון אונדז האָט געציטערט פון שוואַכקייט מיט די הענט און פיס.

דער קאַפּיטאַן האָט אונדז אָנגעקוקט מיט אַ וואַרעמען שמייכל (פאָרט אַ גוטער מענטש געווען!) און באַלד געפרעגט:

„און וווּ איז ביל? עפּעס זע איך אים נישט?"

צום צווייטן מאָל האָבן זיך מיינע אויגן געטראָפן מיט קאַפּענס, און צום צווייטן מאָל האָבן זיי מיר געזאָגט: „האַלט

ס׳מויל! זיי אַ מענטש און צאָל מיט גוטס פאַר גוטס!...״

„דערטרונקען געוואָרן!״—האָט ער געמאָלדן דעם קאַפּי־טאַן.

איך האָב געשוויגן, נאַטירלעך. ווי אַזוי האָב איך געקענט אַנטפּלעקן דעם אמת, ווען קאַפּען האָט מיר דאָך געראַטעוועט דאָס לעבן? און ווי צאָלט מען טאַקע אַ מענטשן מיט שלעכטס פאַר גוטס, און נאָך וואָס פאַר אַ גוטס—דאָס לעבן אַליין...

דעם צווייטן קאַשעלאָט—די מאַמע מיטן קינד—וואָס צוליב זיי האָט זיך אָפּגעשפּילט די גאַנצע טראַגעדיע אויפן ים, האָבן מיר פאַרלאָרן צווישן די כוואַליעס, ווי מיר האָבן פאַרלאָרן אונדזער שיפל. אָבער דער ערשטער קאַשעלאָט מיטן רויטן פענדל האָט אונדז געגעבן אַזויפיל אייל, אַז ער האָט געדעקט דעם חשבון פון דער גאַנצער יאַגד-אונטערנעמונג.

מיר האָבן שוין מער נישט געהאַט וואָס צו טאָן אין שטילן אָקעאַן, האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט קיין ניי־בעדפאָרד און גע־קומען בשלום אין האַפן.

אַנשטאָט אַ יאָר, ווי מיר האָבן פריער פּראָוויזאָריש באַ־רעכנט, האָט זיך מיין ערשטע ים־נסיעה געצויגן דווקא גאַנצע צוויי יאָר, ווי עס טרעפט, איבעריקנס, זייער אָפט. ביי אַזאַ נסיעה איז בכלל נישטאָ קיין באַשטימטער טערמין.

איצט האָט מען אייגנטלעך געקענט מיינען, אַז איך האָב מיך באַפרייט פון ים און זיין כשוף, אָדער, לפחות, פונם וואַל־פיש־יאַגד. האָב איך דאָך עפּעס איבערגעלעבט אויפן ים גרויס שרעק און נויט און צער און אַנגסט

שטעלט אייך אָבער פאָר, אַז ס׳איז נישט אַזוי: דער ים האָט מיך נאָך שטאַרקער געצויגן, ווי פריער. דער וואַלפיש האט מיך נישט געלאָזט שלאָפן, דער האַרפּון האָט זיך מיר כסדר גע־

באַמבלט פֿאַר די אויגן, עס האָט זיך ווידעראַמאָל געוואָלט עטע־מען מיט דער לופֿט פֿון געפֿאַר, פֿון סכּנות־נפֿשות...

און איר וועט נישט גלויבן: איך האָב מיך ווידער געוואָלט אָנדינגען אויפֿן „פֿליענדיקן וואָלקן" צו דעם שכּורן און בראַוון קאַפּיטאַן...

איצט אָבער בין איך שוין נישט געווען קיין אָנפֿאַנגער. איך האָב שוין געהאַט גענוג פּראַקטיק און האָב געמאַכט אַן איינדרוק פֿון אַ געניטן וואַלפֿיש־יעגער...

עס איז גאָרנישט געווען קיין מוז זיך אָנצודינגען דווקא צום ליבן שיכּור.

איך האָב געהאַט אַ פֿרייען אויסוואַל סיי בנוגע דעם קאַ־פּיטאַן און סיי בנוגע דעם ים. איך האָב געקענט גאַנץ רויק פֿאָרן מיט אַן אַנדער קאַפּיטאַן, נישט קיין שיכּור, און נישט אויפֿן שטילן אָקעאַן, נאָר, לאָמיר זאָגן, אויפֿן אינדישן. אָבער איך האָב שוין געהאַט אַ שוואַכקייט צום „פֿליענדיקן וואָלקן", צו די מענטשן און אפֿילו צו דעם באַרימטן ראַמטרינקער...

יאָ, איין פֿעלער האָט דאָך געהאַט דער „פֿליענדיקער וואָלקן": איך מיין דאָס אומגליק מיט בילן און דער סוד, וואָס איז געלעגן, ווי אַ שווערצע משא אויף מיין נשמה...

אָבער אויף וואָסער שיף איך וואָלט נישט געווען, וואָלט איך מיך אַלץ נישט געקענט באַפֿרייען פֿון דערדאָזיקער משא, און דעריבער האָט דער אויבנדערמאָנטער פֿעלער דאָך נישט געקענט זיין אַזאַ שווערע מניעה, אַז איך זאָל מיך נישט וועלן אָנדינגען אויפֿן „פֿליענדיקן וואָלקן".

קאַפּיטאַן דרינקוואָטער האָט דאָסמאָל באַשלאָסן צו פֿאַר־לאָזן אינגאַנצן די קאַשעלאָטן און זיך בעסער נעמען פֿאַר די אַזויגערופֿענע קרייזקעפּיקע וואַלפֿישן.

דאָס איז דער סאַמע גרעסטער מין וואַלפיש, וואָס האַלט זיך אויף אין די פּאָל־ימים, בפרט אין יענעם טייל פונם אייז־אָקעאַן, וואָס הייבט זיך אָן העכער פון בערינג־ים.

דער „פליענדיקער וואָלקן" איז גרינטלעך רעמאָנטירט גע־וואָרן. מען האָט זיך גענומען פעסט צו זיינע ביינער, צענדליקער מענטשן האָבן געאַרבעט אַרום אים, און מען האָט אים אפילו פונ־דאַסניי איבערגעפאַרבט.

איר קענט אַוודאי מיינען, אַז איך האָב פאַר דער צייט — איך וואָלט געזאָגט: יבשה־צייט,—באַזוכט מיין אָרעמע מוטער, געקושט איר די האַנט און געבעטן מחילה פאַר דעם צער, וואָס איך האָב איר פאַרשאַפט... אָך, מיין ליבער, אויב איר מיינט אַזוי, האָט איר אַ צו גוטע מיינונג וועגן מיר...

איך האָב איר בלויז אַריינגעשיקט אַ בריוול מיט דער מעלדונג, אַז איך בין געזונט און שטאַרק און אַז איך גיי ווידער אַוועק מיט אַ שיף אין ים אַריין...

יאָ, שפּעטער, אין אַ צייט אַרום האָב איך מיך דערוווּסט, אַז מיין מוטער איז שלום געוואָרן מיטן ביזן ים און האָט מיר געווונטשן גליק און הצלחה אין מיינע נסיעות.

אַ מאַמע בלייבט אַ מאַמע!

און אָט האָט געשלאָגן די שעה, ווען מיר האָבן זיך אַוועק־געלאָזט אין אונדזער אויסטערלישער נסיעה, וואָס האָט באַ־דאַרפט זיין רייך אין פּאַסירונגען און אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן.

אין אַ שיינעם יולי־פרימאָרגן איז דער „פליענדיקער וואָלקן" פאַרבייגעגאַנגען די דיאָמעד־אינדזלען און האָט זיך נישט ווייט פון זיי פאַראַנקערט.

אויף אַ נאָענטן שטח פון אונדז האָבן געאַנקערט נאָך אַ צוועלף שיפן, וואָס זענען אויך געקומען מיט דעמזעלבן ציל,

וואָס מיר.

דער ים איז געווען רויק, ער האָט אונדז נישט געשטערט און ביינאַכט האָט זיך נישט געוואָלט שלאָפן. די נאַכט איז געווען אַ ווייסע, אַ ליכטיקע, פונקט ווי אַ המשך פון טאָג...

מען האָט נישט געברויכט קיין ליכט און קיין לאָמפּן, און מען האָט גאַנץ פריי געקענט לייענען אַ בוך, צי אַ צייטונג, נישט אָנשטרענגענדיק דערביי די אויגן.

אין דעמדאָזיקן ווייסן ליכט האָט מען, נאַטירלעך, צו יעדער שעה פון טאָג אָדער נאַכט, געקענט לייכט באַמערקן דעם וואַלפיש מיטן קיילעכיקן קאָפּ און צו יעדער שעה פון טאָג אָדער נאַכט האָט מען געקענט אָנהייבן דעם יאַגד אויף אים.

דערווייל אָבער האָט עפּעס דער צפון־ריז געווייזט פון אונדז, אויסגעמידן פונקט ווי מיט שכל די יאַגד־שיפן, און מיר האָבן געהאַט ווייניק אַרבעט.

דער מערבדיקער ברעג פון אַ שטיק יבשה, וואָס האָט זיך געזען פון „פליענדיקן וואַלקן", איז געווען „וויסט און לער", אַ טרויער און אַ געדיכטע מרה־שחורה איז געלעגן אויף אים.

ווער קען דאָ וווינען אויף אים? וואָסער מענטש קען זיך פרייען אין אַזאַ קאַלטער און פּאַריתומטער וויסטעניש?

טיילמאָל, קוקנדיק אויף דעמדאָזיקן ברעג, האָט זיך געדאַכט, אַז דער טויט, וואָס באַזוכט אונדזערע וואַרעמע, מיט בוים און בלום באַדעקטע מדינות, מוז דאָ האָבן זיין היים...

באַלד אין דער ערשטער פּאָל־נאַכט האָט מען צוגעגרייט די שיפלעך מיט די האַרפּונעס, טאָמער וועט זיך ווייזן אַ וואַלפיש. דיזעלבע הכנות האָבן מיר אויך באַמערקט אויף די אי־

בעריקע שיפן.

מיר זענען געשטאַנען גרייט, מיט אויסגעשטרעקטע אויגן צום ים, אָבער אומזיסט — קיין איין וואַלפיש איז נישט געווען. טיילמאָל האָבן מיר נאָר געהערט דאָס ריטשען און ברילן פון ים־לייב.

קאַפּיטאַן דרינקוואָטער, וואָס איז תּמיד געווען אומגעדולדיק און ברעניק (אויב ער איז נאָר געווען ניכטער), האָט געהייסן אויפהייבן דעם אַנקער מיט די זעגלען און אָפּשווימען אין דער מערבדיקער ריכטונג: לויט זיינע ידיעות איז אויסגעקומען, אַז דאָרט וועלן מיר טרעפן די ריזן מיט די קיילעכיקע קעפּ...

אַז די שיף האָט זיך אַוועקגעגליטשט איבער די כוואַליעס, לייכט געטריבן פון אַ גינסטיקן ווינט, איז דער קאַפּיטאַן אַוועק צו זיך אין קאַיוטע, און האָט געכאַפּט אַ דרעמל.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער אַרויס פון קאַיוטע, אַן אָפּגעפרישטער און אַ ניכטערער, און האָט מיט גרויס הנאה זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן פרישטיק.

„נו, מיסטער קאָפּען“,—האָט ער גערעדט מיט פולע אָנגעשטאָפּטע באַקן,—„וואָס זאָגט איר, הא? מיר חברן זיך איצט מיטן פאַל? ווי מיינט איר, איז דער פאַל אַ גוטער ברודער, צי נישט?...“

„איך ווייס נאָך גאָרנישט דערווייל“—האָט דער עלטסטער אָפיציר געענטפערט—אַגב, האָבן מיר גאָר ביז אַהער קיין איין וואַלפיש נישט געפּאַקט... ס'געדויערט אַ ביסעלע צו לאַנג!“

דער קאַפּיטאַן האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער, אַריינגעבולבולט אין האַלדז אַריין אַ גלאָז ראָם, אָפּגעווישט די ליפּן און ווייטער געזאָגט:

„זענט רויק, מיסטער קאַפּען, עס וועט זיין גוט... פאַלט נאָר נישט פון מוט, מיר וועלן האָבן גענוג וואַלפישן און גענוג אייל. אפשר ווילט איר אייך וועטן מיט מיר, אַז מיר וועלן היינט אין אָוונט האַרפּונירן אַ וואַלפיש?“

קאַפּען האָט געזאָגט:

„איך וואָלט געוואָלט און נישט געוואָלט. בעסער וואָלט איך מיך, נאַטירלעך, געוואָלט וועטן „פאַר“ און נישט „קעגן“, איך וועט מיך אַלעמאָל „פאַר“... אָבער איך בין, ליידער, מער ווי זיכער, אַז מיר וועלן דאַ גאָרנישט געפינען און אַז מיר דאַרפן זיך בעסער רוקן קיין צפון. דאָרט וועלן מיר גיכער טרעפן די ריזן.“

דער קאַפּיטאַן האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

„איר האָט אַ טעות“,—האָט ער געזאָגט.—„איר קוקט נאָר אַן דעם ים, זעט איר דאָרט עפּעס? דאָרט אָטעמט דער וואַלפיש... ס'איז אָבער נישט דער סאָרט, וואָס איך וואָלט געוואָלט...“

דאָס איז ווידער געווען אַ באַזונדער מין וואַלפיש און מען האָט אים אויך באַלד באַמערקט פון די שכנישע שיפן. אָבער אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים גלייכגילטיק, ווי צו אַן עשירות וואָס ליגט אונטער טויזנטער שלעסער און מען קען זי נישט נעמען.

דעמדאָזיקן מין וואַלפיש האָט מען נישט געקענט „נעמען“. דער יאַגד אויף אים האָט קיינמאָל נישט מצליח געווען, און ס'איז געווען בלויז אַן אומזיסטע אַרבעט.

„נו, דאָס איז ביי מיר נישט קיין וואַלפיש“,—האָט קאַפּען געזאָגט.—„אויב אונדזער געוועט איז אַ געוועט, וואָלט איר דאָסמאָל דווקא פאַרלאָרן... וואָרים אָט דעם ריז וועט איר נישט פאַקן.“

דער קאַפּיטאַן האָט שוין געלאַכט.

„נו, מיסטער קאָפּען, לאָמיר זיך וועטן, אַז ביז נאַכט וועלן מיר פאַרהאַפּונירן עפּעס בעסערס פון דעמדאָזיקן סאָרט... עס גייט?"

„עס קען גיין,"—האָט קאָפּען געזאָגט.

„אין וויפל?"

„אין אַ פלאַש שאַמפּאַניער און אַ גוט שאַכטעלע האַוואַנער...

„געמאַכט!"—האָט זיך דער קאַפּיטאַן אַ פּאַטש געטאָן מיט דער שווערער האַנט איבער דער קני און זיך ווידעראַמאָל צולאַכט.

די לייט פון אונדזער שיף, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו דעמדאָזיקן שמועס, האָבן געהאַלטן, אַז דער קאַפּיטאַן וועט פאַרלירן.

„ער האָט זיך געוועט סתם אין דער וועלט אַריין!" — האָבן זיי געשמועסט צווישן זיך.—„דער וואַלפיש מיטן קיילעכיקן קאָפּ איז זייער אַ קאַפּריזנע באַשעפעניש און מען איז קיינמאָל נישט זיכער מיט אים. קיין שום וואַלפיש-יעגער אין דער וועלט, מעג ער זיין געניט אַלט און געניט, קען קיינמאָל נישט זאָגן אויף זיכער, ווו, אין וואָסער אָרט מען קען געפינען דעמדאָזיקן מין וואַלפיש. עס איז רעכט, אַז היינט זאָל זיך ווייזן אויף אַ געוויסן שטח אַ גאַנצע טשערעדע ריזן און מאָרגן זאָל פון זיי קיין זכר נישט בלייבן. און עס וועט נישט העלפן דאָס זוכן און וואַרטן און אויסקוקן אויף זיי. יאָ, אונדזער קאַפּיטאַן איז טיילמאָל לייכטזיניק, ווי אַ יונגער מאַטראָז..."

אזוי האָט דער עולם שטיל געשמועסט צווישן זיך.

אונדזער ,,פליענדיקער וואַלקן" האָט זיך דערווייל גע־גליטשט איבער די שוואַרצע אומהיימלעכע כוואַליעס פון אייז־אָקעאַן, און ביסלעכווייז האָט מען פאַרגעסן אין קאַפּיטאַנס גע־ווער, אין די פאַרשידענע מינים וואַלפישן, אינם אייל, מיט וועלכן מען דאַרף אָנפילן אונדזער שיף.

מאַנכע האָבן זיך דערמאָנט אין דער היים און בעת-מעשה מעלאַנכאָליש און פאַרחלומט געגענעצט, אַנדערע האָבן געשמיי־דיק אונטערגעברומט אונטער דער נאָז א בראַוו מאַטראָזן־לידל און אַנדערע האָבן זיך גענומען פאַר דער שיף־אַרבעט.

עס איז געווען קאַלט. א שניידיקער פראָסט האָט געצופּט די באַקן, די הענט, הגם מען איז שוין א ביסל געוווינט געווען צו אים. פונם ליכטיקן הימל האָט זיך געגאָסן אומעט און וויסט־קייט...

און אָט, פּלוצלונג, האָט א דונער אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער שיף:

,,אַ וואַלפיש !! א וואַלפיש !!!"

נישט ווייט פון אונדז, אין ים, האָט זיך אויפגעהייבן א מוראדיקער פאָנטאַן, וואָס האָט, דאַכט זיך, דערגרייכט סאַמע ביזן הימל.

דער גאַנצער ים האָט אויפגעציטערט.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס מוז זיין דער ריז מיטן קיילעכיקן קאָפּ...

אויפן ,,פליענדיקן וואַלקן" איז מיטאַמאָל אַלץ געבראַכט געוואָרן אין גרויס באַוועגונג, פונקט ווי אין א שריפה...

די שלאכטן אויפן ים.

„די שיפלעך אין ים אריין!״—האָט געשריען דער קאַפּיטאַן. אָבער אַלע האָבן מיטגעשריען. יעדער איינער האָט אַזוי ווי געהאַט וואָס צו שרייען... אין פינף מינוט אַרום איז אַלץ געווען פאַרטיק. דער יאַגד האָט זיך אָנגעהייבן מיט גרויס ענער־גיע און ברען.

אָבער דאָ האָט דער געניטער עולם פון וואַלפיש-יעגער מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט די נעז...

דאָ איז ווידער געשען אַ טעות: דער הויכער פאָנטאַן האָט אַרויסגעשלאָגן נישט פונם וואַלפיש מיטן קיילעכדיקן קאָפּ, ווי מיר האָבן פריער געמיינט, נאָר פון אַנדער מין, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ripsack״.

דאָס איז אַ גאַנץ געוויינלעך וואַלפישל, וואָס גיט ווייניק אייל און דערצו נאָך שלעכטן...

אונדזערע לייט האָבן אים באַלד דערקענט.

אויף די שיפן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט וואַלפיש־יאַגד, האָט ער זייער אַ שלעכטן שם. מען האָט אים פיינט פאַר צוויי זאַכן: פאַר זיין מאָגערן שלעכטן אייל און פאַר דעם, וואָס ער לאָזט זיך שווער פאַקן... און טיילמאָל איז ער אפילו זייער געפערלעך.

דווקא אָט דער וואַלפיש, וואָס גיט ווייניק און שלעכטן אייל, פאַרשאַפט על־פי־רוב גרויס פיין די אָרעמע יעגער מיט זיין געשיקטקייט און דרייסטקייט. און עפטער פאַרשאַפט ער זיי מער נאָך ווי פיין: ער ברענגט זיי דעם טויט...

מיר האָבן זיך דאָך נישט געקענט אָפּזאָגן פון אים, ווייל מיר האָבן שוין אָנגעהייבן, און אַז מען הייבט אָן, ווייסט איר דאָך, ווילט זיך ענדיקן.

שטעלט אייך אָבער פאָר, אַז נאָך די אַלע בהלהדיקע הכנות האָבן מיר דווקא געהאַט ווייניק אַרבעט מיט אים.

אונדזער אַרבעט איז דאָסמאָל אָפּגעטאָן געוואָרן דורך אַנדערע...

ער, דערדאָזיקער ריז, איז באַפאַלן געוואָרן פון אַ מענגע קלענערע וואַלפישן, וואָס טראָגן דעם נאָמען „רוצחים"...

דערדאָזיקער נאָמען שטאַמט פון מאַטראָזן, וואָס צייכענען זיך שטענדיק אויס מיט אַ שאַרף אויג און מיט באַאָבאַכטונגס־פעיקייטן.

די „רוצחים" זענען קליינע רירעוודיקע וואַלפישלעך („וואַלפישלעך" — אַ ביסל צו איידל פאַר זיי), וואָס ווערן אָבער נישט געפאַנגען פון די יאַגד־שיפן, ווייל עס לוינט זיך נישט: צו ווייניק און צו שלעכטער אייל, וואָס דעקט נישט די הוצאות פון אַ יאַגד־שיף.

דידאָזיקע חברה־לייט אָבער זענען גאַנצע באַלעבאַטים אין

ים, זיי פליען ארום ווי די שדים אין אלע ריכטונגען און מיט אלגעמיינע כוחות לייגן זיי אוועק אפילו די גרעסטע ריזן.

פאר זיי גילט נישט קיין שטארקערער.

איצט איז אונדזער ריז אריינגעפאלן צו זיי אין די הענט. עס האט זיך אנגעהייבן א שלאכט אויף טויט און אויף לעבן.

זיי האבן אים ארומגערינגעלט פון אלע זייטן, ווי א סטאדע וועלף און מען האט אים נישט געלאזט קומען צום אטעם.

ער האט זיך געמוטשט ווילעוויי ארויסצושלאגן, און אז ער האט באדארפט פארט האבן פרישע לופט אין די לונגען און האט זיך אויפגעהייבן פון די טיפענישן, האט ער באלד באקומען אזוינע קלעפ אין דער זייט, אז ער האט תיכף ומיד געמוזט זיך ווידער ארונטערלאזן.

און יעדעס מאל איז זיין פאטשען מיטן עק געווען אלץ שוואכער און שוואכער...

דער ריז האט אויף אונדזערע אויגן פארלוירן די כוחות.

די בלוטדורשטיקע חברה „רוצחים" האבן אים אויסגעמוטשעט, אויסגעפייניקט, אויסגעמוזיקט..

ער האט געאטעמט מיט א שווערן פייף, דער עק איז שוין געווען ווי האלב פארגליווערט.

עס איז געווען קלאר, אז ער פאלט אריין אין גסיסה... אונדזערע שיפלעך האבן זיך דערנענט צו אים, די אומצופרידענע „רוצחים" האבן נישט גערן געמאכט פליטה, איבערלאזנדיק זייער קרבן פאר דעם גרעסטן שונא זייערן — פאר דעם

מענטשן.

מיר האָבן איינגעזען, אַז דער ריז לעבט נאָך און אַז מען וועט נאָך דאַרפן אַ ביסל צושוויצן, ביז מען וועט זיך אַרויפקריגן מיט אים אויפן שיף.

באַלד האָבן צוויי האַרפונען געשטעקט אין זיין אויסגעמאַטערטן גוף. אָבער אפילו אַ גסיסהדיקער וואַלפיש איז נאָך אַ מוראדיקער בעל-כּוח.

ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיטן עק דעם ים און איז אַנטרונען געוואָרן אין די טיפענישן, אויפוויקלענדיק העגדום-פּענדום דעם שטריק.

איצט ד׳האָבן מיר געוואַרט אויף זיין אַרויפקומען. מיר האָבן געוווסט, אַז ער איז שרעקלעך אָפּגעשוואַכט, כּמעט טויט פון די „רוצחים״, און דעריבער האָבן מיר זיך נישט שטאַרק באַאומרויקט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער חברה-מאַן אַרויפגעקומען מיט אַ פאַרלייגטן אָטעם, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געלעבט, צו אַלדי שוואַרציאָר!

אונדזערע אָפיצירן האָבן געשריען:

„טרעט אָפּ מיט די שיפלעך!״

ער האָט נאָך געדאַרפט פּאַטשן מיטן עק... נישט אַזוי לייכט שטאַרבט אַ וואַלפיש!

און ער האָק טאַקע געפּאַטשט אויף רעכטס און אויף לינקס, הימל און ערד האָבן געציטערט.

דער גאַנצער ים האָט געזאָדן, פּונקט ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף פייער.

דאָסדאָזיקע געוואַלדיקע בילד האָט דאָך געהאַט אַ סוף: דער ריז איז געשטאָרבן.

אונדזערע שיפלעך האָבן זיך תיכף גענומען צו אים און מען האָט אים אָנגעהייבן שלעפּן צום „פליענדיקן וואָלקן".

בשעת מען האָט צוגעפּעסטיקט די שטאַרקע קייטן צו זיין מוראדיקן עק, האָט דער קאַפּיטאַן גענומען פּאַטשן מיט די הענט און שרייען:

„נו, מיסטער קאָפּען! וואָס טראַכט איר איצט? האָב איך אייך נישט געזאָגט, אַז ביז נאַכט וועלן מיר האָבן פאַרהאַרפּוּנירט אַ וואַלפיש? כע-כע! ווער האָט געוווּנען דעם געוועט?"

דער עלטסטער אָפיציר איז געווען בלאַס און האָט געקוקט מיט קאַלטע שווערע בליקן.

„קאַפּיטאַן," — האָט ער געזאָגט, — „אויב דאָס הייסט ביי אייך אַ וואַלפיש, האָט איר, נאַטירלעך, געוווּנען דעם געוועט... ביי מיר איז דאָס אָבער נישט קיין וואַלפיש און די גאַנצע אַרבעט אונדזערע, מיין איך, איז געווען אַרויסגעוואָרפן. קיין דריי טאָן אייל וועט איר נישט באַקומען פון דערדאָזיקער צרהדיקער באַשעפעניש..."

דער קאַפּיטאַן האָט אָבער געלאַכט אַ צופרידענער.

„ניין, מיסטער קאָפּען," — האָט ער געזאָגט — „איר וועט זיך נישט אַרויסדרייען. איך האָב געזאָגט „וו אַ ל פ י ש" — און דאָס איז אַ וואַלפיש. דאָס וועט דאָך קיינער נישט אָפּלייקענען. איצט גייט מיר לחלוטין נישט אָן, צי ער וועט געבן דריי טאָן, צי דריי טויזנט טאָן אייל, דאָס איז שוין אַ געשעפט-זאַך...פאַר מיר איז נאָר וויכטיק דער געוועט, און איך האָב אים געוווּנען. איך האָב געוווּנען, ליבער מיסטער קאָפּען, אַ פלאַש שאַמפּאַניער און אַ שאַכטל האַוואַנער ציגאַרן... אַזוי איז עס, נישט וואָר?"

מיסטער קאָפּען האָט געשוויגן. ער האָט געהאַלטן, אַז

מען האָט אים אָפּגענאַרט און אַז מען האָט אומישגע געטויט עפּעס אַ כאָלערעדיקע באַשעפעניש, אַנשטאָט, אַן עכטן וואַלפיש.

דער קאַפּיטאַן האָט אָבער ווייטער געזאָגט:

„איך וויל נישט זיין קיין שלעכטער און קיין גייציקער. איך וועל הייסן דערלאַנגען אַ פלאַש שאַמפּאַניער אויף אייער חשבון, און דידאָזיקע מחיהדיקע פליסיקייט וועלן מיר אַלע אויסטרינקען לכבוד דעם ערשטן וואַלפיש... (ביי דעמדאָזיקן וואָרט האָט קאָפּען אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען), וואָס מיר האָבן אוועקגעלייגט אין די קאַלטע פאַל-וואַסערן. וואָס איז שייך די ציגאַרן, בין איך אייך זיי דאָ מוחל דערוויילע, אָבער אַז מיר וועלן זיך אומקערן קיין בעדפאָרד, מוזט איר האַלטן וואָרט און מיר אונטערטראָגן אַן ערשטקלאַסיק שאַכטל ציגאַרן...״

„ס'איז געמאַכט,״—האָט קאָפּען קאַלט באַשטעטיקט.

מען האָט אַריינגעבראַכט אַ פלאַש שאַמפּאַניער מיט אַ זילבערנעם העלדזל, און יעדער אָפּיציר פונם „פליענדיקן וואָלקן״ האָט באַקומען אין מויל אַריין פון דערדאָזיקער פליסיקייט.

דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט זיך געריבן די הענט פון גרויס הנאה, איז אַריינגעפאַלן אין עקסטאַז און האָט געהייסן אַרויסגעבן דער שיף-קאָמאַנדע אַ טאָפּעלע פּאָרציע ראָם מיט גוטן צובייס.

„איך האָב ליב, אַז איך געווין אַ געוועט!״ — האָט ער זיך געוויצלט.

נאָענט פון דער שיף האָבן זיך אַרומגעדרייט צענדליקער ים-לייבן, וואָס האָבן משונה געגרישעט און געבילט. אָט האָבן עס באַשעפענישן מאָדנע קולות! איך קען נישט נאָך אַ

חידה, וואָס זאָל דערמאָנען מיט איר קול דאָס ריטשען און בילן פון די ים־לייבן.

זיי האָבן זיך געדרייט אַרום אונדז מיט אַזאַ פאַרקאָכט־קייט און צורייצטקייט, פונקט ווי זיי וואָלטן געוואָלט צעפּליקן די שיף אויף פּיץ־פּיצלעך...

מיסטער ראַנסאָם, דער צווייטער אָפיציר פונם „פליענדיקן וואָלקן״, אַ יונגערמאַן מיט הייס בלוט און גליענדיקע אויגן, האָט זיך אָנגערופן:

„פאַרפירן מיר גאָר אַ מלחמה מיט דידאָזיקע שדים! איך מיין, עס וועט זיין אינטערעסאַנט.״

עמעץ האָט אַ פאַך געטאָן מיט דער האַנט און געפרעגט:

„צו וואָס?״

עטלעכע קולות האָבן אונטערגעהאַלטן ראַנסאמען.

„אַ מלחמה! אַ מלחמה!״

און ראַנסאָם האָט געפרעגט דעם קאַפּיטאַן:

„איר דערלויבט?״

„פאַרוואָס נישט?״—האָט דער קאַפּיטאַן געלאַכט.—„אַרבעטס קינדער, און ווייזט וואָס איר קענט!״

עס האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן אַ פאַרווײַלונג, וועגן אַ קליין שמחהלע. אַ שיף, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט וואַלפיש, אינטערעסירט זיך נישט מיט ים־לייבן. די לעצטע ווערן געפאַנגען נאָר אין יענעם פאַל, ווען עס איז בכלל נישטאָ וואָס צו טאָן, ווען די שיף־קאָמאַנדע זיצט אָן אַ שטאָך מלאכה.

דער עולם האָט זיך אַריינגעשאָטן אין די שיפלעך און מען האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער גרעסערער גרופּע ים־לייבן.

און דער קאַפּיטאַן האָט אונדז נאָכגעשריען:

„אַרבעטס, קינדער, אַרבעטס! נישט געשלאָפן!"

דערזען די באַוועגונג פון אונדזערע שיפלעך, האָבן די צעזייטע ים-לייבן זיך באַלד באַהעפט מיט דער גרעסערער גרופּע.

דאָס איז געווען אַן אמתע אַרמיי, וואָס האָט זיך, קענטיק, מכין געווען צו אַ שלאַכט.

מיר האָבן אפילו גערעכנט, אַז דידאָזיקע אַרמיי וועט זיך איבערשרעקן און וועט מאַכן פליטה. פאַר אַ מענטשן האָט מען דאָך מורא. אָבער די ים-לייבן האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן אונדז אָפּגעוואָרט מיט אויפגעהייבענע קעפּ און מיט אַ ווילדן רשעותדיקן ריטשען. זייערע שנייוווייסע ציין האָבן זיך שאַרף געצייכנט אויף די שוואַרצע פליישיקע געמבעס, און זיי האָבן באמת אויסגעזען, ווי שדים, וואָס זענען פּלוצלונג אַרויסגעקראָכן פון די שוואַרצע ים-טיפענישן.

דער ים-לייב, מוז איך אייך זאָגן, איז בעצם אַ גאַנץ געפערלעכער געגנער. דאָס איז אַ חיה מיט גרויסע כוחות, וואָס איז באַזונדערס געפערלעך, ווען מען ראַנגלט זיך מיט איר, זיצנדיק אין אַ פּשוטן שיפל, אַ שטייגער, אַזאַ שיפל, ווי אונדזערס.

מיסטער ראַנסאָם האָט פּשוט געברענט.

„האַקט נאָר אַריין אייער האַרפּון אין דעםדאָזיקן פעטן שד!"—האָט ער זיך אָנגערופן צום שטייערמאַן.

ער האָט אויסגעקליבן דעם סאַמע גרעסטן ים-לייב פון דער גאַנצער גרופּע.

דאָס איז געווען אַן אַלטער פּראַקטישער זכר, וואָס האָט קענטיק, אַ פיין ביסל יאָרן פאַרבראַכט אויף די אומהיימלעכע

פאַל־וואַסערן...

דער אַלטער ים־לייב האָט באַקומען אַ מוראדיקן קלאַפּ אין זייט. דער האַרפּון, געוואָרפן פון אַ קרעפּטיקער האַנט, האָט זיך אים אַריינגעזעצט טיף אין פלייש.

אַ גרויסער שטח אַרום אונדז איז מיטאַמאָל באַדעקט געוואָרן מיט רויטן פעטן בלוט...

דער ים־לייב האָט זיך כהרף־עין אַראָפּגעלאָזט אין ים, און די ים־לייבישע אַרמיי איז באַלד אַנטרונען געוואָרן פון די אויגן.

איצט האָבן מיר גענומען שלעפן דעם פאַרוואונדעטן שד פון די שוואַרצע קאַלטע טיפענישן...

אַרויפגעשלעפּט אים אויפן וואַסער, האָט ער אויסגעגלאָצט אַ פּאָר ווילדע אויגן און זיך אַ וואָרף געטאָן צו אונדז מיט אַ דונערדיקן ריטשען.

מיר האָבן איצט געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו זען, מיט וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע שוצמיטלען די נאַטור האָט אים באַזאָרגט און ווי לייכט ער האָט געקענט איבערקערן אונדזער שיפל.

זיינע שטויסציין וואַקסן אים, ווי באַוווסט, פון אויבן אַראָפּ, און בשעת ער הענגט זיך אָן מיט זיי אויפן ווענטל פון אַ שיפל, דרייט עס זיך איבער און די מענטשן פאַלן אַריין אין ים.

אונדזער העלדישער זכר האָט זיך מכין געווען צו אַן אַטאַק. ער האָט זיך שוין אויפגעהייבן פון וואַסער און געוואָלט פאַרטשעפּען מיט די שטויסציין דאָס ווענטל פון שיפל, אָבער מיסטער ראַנסאָם, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו ברענען, האָט אים דערווייל אַריינגערוקט אַ רעכטע פּאָרציע שפּיז אין האַלדז אַריין...

האָט זיך דער ים-לייב ווידעראַמאָל אַרונטערגעטונקט, און מיר האָבן שוין געגלויבט, אַז דאָס לעבן האָט זיך צוזעגנט מיט אים אויף אייביק...

אגב, האָט אונדז דער שטריק אויך אָנגעזאָגט, אַז דער ים-לייב האַלט שוין ביי דער גסיסה...

אָבער אַז מיר האָבן גענומען שלעפּן דעם שטריק אין שיפל אַריין, האָבן מיר אַרויסגעשלעפּט נישט דעם ים-לייב, נאָר אַ האַלבן האַרפּון...

דער ים-לייב איז אַנטרונען געוואָרן...

אַזוי-אַרום האָט זיך נאַריש פאַרענדיקט אונדזער שלאַכט מיט דער-דאָזיקער אויסטערלישער חיה.

עס זעט אויס, ווי דער ים-לייב וואָלט געזיגט.

מיר זענען געווען אויפגערעגט: אַ סך אומזיסטע פּראַצע און קאָפּ-פאַרדרייעניש.

ראַנסאָם האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן און איז באַפאַלן אַ ים-לייביכע. מיט איר איז עס צוגעגאַנגען אַ ביסל שנעלער און געשיקטער און זי האָט געפונען דעם טויט אין אונדזערע הענט.

דערביי, געדענק איך, האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ דראַמאַטישע סצענע, וואָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם סיי אויף מיר און סיי אויף מיינע חברים.

בשעת מען האָט געשלעפּט די טויט ים-לייביכע צו דער שיף, איז פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען פון וואַסער אַ קליינטשיק ים-לייבעלע, נאָך גאָר אַ זייגקינד...

ער האָט גענומען שווימען אַרום דעם גרויסן גוף פון זיין מוטער און האָט בעת-מעשה אַרויסגעלאָזט אַזוינע פּאַריטומטע קולות, אַז עס האָט אָנגעכאַפּט ביים האַרץ.

מיינע חברים זענען געווען, אזוי צו זאָגן, פאַר׳ים׳טע, פאַרהאַרטעוועטע מענטשן. פון ווייכקייט און רחמנות זענען זיי שוין לאַנג אוועק. אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז נישט איינער פון זיי האָט זיך געשטאַרקט און פאַרביסן די ליפּן, ער זאָל זיך נישט צוכליפּען, ווי אַ קינד...

דער עולם האָט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, און מיר האָבן זיך געשפּירט אַזוי, ווי מיר וואָלטן באַגאַנגען אַ רציחה איבער אַ ריינעם אומשולדיקן ווען...

עס האָט זיך נישט געוואָלט קוקן אויפן בידנעם ים-לייבעלע, וואָס האָט מיט אזוינע האַרצרייסנדיקע קולות באַווײנט זיין מוטער.

דעם גאַנצן וועג, וואָס מען האָט זי געשלעפּט מיט שטריק צום „פּליעגדיקן וואָלקן", האָט ער זיך אַלץ געהאַלטן באַענט לעבן איר, און אַז מען האָט זי געגומען אַרויפשלעפּן אויפן שיף, האָט ער אויפגעהייבן די אויגן אין געוואָלט, מען זאָל אים אויך מיטשלעפּן.

מיר האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון אים, אָבער ווי אַזוי? דערהרגענען אים האָט קיינער נישט געוואָלט.

דער קאַפּיטאַן האָט אָבער געהייסן, מען זאָל אים יאָ דערהרגענען.

„איר זענט קינדער," — האָט ער געזאָגט. — „אויב איר זשאַלעוועט דאָס קליינע נפשל, טאָ דערהרגעט עס בעסער, וואָרים אנישט וועט עס, אָן אַ מאַמען, שטאַרבן מיט אַ שווערן און לאַנגזאַמען טויט. צו וואָס זאָל עס זיך מוטשן אַזוי לאַנג?..."

טעג נאָך טעג זענען פאַרפלויגן, און מיר האָבן געהאַט ווייניק אַרבעט. די שיף-קאָמאַנדע איז געווען אַנטוישט.

קאַפּיטאַן דרינקוואָטער האָט אויך נישט אויסגעזען זייער

פייגלדיק. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס מיר האָבן זיך אַרומ־געדרייט אין דידאַזיקע וואַסערן, האָבן מיר געזען זייער ווייניק וואַלפישן מיט קיילעכיקע קעפּ.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז זייער צאָל האָט זיך בכלל פאַרקלענערט צוליב די אָפּטע יאַגדן אויף זיי. אַזוי ווי זייער אייל האָט געגעבן אַ סך ריוח, האָט מען זיי קיינמאָל נישט געלאָזט צורו.

צענדליקער שיפן האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך זיי, מען האָט זיי אָן אויפהער האַרפּונירט אויף יעדן שטח פון אייז־אָקעאַן, ווו נאָר אַ שיף האָט געקענט אַריינדרינגען.

אויפן „פליענדיקן וואַלקן״, איז די שטימונג געווען נישט קיין געהייבענע. צו אונדזער מזל, זענען דאָס יאָר אָנגעקומען מאַסן שיפן כמעט פון אַלע וועלטטיילן, און אַלע האָבן געזוכט דעמדאָזיקן מין וואַלפיש.

דער עולם האָט שוין אפילו געמורמלט, אַז מען דאַרף זיך אומקערן צוריק. צו וואָס לייגן אַזויפיל הוצאות און זיך אַרומוואַלגערן אומזיסט-אומנישט אין אַזאַ נישט פריינטלעכן קלי־מאַט? ביי אַזאַ אונטערנעמונג, וואָס פאָדערט אַזויפיל כוחות און פּראַצע, באַדאַרף מען גוט פאַרדינען, אַנישט איז שוין גלייכער צו זיצן אינדערהיים...

אָבער ים־מענטשן האָבן פיינט די יבשה, און זיי זענען געוווינט זיך צו ראַנגלען ביז דער לעצטער מינוט.

אויף דער יבשה ווייס מען פון פּשרות, פון רויקער באַ־לעבאַטישער לאָגיק, אויפן ים ווייס מען עס נישט.

דאָ ראַנגלט מען זיך—אָדער מען געווינט, אָדער מען פאַלט...

דער מרה־שחורהדיקער ברעג.

מיר זענען געשוואומען ביי די סיבירישע ברעגן, נישט ווייט פונם צפון־מזרח־קאפּ. די שטימונג איז געווען נישט קיין גוטע. קאַפּיטאַן דרינקוואָטער האָט עפּעטער געשיכּורט און ווייניק גערעדט: ער האָט געהאַלטן די איצטיקע נסיעה פאַר נישט קיין געלונגענע.

ראַנסאָם, דער צווייטער אָפיציר, האָט אים איינמאָל אַ זאָג געטאָן:

„אפשר האַלט דער קאַפּיטאַן מיט מיר, אַז מען קען אַדורכגיין מיט די שיפלעך לייגגאויס דעם ברעג און גוט אַ זוך טאָן דאָרט: אפשר וועט עפּעס צופאַלן? הא, ווי מיינט דער קאַפּיטאַן?"

דער קאַפּיטאַן האָט געקוקט אויפן ברעג און געזאָגט:

„איך האָב נישט קיין זיכערע מיינונג דעריבער. שוין-זשע

מיינט איר, אַז מען קען זיך דערגענטערן מיט אַ שיף, צי אפילו מיט די שיפלעך, צו דערדאָזיקער יבשה? איך זע דאָ נישט קיין פרייען וועג און איך זע דאָ אויך נישט קיין פרייען דורכגאַנג צום ים.״

ווי ווייט דאָס אויג האָט דערגרייכט, האָבן מיר אַלץ געזען שטיקער אייז, אָנגעוואָרפן אויף אייגאַנדער. זיי האָבן זיך געצויגן פּאַראַלעל מיטן ברעג, ביי אַ צוויי ים־מייל די ברייט. אָבער צווישן זיי און דער יבשה האָט זיך באַוועגט אַ פרייער ים.

דערדאָזיקער אייזפּאַס איז, ווי געזאָגט, באַשטאַנען פון געהאַקטע אייזשטיקער, און אַזאַ שטאַרקע שיף, ווי דער „פליענדיקער וואָלקן״ האָט זיך אפשר געקענט אַדורכקריגן דורך זיי אין פרייען ים אַריין.

אָבער דער קאַפּיטאַן דרינקוואָטער וואָלט זיך געקענט באַשליסן דערויף נאָר אין דעם פאַל, ווען ער וואָלט געוווּסט אויף זיכער, אַז אויף יענער זייט, דאָס הייסט אין פרייען ים אָטעמען מענגעס וואַלפישן.

די גרויסע ים־גלעזער זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. יעדער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אַרייבצושטעקן די אויגן אין זיי, אָבער קיינער האָט נישט באַמערקט קיין פאָנטאַן פון אַ וואַלפיש...

די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען אַזאַ, אַז מען וועט בלויז פטרן צייט, אויב מען וועט זיך דורכרייסן דורכן אייזפּאַס און מען וועט וועלן צוקומען צו דער יבשה. דאָס וועט זיין אַן אַרויסגעוואָרפן שטיקל אַרבעט, נישט מער.

אָבער ראַנסאָם האָט זיך אַלץ געהאַלטן ביי דאָס זייניקע. ער האָט גערעדט שאַרף און פאַרעקשנט:

„צווישן אייז און יבשה ליגט אַ טיפער פרייער רויקער ים. אַ וואַלפיש דאַרף זיך דאָרטן פילן, ווי ביי זיך אינדער-היים... וואָס האָבן מיר אייגנטלעך וואָס אַנצוווערן? פאַרוואָס זאָלן מיר נישט פרוון? זיצן ליידיק איז בעסער? איך פאַרשטיי עס נישט..."

דער קאַפּיטאַן האָט אַ ווײַלע געקווענקלט און האָט נאָכ-געגעבן:

„אַרבעטס, חברה, אויב איר האָט גענוג מוט און ענערגיע. איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט אָפּגעהאַלטן אַ מענטשן, ווען ער האָט געוואָלט עפּעס פאַרנעמען, פּרוון, עפּעס טאָן. פּרוווט, אפשר וועט איר באמת מצליח זיין. דערווײַלע ליגן גוט אין דער אדמה אונדזערע געשעפטן !..."

עס זענען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן דריי שיפלעך אונטער דער אָנפירונג פון דריי אָפיצירן. דער קאַפּיטאַן איז פאַרבליבן אַליין אויפן שיפדעק.

דער עולם האָט זיך אָנגעלייגט שטאַרק אויף די רו-דערס, מיר זענען געשוווּמען צום ברעג.

דעם אייזפּאַס זענען מיר לייכט אַדורכגעקומען, ווייל דאָס וועטער האָט אונדז זייער געדינט. ביי אַ שלעכט וועטער אָדער ביי אַ ווינט וואָלטן מיר דאָ געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט, און עס וואָלט אפשר געשמעקט אויך מיט געפאַר, מיט סכנות-נפשות...

אַריין אין פרייען ים, האָבן זיך די שיפלעך צעטיילט: יעדעס שיפל איז אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג. מיר האָבן געזוכט דעם וואַלפיש מיטן קיילעכיקן קאָפּ...

אָבער זוך היינט, זוך מאָרגן: אַ שטילער רויקער ים, גלאַט שפּיגל-וואַסער, קיין שום רונצעלע, קיין קנייטשעלע...

מיר האָבן געזען אַ סך ים-פייגל, אָבער קיין איין פּאַנ-טאַן נישט. נישטאָ קיין וואַלפיש, כאָטש שטעך דיר אויס די אויגן, זוכנדיק.

מיר האָבן געדרודערט ביז האַלבן טאָג. ראַנסאָם האָט בגנבה אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

„עס זעט מיר עפּעס אויס, ווי דאָ וואָלט קיין איין ריז נישט געווען... אַ פּאַסקודנע מעשה... דערווייל אָבער ווילט זיך עסן, לאָמיר אַרויפגיין אויפן ברעג. שוין לאַנג נישט געגעסן אויף דער יבשה...”

מיר זענען אַרויף אויפן ברעג.

גוט צוגעפּעסטיקט דאָס שיפל צו דער יבשה, האָבן מיר גענומען זוכן אַ טרוקן שטיקל ערד, ווייל דער באָדן איז דאָ געווען פייכט און זומפּיק.

אָפּגעפונען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען ענלעך צו טרוקענער ערד, האָבן מיר זיך אַנידערגעזעצט און זיך גענומען צו דער אכילה.

אַן אָרעמע אכילה, וואָס איז דערעיקרשט באַשטאַנען פון געזאַלצענעם פלייש. די מאַטראָזן האָבן עס גערופן „רויטהאָלץ”, ווייל עס איז געווען רויט און האַרט, און מען האָט עס געקענט קוים צעקייען מיט די ציין...

מיר זענען געזעסן ביי אַ קליינעם בערגל. נאָך דער אכילה האָט זיך ראַנסאָם איבערגעווישט דאָס געזיכט און איז אַרויף מיט מיר אויפן בערגל.

דאָ, אינדערהויך האָט ער געוואָלט מאַכן אַ קליינעם אָב-סערוואַציע-פּונקט: צי זעט מען נישט פונדאַנען אויפן ים, אויפן גלאַטן רויקן ים, עפּעס אַ צייכן פון אַ וואַלפיש?

אויפן בערגל זענען מיר אַרויף נאָך גרויס מי און אָנ-

שטרענגונג. עס האָבן אונדז געשטאָרט די שטיינער, וואָס זענען געלעגן אָנגעשליידערט אויף זייגע זייטן, די גריבער וואַסער, וואָס האָבן זיך אונטערגערוקט אונטערן פוס ביי יעדן טריט און שריט און דער אַלטער אייזיקער שניי, אויף וועלכן מיר האָבן זיך עפּטער אויסגעגליטשט...

פאַר אונדזער אויג איז געלעגן א טויטע ווייסע יבשה פון איין זייט, און פון דער אַנדער זייט—רויקער ים...

צו דער יבשה האָט זיך זייער געפּאַסט דער כמארנער, בליי־גרויער הימל, די טונקעלע לופט, די שאַרפע רויע ווינטן, וואָס האָבן עפּטער אַרומגעטאַנצט איבער אונדזערע פנימער...

עס האָט דאָ געשמעקט מיט קבר, מיט טויט.

קיין שום באַוועגונג פון אַ ביימל, פון אַ גרעזל, קיין שום קלאַנג פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

איך האָב מיך נישט ווילנדיק דערמאָנט אין נאַפּאָלעאָנס מלחמה מיט רוסלאַנד, בשעת די „גרויסע פראַנצויזישע אַרמיי" איז געגאַנגען צוריק איבער טויטע, וויסטע, קאַלטע, ווייסע פעלדער און די שוואַרצע קראָען, די איינציקע לעבעדיקע באַשעפענישן אין דערדאָזיקער סומנער טויטקייט, האָבן זיי באַגלייט מיט אַ ווילדן קראָקען.

אויף אָט דעם וויסטן ברעג האָב איך אפילו קיין קראָען נישט געזען...

מיר זענען לאַנג געשטאַנען אויפן בערגל מיט אויסגעצויגענע העלדזער, מיט אָנגעשטרענגטע אויגן און האָבן געקוקט אויפן ים און אויף דער יבשה, אויף דער יבשה און אויפן ים.

און אויפן האַרצן איז געווען קאַלאָמוטנע ביז גאָר...

איך האָב שוין געוואָלט אַראָפּגיין צווישן די שטיינער,

וואסערגריבער און פארלעגענעם, אלטן, פאר-הונדערט-יאריקן שניי, אבער ראנסאם האט פלוצלונג א זאג געטאן:
„איילט זיך נישט... זענט נישט אומגעדולדיק. שטייט נאר רויק אויפן ארט...״
„וואס איז געשען?״—פרעג איך—וואס זעט איר?
ער האט געקוקט אויף א קליינעם נאטירלעכן ים-קאנאלכל, וואס האט זיך קונציק אריינגעשניטן אין ברעג, צווישן צוויי הויכע פעלזן. ווען עס ליגט זיך א דעכל אויף דידאזיקע פעלזן, וואלטן זיי אויסגעזען, ווי אן ארקע.
ער איז געשטאנען און געקוקט און זיך אויסגעצויגן און מיט די הענט ארומגעכאפט די ברוסט.
איך האב געזען, ווי עס ציטערן אים די אדערן אויפן האלדז, ווי די אויגן, משונה אנגעשטרענגט, קריכן אים ארויס פון די אויגנלעכער.
„מיסטער ראנסאם,״—האב איך געזאגט,—„רעדט עפעס א ווארט, איך פארשטיי דא גארנישט.״
„ששש...״ — האט ער מיר א ווונק געטאן מיטן פוס. — שטייט רויק...״
איך בין געבליבן שטיין תמעוואטע און נישט געוווסט, וואס צו זוכן און וואס צו זען.
טיילמאל איז מיר איינגעפאלן, אפשר איז ראנסאם, אט דער היציקער יונג, וואס האט אזוי ליב כבוד, געפאר און רום, משוגע געווארן אויף דעמדאזיקן וויסטן ברעג, אונטער אזא מרה-שחורהדיקן הימל, אין אזא ווייסן קאלטן עלנט, וווּ מען הערט נישט אפילו דאס קראקען פון א קרא?
ער איז נאך גאר יונג, ראנסאם, און אט, קען זיין, האט ער „אויסגעלונקען״ זיין נשמה אין די שווערע נסיעות פון

„פליענדיקן וואָלקן". ער האָט צופיל קאָקעטירט מיט געפאַר מיטן טויט, און אָט האָט ער זיך אַוודאי איצט באַצאָלט מיט משוגעת...

אַזוינע רעיונות זענען מיר אַדורכגעלאָפן אין קאָפּ, שטייענדיק מיט אים אויפן בערגל, און מיט עפּעס אַן אינערלעכן פּחד האָב איך אים געוואָלט אָננעמען ביים אָרעם און זיך אַראָפּלאָזן מיט אים צו אונדזערע חברים. איך האָב אים געוואָלט פאַוואָליע און אומבאַמערקט באַרויקן.

א וואָלפיש, וואָס „ווינקט אונטער".

אָבער איך האָב מיך טועה געווען: ראַנסאָם איז געווען געזונט, ווי אַ שטיין און ער האָט געקוקט מיט קלאָרע אויגן.

ער האָט געמעגט קוקן!...

„זעט, קוקט זיך נאָר צו,"—האָט ער זיך שטיל אָנגערופן מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם,—„אין קאַנאַכל הויערט אַ ריז..."

און נאָכדעם האָט ער שוין געשעפּטשעט:

„איר זעט אים?... דאָס איז פון די קיילעכיקע קעפּ..."

ערשט איצט האָב איך גוט דערזען דאָס, וואָס איך האָב באַלד באַדאַרפט באַמערקן. אַ באַרג, אַ גרויסער לעבעדיקער באַרג איז געלעגן אויפן וואַסער פון קאַנאַכל...

דער קאָפּ אַ קיילעכיקער, דער רוקן אַ ברייטער, ווי אַ שטיק יבשה...

ער איז געלעגן אויפן וואַסער, קענטיק, שטאַרק פאַרטראָגן

אין פילאָזאָפישע רעיונות און האָט זיך נישט באַוועגט און דער־פּאַר, אַפּנים, האָב איך אים, אין דער אַלגעמיינער שטילקייט און מרה־שחורה, נישט באַמערקט.

„אָבער איצט זעט איר שוין, האַ?“ — האָט ראַנסאָם נאָך אַלץ געשעפּטשעט מיט גרויס התפּעלות.

ער האָט מיר שטום אַ צי געטאָן ביי דער האַנט און מיר האָבן זיך ביידע שטיל דערנענט צום ים־קאַנאַלכל.

דאָס וואַסער אין קאַנאַלכל איז געווען אַזוי רויק און דורכזיכטיק, אַז מען האָט געקענט זען די מושלען אויפן גרונט, און דער ריז האָט זיך אַזוי דייטלעך אויסגעשיילט אין וואַסער, פּונקט ווי מיר וואָלטן אים געזען אין אַן אקוואריום...

דאָס איז געווען אַ זכר, אַ מאַן פון אַ יאָר הונדערט, וואָס דערויף האָבן עדות געזאָגט די ווייסע פלעקן ביי זיינע אָטעמונגס־רערן.

מיר האָבן געזען, ווי דידאָזיקע אָטעמונגס־רערן עפענען זיך אויף און פאַרמאַכן זיך צוריק... עפענען זיך אויף און פאַרמאַכן זיך צוריק, מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ זייגער. די וואַלפיש־יעגער רופן עס: „אונטערווינקען“. איך מוז דאָ באַמערקן, אַז עס טרעפט זייער זעלטן, מען זאָל קענען פון דערנאָענט אָבסערווירן אַ וואַלפיש: דערדאָזיקער ריז האָט דווקא פיינט פרעמדע אויגן, וואָס ווילן אַריינקוקן טיף אין זיין וואַלפישער נשמה...

און ראַנסאָם האָט שוין ווידער געשעפּטשעט קוים צום הערן:

„אָט דאָס הייסט הצלחה... איך האָב קיינמאָל נישט געזען פון דערנאָענט אַ לעבעדיקן וואַלפיש... איך האָב זיי נאָר געזען טויטע... איר זעט נאָר, מיט וואָס פאַר אַ רחבות און מיט וואָס פאַר אַ תענוג ער ליגט אויפן וואַסער... ווי דערדאָ־

זיקער ריז איז עס אַ ביסל צופרידן פון זיך... אַ מלך זעט דאָך נישט אויס אַזוי גליקלעך, ווי ער! וואָס פאַר אַ מנוחה, וואָס פאַר אַ באַוווּסטזיין פון אייגענע כּוחות! ווער קען זיך פאַרגלייכן צו אים? אַלע זענען דאָך פליגן קעגן אים!..."

איך בין געשטאַנען, ווי אַ פאַרכּישופטער. הענט און פיס האָבן מיר געציטערט פון התפּעלות. איך האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ בילד נישט געזען. דער ריז איז געלעגן פאַר מיינע אויגן, אַ נאַקעטער, מיט זיין גאַנצער ריזיקייט. אַ באַרג לעבן אינם שטילן ים־קאַנאַלכל!

איך האָב אים געקענט אַזוי גענוי און נישט געאיילט באַטראַכטן, ווי מען באַטראַכט אַמאָל אינדערהיים, ביי זיך אין צימער, אַ קליין קאָרעסל, אַ העכטל, אַ שלייענדל...

ער האָט געאָטעמט זייער רעגלמעסיק: אַריין־און אַרויסגעלאָזט די לופט דורך די אָטעמונגס־רערן און דערביי קיין שום באַוועגונג נישט געמאַכט. בלויז איינמאָל אין דער טויטער שטילקייט האָט ער אויסגעשאָסן מיט הונדערט האַרמאַטן.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען אים האָט זיך פּלוצלונג פאַרגלוסט אַ פּאַטש צו טאָן דאָס וואַסער מיטן עק...

דער קלאַפּ האָט אונדז אַ ווײַלע טויב געמאַכט. מיר זיך געדאַכט, אַז עפּעס איז מיר איבערגעריסן געוואָרן אין אויער...

אפילו די אויגן האָבן אויפגעהערט אויף אַ ווײַלע צו זען...

נו, און דערנאָך איז צוריק שטיל געוואָרן. אַזוי שטיל, אַז דער עכאָ פון קלאַפּ האָט נאָך אַלץ געציטערט אין אויער.

דער ריז האָט זיך ווידער געקוויקט מיט זיין מנוחה, מיטן באַוווּסטזיין פון זיינע אומבאַגרענעצטע כּוחות...

ער איז געלעגן, ווי אַ מושל אויפן וואַסער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע ערד איז אים אונטערטעניק, ליגט מיט הכנעה אונטער זיין מושלדיקער משא...

ביידע הייסע וואלפיש-יעגער, זענען מיר אָן ווערטער גע־שטאַנען צוגעשמידט צו דער ערד.

אַ שעה נאָך אַ שעה איז געלאָפן, און מיר האָבן עס נישט באַמערקט. און ווער ווייס ווי לאַנג מיר וואָלטן נאָך אַזוי געשטאַנען, פארזונקען מיט די אויגן אין קאַנאַלכל, ווען די „הייליקע מנוחה" פון ריז וואָלט פלוצלונג נישט געשטערט געוואָרן.

פון ברעג האָט זיך אָפּגעריסן אַ מוראדיק שטיק אייז און איז אַריינגעפאַלן מיט אַ שאָס אין וואַסער אַריין. דאָס וואַסער האָט אויפגעקאָכט און איז פארלאָפן מיט חייסן שוים.

דער וואַלפיש האָט זיך כהרף-עין אַרונטערגעטונקט. אַרונ־טערגעטונקט האָט ער זיך נישט גלייך, מיטן בויך אַראָפּ און מיט אַן אויפגעהייבענעם עק, לויט זיין שטענדיקער טבע, נאָר מיט אַ זייט און נישט גענוג געשיקט.

מיר האָבן פאַרשטאַנען: דאָס וואַסער איז דאָ געווען נישט איבעריקס טיף, און ער האָט געוואָלט זיין פאָרזיכטיק.

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אַזאַ ריז, אַזאַ מאוימדיקער בעל-כוח, אַזאַ באַרג לעבן מוז אויך זיין פאָרזיכטיק, און דאָס געפיל פון פחד איז אים באַקאַנט נישט ווייניקער, ווי אַ קינד...

דער ריז האָט זיך דערשראָקן פאַרן קלאַפּ און האָט גע־מאַכט פליטה...

דאָס ים-קאַנאַלכל האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן זיין רייץ.

דאָס וואַסער איז איינגעשלאָפן.

אַרום אונדז איז געווען טויט-שטיל...

ערשט איצט זענען מיר געקומען צו זיך פונם כישוף. די צוגעשמידטע פיס צו דער ערד זענען פריי געוואָרן.

ראַנסאָם האָט זיך דערמאָנט אינם „פליענדיקן וואָלקן".

מיר זענען אַוועק צו אונדזערע חברים.

אַזוי ווי מיר האָבן געפּטרט צופיל צייט ביים וואַלפיש מיטן קיילעכיקן קאָפּ, האָט מען זיך געדאַרפט אַ ביסל צו-איילן.

געקומען צו אונדזערע חברים, וואָס זענען געזעסן האַלב פאַרשלאָפן אויפן ברעג, האָט ראַנסאָם ווילליונגעריש אַ קאָמאַנ-דעווע געטאָן:

„אין שיפל אַריין! פאַרגעסט גאָרנישט אויפן ברעג!"

אין צען מינוט אַרום האָבן מיר זיך שוין געגליטשט מיטן שיפל איבער די שטילע וואַסערן פון ים.

ראַנסאָם איז אָבער געווען אומרויק: איצט האָט ער גע-וואָלט פאַנגען דעם ריז. פריער האָט ער זיך צוגעקוקט צו אים, אַ פאַרכישופטער, פון אַ ריין עסטעטישן געפיל, איצט האָט ער דערשפּירט אין זיך דעם ניכטערן יעגער.

ער האָט בקיצור פאַרציילט די חברים, וואָס און וועמען ער האָט נאָר-וואָס געזען, און האָט געפרעגט:

„טאָ ווו איז דער לויתן?"

און ווו איז ער טאַקע געווען? דאָס איז געווען אַ שאַרפע פראַגע, וואָס האָט אַ ביסל צעמישט אונדז די מוחות.

דער ים איז גלאַט און שטיל. קיין שום באַוועגונג פון אַ גרעסערער כוואַליע, קיין שום גערויש פון אַ וואַלפיש.

דער שטייערמאַן, וואָס האָט איינגעטונקט זיינע אויגן אין ים, האָט פלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

„רער וואַלפיש ליגט אויפן דנאָ... איך קען אים, דעם חברה־מאַן... און אויב דאָס איז באמת אַ ריז מיט אַ קיילעכיקן קאָפּ, ווי איר זאָגט, קען ער אייך אוועקליגן אויפן דנאָ שעהנלאַנג... אָבער צי זענט איר זיכער, אַז ער איז פון די קיילעכיקע קעפּ?"

ראַנסאָם, דער צווייטער אָפיציר פון „פליענדיקן וואָלקן", האָט זיך אַ ביסל באַליידיקט פון דערדאָזיקער פראַגע. דאָס האָט געהייסן, אַז זיינע פּראָפעסיאָנעלע ידיעות ווערן געשטעלט אונטער אַ חשד...

ער האָט גענומען ברומען אונטער נאָז:

„איך בין אַזוי זיכער אין דעם, ווי איך בין זיכער אין מיין נאָמען, אַז איך הייס ראַנסאָם... וואָס הייסט, צי ער איז געווען פון די קיילעכיקע קעפּ? אַוודאי איז ער געווען פון דעם מין!"

„אַנטשולדיקט,"—האָט זיך דער שטייערמאַן פאַרענטפערט,—„אַ טעות קען געשען מיט יעדן מענטשן. אַגב, האָב איך נישט געוווסט, אַז איר האָט אַזוי נאָענט געזען דעם וואַלפיש. אויב דאָס איז אַ חברה־מאַן פון די קיילעכיקע קעפּ, קען מען בשום אופן נישט באַשטימען, וויפיל לאַנגע שעה ער וועט דאָרט ליגן אויפן דנאָ... ער און דער ים־קרעבס—ביידע האָבן ליב דעם דנאָ..."

מיסטער ראַנסאָם, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געשפּירט באַליידיקט פון דעם שטייערמאַנס פראַגע, האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט מיט פאַרטראַכטע אויגן אַראָפּגעקוקט צום וואַסער.

דאָס שיפל אונדזערס האָט זיך רויק געגליטשט פאָרויס. גאַנץ אומבאַמערקט האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן מיט די חברים פון די איבעריקע שיפלעך.

איצט איז מיסטער קאָפען געווען דער עלטסטער, און ער

האָט געהייסן, מען זאָל זיך האַלטן בײַ זײַן שיפֿל.

אַ מאָדנע זאַך: אַלע זענען געווען עפּעס אָנגערוקט, אָנגע־ברוגזט. מען האָט נישט גערעדט, נישט געלאַכט.

מיסטער קאָפּען האָט געקוקט מיט קאַלטע אומהיילעכע אויגן.

אונדזער קליינע עקספּעדיציע האָט זיך, קענטיק, נישט איינ־געגעבן. מיר האָבן געהאַט ווייניק הצלחה, און יענע שיפֿלעך — קענטיק, נאָך ווייניקער...

וואָס איז שייך מיר פּערזענלעך, בין איך געווען זייער צו־פֿרידן: איך האָב געזען דעם לויתן אין זײַן גאַנצער גרויס, אין זײַן גאַנצער נאַקעטקייט, אַזוי צו זאָגן, בײַ אים אינדערהיים, אין זײַן צימער. פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַן אומפֿאַרגעסלעך בילד. און דאָס איז פֿאַר מיר געווען איבערגענוג.

ראַנסאָם האָט אָבער אַנדערש געקוקט אויף דער זאַך. ראַנ־סאָם האָט צופֿיל ליב געהאַט כבוד און רום, און ער האָט זיך נישט געקענט שענקען, וואָס ער קומט מיט ליידיקן אויפֿן „פֿלי־ענדיקן וואַלקן..."

אָבער למאַי זענען די חברים אַזוי אָנגעכמורעט און פֿאַר־וואָס זיצט מיסטער קאָפּען מיט אַ מינע פֿון אַ וואָלף?

די זאַך איז באַלד קלאָר געוואָרן: דאָס וועטער האָט אונדז אויפֿגעהערט צו דינען. אַ שטאַרקער ווינט איז אָנגעפֿלויגן פֿון מערב און אויפֿן רויקן ים האָבן זיך באַוויזן גרעסערע כוואַ־ליעס...

מיר האָבן אפֿילו געזען דעם „פֿליענדיקן וואַלקן" אין אָפֿע־נעם ים, אָבער אונדז האָט אָפּגעטיילט פֿון אים אַ ברייטער אייז־פּאַס. ווען דער ווינט זאָל זיך פֿאַרשטאַרקן, וואָלט אפֿשר דער וועג צוריק געוואָרן געפֿערלעך פֿאַר אונדז.

עס איז שוין געווען גוט שפּעט.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, אַ גראָער נעבל איז געפאַלן אויפן ים און אויף דער יבשה. אויב דער נעבל וועט זיך פאַרשטאַרקן, וועט ער אונדז אויך גוט באַשווערן דעם וועג.

אַלע דריי שיפלעך האָבן געשווומען נאָענט פון איינאַנדער. דער עולם האָט געשוויגן מיט פאַרביסענע ליפּן.

עס האָט זיך נאָר געהערט דער גערויש פון די רודערס אויפן וואַסער, דער גאַנג פון די אויפגעהייבענע כוואַליעס...

מיסטער קאָפּען האָט זיך אויפגעהייבן און געזאָגט:

„די לאַגע ווערט ערנסט. אויב דער נעבל וועט זיך פאַרשטאַרקן, וואָס ס'איז, ליידער, גאַנץ מעגלעך, וועלן מיר פאַרלירן פון די אויגן דעם „פליענדיקן וואָלקן", און דעמאָלט..."

ער האָט נישט פאַרענדיקט. אַן אָנגעברוגזטער, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן הימל, אויפן ים און אויף דער יבשה, געטראַכט אַ ווײַלע און צוגעגעבן:

„מיר מוזן זיך שטארק צואײַלן... מען דאַרף אַרבעטן. מען דאַרף מיט אַלע כוחות טרײַבן די שיפלעך צום „פליענדיקן וואָלקן..."

מיר האָבן עס סיי ווי געטאָן, קיינער האָט זיך נישט געפוילט. די שיפלעך זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דעם אייזפּאַס.

אַמבעסטן איז געגאַנגען קאָפּענס שיפל. עס איז געלאָפן פאָרויס און קיינער האָט עס נישט געקענט דעריאָגן. מיט קאָפּענס עצות און מיט זײַן ענערגיע איז דאָס שיפל אַדורכגעגאַנגען דעם געפערלעכן אייזפּאַס אַ סך פריער פון אונדז. ווען קאָפּען איז שוין געווען אויף יענער זייט, זענען מיר ערשט צוגעקומען צום אייזפּאַס.

פאַרן טאָג האָט זיך דער אייז שטאַרק געענדערט. ערטער־ווייז איז ער צעקלאַפּט געוואָרן פון די כוואַליעס, און די באַזונדערע שטיקער, געטריבן פון ווינט, האָבן זיך געשלאָגן צווישן איינאַנדער.

עס האָט זיך געהערט אַ באַוועגונג, אַ פּלאַצן און אַ שיסן פון אייז...

אונדזער לאַגע איז באמת געוואָרן זייער ערנסט. מיר האָבן זיך געמוזט ראַטעווען אָדער אויפן ברעג אָדער אויפן „פליענ־דיקן וואָלקן". יעדע מינוט איז געווען זייער טייער.

אָבער ווער האָט זיך עס געוואָלט אומקערן צוריק אויפן ברעג? ווער האָט עס גאָר געקענט איינגיין דערויף. דאָס האָט אויסגעזען משונה, ווילד און זייער שלים־מזלדיק...

און מיר האָבן געאיילט צום „פליענדיקן וואָלקן".

פון די צוויי שיפלעך, וואָס האָבן זיך איצט געבאָמבלט ביים אייזפּאַס, איז אונדזערס געגאַנגען פאָרויס.

לכתחילה האָבן מיר קיין גרויסע מניעות נישט אָנגעטראָפן, די שיפלעך האָבן זיך נישט שווער דורכגעשלאָגן צווישן די צע־בושעוועטע שטיקער אייז. דער עולם פון אונדזערע שיפלעך האָט זיך אפילו באַרויקט. די סכנה האָט, ווי אַלעמאָל אין אַזאַ פאַל, דערוואַרעמט די בלוטן און פאַרשטאַרקט די ענערגיע. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיר גייען בשלום אַדורך דעם פאַרשאָלטענעם אייזפּאַס.

פלוצלונג האָט זיך אָבער די לאַגע געענדערט. אומרויקע שטיקער אייז האָבן אונדז פאַרשטעלט דעם וועג. דער ווינט האָט אונדז אינמיטן פאַרכאַפּט... אַ שטיק אייז האָט אונדז אַ זעץ געטאָן דאָס שיפל אין זייט, מיר זענען שיער נישט אַרויסגעפלויגן אין ים אַריין...

און דאָ איז דער הימל טונקעלער געוואָרן.

די סכּנה האָט זיך איצט געפילט אין דער לופט, אין ים, אין טונקעלן בייזן קאַלטן הימל...

„וואָס זאָגט איר, אַ שטייגער, צו דערדאָזיקער לאַגע, מיסטער גראָווער?"—האָט ראַנסאָם אַ פרעג געטאָן דעם אָפיציר פון דעם דריטן שיפל.

„וואָס קען איך זאָגן?"—האָט יענער געענטפערט.—„עס איז גאַנץ ערנסט, מיסטער ראַנסאָם."

„דאָס זע איך אַליין," — האָט אים אונדזער אָפיציר צוגעוואָרפן.—„אָבער אפשר קענט איר מיר נישט זאָגן, וואָס האָבן מיר איצט צו טאָן?"

יענער האָט אַ דריק געטאָן מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען די פראַגע.

„עס איז דאָך קלאָר,"—האט ער געזאָגט.—„מיר מוזן אַרויס פונם אייז, קיין אַנדער עצה איז נישטאָ."

מיסטער ראַנסאָם האָט זיך נישט מיט זיין קול צעלאַכט.

„דאָס הייסט אייגנטלעך, אַז מיר דאַרפן זיך אומקערן צוריק צום ברעג? אַזוי מיינט איר? וואָרים צום ברעג, מיינט איר, וועלן מיר זיך גיכער דערשלאָגן, ווי צו דער שיף?"

מיסטער גראָווער האָט געשוויגן מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געזאָגט: „איר קענט אייך אויסטייטשן מיינע ווערטער, ווי איר פאַרשטייט אַליין..."

איצט איז געהאָנגען די פראַגע, ווי אַ חלף, איבער אַלעמענס קעפּ: ג יי ן א י ן י ם, צ י ג יי ן צ ו ם ב ר ע ג?

דעם „פליענדיקן וואָלקן" האָט מען נאָך געקענט אַרויסזען פון די נעבלען, אָבער ער איז שוין געווען מער ענלעך צו אַ צוצויגענער פאַנטאַסטישער געשטאַלט, ווי צו אַ שיף... קאָפּענס

שיפל האָט מען איגנאָנצן נישט געזען, קענטיק, אַז דעם ערשטן אָפּיציר האָט אָפּגעגליקט און ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון דער סכּנה.

ווערגן דעם, אַז מיר זאָלן קענען זיך אַדורכרייסן דעם אייזאַס, האָט שוין איצט קיין רייד נישט געקענט זיין.

עס איז קיין שום וועג נישט געווען.

די שטיקער אייז זענען געקראָכן אויף איינאַנדער, ווי בלינדע חיות, האָבן אָנגעפּילט די לופֿט מיט געדיכטן אייזשטויב, און פֿון זיי האָט זיך געטראָגן אַזאַ שיסעריי, אַז מען האָט געקענט פֿאַרטויבט ווערן.

אַ ליאַדע מינוט האָבן מיר געקענט באַגראָבן ווערן אונטער דידאָזיקע אומרויקע אייזשטיקער, אַזוי, אַז פֿון אונדז זאָל קיין שריד ופליט נישט בלייבן...

און אָט גייען אויף אונדז מיטאַמאָל אַלע אייזשטיקער, ווי ווייט עס גרייכט דאָס אויג, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט. זיי גייען און שיסן און דריקן זיך אַלץ נענטער און נענטער צו אונדז...

אויף די צוויי שיפֿלעך ווערט טויט-שטיל, און מיסטער ראָנסאָם שרייט:

„שנעלער צום ברעג! צום ברעג! ראַטעוועט אייך!“

ביידע שיפֿלעך האָבן זיך אויסגעדרייט, גראָוערס שיפֿל פֿאָרויס, אונדזערס פֿון הינטן, און מיר זענען אַוועק צום ברעג.

די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז ווען מיר פֿאַרשפּעטיקן איין סעקונדע, איין באַרישע סעקונדע, וואָלטן מיר אויגנבליקלעך צעשאָסן געוואָרן פֿונם אייז...

ראָנסאָם האָט זיך פֿאָרט באַשלאָסן דערויף, וואָס איז אונדז אַזוי נישט ניחא געווען און וואָס גראָווער דהאָט

עס אפילו נישט געוואָלט אַרויסברענגען אויף די ליפּן: „צום ברעג!...״

אָבער די נסיעה צום ברעג איז אויך נישט געווען פון די לייכטע נסיעות: דער אייז האָט אונדז פאַרפּאָלגט. מיר האָבן זיך נאָך באַדאַרפט גענוג ראַגגלען מיט אים.

טיילמאָל איז ער אַזוי ווי פלוצלונג אויסגעוואַקסן פון אונטער די כוואַליעס און האָט אונדז פאַרשטעלט דעם וועג. מען האָט [illegible] געמוזט אָפּשטויסן אַמאָל מיטן רודער, און אַמאָל מיט די הענט און פיס. גאַנץ אָפט האָט מען געמוזט אַרויסשפּרינגען פון שיפל אויף אַ שטיק אייז, אָפּהיטן דעם גלייכגעוויכט פון גוף, באַלאַנסירן מיט די הענט, און בעת מעשה אַרבעטן, דאָס הייסט מאַכן אַ וועג פאַר אונדזער נסיעה צום ברעג.

מיר האָבן געאַרבעט ענערגיש, מיט פאַרצווייפלונג. דער טויט האָט אויף אונדז געלויערט פון ים, פון אייז, פון די ווינטן, וואָס האָבן געפּאַטשט אין פנים אַריין, ווי מיט קאַלטע נאַסע שמאַטעס.

אָבער אויף דער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזאַ מוטיקע און ענערגישע בריאה, ווי אַ וואַלפיש־יעגער: אין געפאַר ווערט ער דערצויגן, אין געפאַר ליגט דעריבער זיין שיינקייט, זיין שאַפן, זיין יעגער־ווערק.

און מיר האָבן, באַטירלעך, געזיגט!

מיר האָבן פאָרט דערגרייכט דעם ברעג. אמת, מיר זענען אַרויף אויפן ברעג מיט וווּנדן אויף די הענט און פיס, מיט נאַסע צוגעקלעבטע האָר צום שטערן, מיט שווערע אָטעמס, מידע און אויסגעמוטשעטע, אָבער פונם אכזר—דעם אייז האָבן מיר זיך פאָרט געראַטעוועט!

איצט שטייען מיר אויף דער יבשה, וווּ מען קען זיך

שוין נישט דערטרינקען אפילו ווען מען זאָל עס וועלן.

אונדזערע אָרעמע הילצערנע שיפלעך, וואָס זענען נישט געוווינט געווען צו אַזאַ קאַמף, זענען אויך אָפּגעקומען מיט וווּנדן אין זייט, אין נאָז, אין דעק...

צוגעפּעסטיקט זיי גוט צום ברעג, האָבן מיר זיך געלאָזט זוכן יענס אָרט, וווּ מיר זענען פריער, אין אַ רויקער מינוט, געזעסן און געגעסן.

דאָס אָרט האָבן מיר אָבער נישט געפונען. עס איז געווען אַן אַנדער ברעג, עפּעס אַ העכער צו צפון, וואָס האָט אונדז נישט זייער געשמעקט, ווייל אַזוי־אַרום האָבן מיר זיך דערוווייטערט פונעם „פליענדיקן וואַלקן".

די באלאגערונג פון בערן.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, און מיר האָבן געמוזט צויאָגן מיטן לאַגער. מיר האָבן געזוכט אַ טרוקן אָרט, ווו מען זאָל זיך קענען אויסרוען. דאָס איז געווען אַ גאַנץ באַשיידענער ווונטש, וואָס האָט זיך אָבער נישט אַזוי לייכט געלאָזט פאַרווירקלעכן.

נאַס און קאָלט און פינסטער איז געווען אויף דער יבשה, אין מיר זענען אַרומגעקראָכן, ווי די ווערעם און געזוכט עפּעס טרוקנס, אַ טרוקן אָרט פאַר די אויסגעפייניקטע ביינער.

אָבער אַזוי ווי די ערד איז דאָ אומעטום געווען אַדורכגעווייקט פון וואַסער, האָבן מיר צולעצט געמאַכט אונדזער לאַגער אויף אַ גרויען ברייטן פעלז מיט פלאַכע טרוקענע זייטן. אמת, עס איז געווען האַרט צו ליגן אויף זיינע זייטן, דערפאַר אָבער איז געווען גענוג טרוקן. אַזויאַרום האָבן מיר דאָך אויסגעמידן דאָס העסלעכע שותפות פון נאַסקייט און קעלט...

ווען מיר וואָלטן געווען גליקלעכע מענטשן, וואָלטן מיר נאַטירלעך, פאַרלייגט אַ פריילעך פייערל אויפן פעלז און וואָלטן אַ ביסל דערוואַרעמט די פאַרשמאַכטע גלידער. אגב, וואָלטן מיר ביים פייערל עפּעס אויפגעקאָכט: אַ זופּ, פלייש, טיי... כלעבן, עס וואָלט גאָרנישט געשאַדט, מען זאָל נעמען עפּעס אין מויל אַריין. עסט מען דאָך ביי לייטן, אפילו ווען מען ראַנגלט זיך נישט מיט די פאַרשאָלטענע אייזשטיקער אין ווייטן צפון, אָוונטברויט און מען פאַרטרינקט עס נאָך מיט אַ ווויל גלעזעלע ראָם, צו ווייַן...

אָבער מיר זענען נישט געווען קיין גליקלעכע מענטשן: מיר האָבן נישט געהאַט קיין האָלץ און קיין זכר פון עסנוואַרג... מיר זענען געווען די סאַמע אָרעמסטע מענטשן אויף דעם סאַמע אָרעמסטן שטיקל ערד.

מען האָט געמוזט פאַרגעסן אין דידאָזיקע פאַרגעניגנס און מען האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיטן האַרטן פעלז, אַ דאַנק גאָט כאָטש דערפאַר, וואָס ער איז טרוקן. עס האָט נאָך גע־קענט ערגער זיין.

איינגעטוליעט און איינגעפלאָכטן אין איינאַנדער (צוליב דער שניידיקער קעלט), האָבן מיר זיך אַנידערגעלייגט שלאָפן. מען האָט צוגעמאַכט די אויגן מיט דער האָפענונג, אַז מען וועט, לפחות, גוט אויסרוען.

אָבער דאָ האָט אונדז רעכט אַ נעם געטאָן אין די הענט אַריין דער בייזער צפון־ווינט. דאָס איז געווען אַ־ניייע אָנשיקעניש, וואָס האָט בשום אופן נישט דערלאָזט, מיר זאָלן זיך אויסשלאָפן.

עס איז אַוועק אַ קלאַפּעריי פון ציין, פון אַדורכגעפראָרענע ביינער, און אַ פיינלעך טוליען זיך צו יענעם און צו זיך...

קיינער האָט נישט געקענט איינשלאָפן. מען דהאָט זיך געפילט, ווי אַרויסגעוואָרפן נאַקעט אויפן ברענענדיקן פראָסט.

דער עולם איז ביסלעכווייז אויפגעשטאַנען און אוז אַרויס מיט קלאַפּנדיקע ציין פון דער ק אַ ל ט ע ר איינגעטוליעטקייט און איינגעפלאָכטנקייט...

ווער עס האָט געטאַנצט, ווער עס האָט געקלאַפּט אַ האַנט אין אַ האַנט און ווער עס האָט זיך אָן אויפהער געבויגן מיטן קאָפּ צו דער ערד...

מען האָט געזוכט וואַרעמקייט דורך באַוועגונג, ווען דער גוף איז געווען אויסגעמאַטערט און אויסגעפייניקט ביז חלשות.

עמעץ האָט אפילו פאַרגעלייגט, מען זאָל זיך נעמען צו די שיפלעך מיט די רודערס און פאַרלייגן פון זיי אַ פייער.

עמעץ, קענטיק, זייער אַ פאַרצווייפלטער, האָט זיך צו־שריען, אַז באַדיי שטאַרבן דאָ אויפן אָרט, אַבי פייער זאָל זיין!

„וואַרעמקייט! וואַרעמקייט! וואַרעמקייט!"

אויף דערדאָזיקער טויטער יבשה האָט זיך מסתמא צום ערשטן מאָל אָפּגעשפּילט אַזאַ אויסטערלישע נאַכט־סצענע מיט משונה־טאַנצנדיקע מענטשן, וואָס שרייען ווילד אין דער קעלט אַריין...

דערווייל האָט זיך די נאַכט גערוקט. איין שווערער שעה איז אַוועקגעפאַלן, ווי אַן אייביקייט און די אַנדערע איז, נאָך איר, געקומען ווי אַן אייביקייט. אין דער קעלט און אין דער אומאויפהערלעכער באַוועגונג האָט זיך פאַרוואָלט עסן...

דער גוט בעקאַנטער הונגער איז געקומען און האָט זיך פאַרייניקט מיטן צפון־ווינט...

איצט האָט מען שוין געשריען ביידע זאַכן: אי „וואַ־רעמקייט!" אי „עסן!"

אַגב, אַז מען שרייט, ווערט דערפון אַליין אַ ביסל לייכ־

טער... אַזוי איז שוין די מענטשלעכע טבע.

מען האָט געטאַנצט און געשריען:

„אַ ביסעלע ווארעמקייט! גיט מיר עפּעס אין מויל אַריין!"

איינער, אַ שוואַכמוטיקער (דער איינציקער צווישן אונדז), האָט אפילו געשאָלטן:

„אין דר'ערד אַריין מיטן קאָפּ, מיט די פיס, מיט לייב און לעבן! אַז מען האָט אַזאַ ווארעמע שיף, אַזאַ גוטע שיף, אַזאַ פריילעכע שיף, וווּ עס איז פאַראַן פון כל־טוב, וויינען, קאָנסערוון, פליישן, פישן, פרוכטן, טאַבאַק און טיי, נעמט מען און מען לאָזט זיך אַוועק אין אַוואַנטורעס! געהרגעט זאָלן זיי ווערן! אַז מעגטשן זוכן אַליין אויף זיך דעם טויט! פאַרברענט זאָלן זיי ווערן!..."

קיינער האָט אָבער נישט געהערט זיינע קללות. מילא, זאָל זיך שילטן אַ מענטש, אפשר ווערט אים ווארעמער דער־פון...

מען זאָגט, אַז אַ פרוי גייט לייכטער צו קינד, ווען זי שרייט.

די קעלט האָט זיך אָבער אַזוי איינגעגעסן אין די ביינער, אַז ס'איז באמת נישט געווען קיין עצה צו איר. אפילו געשריי און באַוועגונג האָבן שוין נישט געהאָלפן מער.

דער עולם האָט זיך גענומען איינשטילן מיט קלאַפּעדיקע ציין...

עס האָט זיך געוואָלט פאַרגראָבן אין דער ערד און זוכן דאָרט אַ ביסל ווארעמקייט...

אַך, דער פּיין פון קעלט אויף אַ הונגעריקן מאָגן! איר קענט אייך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס דאָס זעבען פאַר אַ

יסורים!

דאָס איז דער טויט, וואָס גייט צו אייך מיט די קלענ-סטע טריט, קוים וואָס ער רירט זיך פון אָרט, אָבער ער גייט!...

פון דער פאַרשאָלטענער נאַכט, אויף דערדאָזיקער פאַר-שאָלטענער יבשה, האָט שוין גענומען אַרויסשפּיזלען דער טאָג. די גאַנצע וויסטקייט פון דער יבשה האָט ביסלעכווייז אויסגעטאָן איר נאַכט-קאָלדרע. דער צפון-ווינט האָט אַזוי ווי נאָכגעלאָזט...

פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט אַ שאַרף אומבאַקאַנט ריי-טשען פון אַ חיה.

דער עולם האָט אויפגעציטערט מיט פאַרהאַלטענע אָטעמס. אין דערדאָזיקער טויטקייט האָט זיך פּלוצלונג דערשפּירט עפּעס אַ שטיק געזונט לעבן, וואָס קען אונדז שלעכטס טאָן.

„וואָס איז עס פאַר אַ חיה?״—האָט עמעץ געפרעגט.

„טססס...״—האָט עמעץ געוואָרנט, מען זאָל שווייגן.

„דאָס איז דער ווייסער בער...״—האָט גראָוער געזאָגט און האָט זיך אַרומגעקוקט.

מיר האָבן אויך געטאָן דאָס אייגענע: מיר האָבן אים געזוכט מיט די אויגן אין אַלע זייטן.

דער ווייסער בער, אויב דאָס איז ער טאַקע געווען, האָט זיך געקענט צונויפגיסן מיטן ווייסן שניי, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, און דעריבער האָבן מיר אים נישט געקענט באַ-מערקן. מיר האָבן אים אַרומגעזוכט, אָבער אָן ערפאָלג. מיר האָבן אויך נישט באַמערקט קיין באַוועגונג פון עפּעס אַ גרויסער חיה.

„דאָס איז דער ווייסער בער!״—האָט גראָוער ווידעראַמאָל געזאָגט, — „און מסתמא נישט איינער, נאָר צוויי, עטלעכע...

אוודאי אַ מאַן מיטן ווייבל, און איך קען שווערן ביי מיינע פּיאַטעס, אַז דעמדאָזיקן ליבהאַרציקן פּאָרל גייט נאָך אַ קליינ־טשיק בערעלע, טאַקע זייערס אַ בנאָק, צי אַ טעכטערל... זאָלן זיי קומען אַהער, אַדרבה ואדרבה, זיי וועלן זיין גוטע געסט ביי אונדז, מיר וועלן זיי אויפנעמען מיט גרויס כבוד און פּאַראַד... האָט איר שוין וועו געגעסן אַ געבראָטן לעבערל פון אַ בער? נישטאָ קיין בעסערער מאכל אויף דער גאַנצער וועלט. מלכים און קיסרים מעגן עס עסן, זאָל איך שוין אַזוי לעבן!...״

גראָווער איז אַנטשווינגן געוואָרן, וואָרים מיר האָבן מיט־אַמאָל באַמערקט די באַוועגונג פון דריי שאָטנס אויפן שניי. דאָס זענען געווען צוויי בערן מיט אַ בערעלע, ווי גראָוועער האָט פאָרויסגעזאָגט...

עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען געקומען אַהער נישט צופעליק... שמעקערס האָבן זיי גוטע, ווער ווייס, אפשר האָט זיי פלוצלונג פאַרשמעקט אַ שטיקעלע פלייש פון אַ מענטשן?

פון זייער באַוועגונג איז געווען קענטיק, אַז זיי גייען נישט אַהער מיט פרידלעכע אומשולדיקע רעיונות...

זיי האָבן זיך גערוקט, ווי גנבים, און האָבן אַ ליאַדע מי־נוט געוואָלט מאַכן אַן אָנפאַל.

וואָס טוט מען? לאַנג קווענקלען האָט מען נישט געטאָרט, וואָרים די בערן זענען, קענטיק, אויך נישט געווען פון די קווענקלענדיקע ברואים.

זיי האָבן געהאַט פאַר די אויגן אַ ציל, און זענען גע־גאַנגען צו אים. מיר האָבן אָבער אויך געהאַט פאַר די אויגן אַ ציל, באַדאַרף מען אויך גיין צו אים אָן שום קווענקלעניש.

אין אונדזער רשות האָבן מיר בלויז געהאַט איין ביקס, ראַנסאָמס ביקס, און אַן אָרעם שפיזל, וואָס האָט אנגעהערט צו

גראָוּוערן, מיט דעמדאָזיקן שפּיזל האָט ער זיך טיילמאָל באַנוצט ווי מיט אַ שטעקן...

דאָס זענען, נאַטירלעך, שוואַכע שוצמיטלען קעגן דידאָזיקע ווייסע גיבורים, און דעריבער איז נאָך אַ קורצן, בליצשנעליקן ישוב־הדעת באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר זאָלן אָפּטרעטן צו אונדזערע שיפלעך, צו אונדזער גרויסער בושה און שאַנד...

אָבער די בערן, וואָס זענען, אַפּנים, גאָרנישט געווען קיין פרייערס, האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר ווילן אָפּטרעטן, האָבן זיי אונדז אָפּגעהאַקט דעם וועג צום ים... זיי האָבן אונדז געוואָלט פאַרהאַלטן אויף דער יבשה.

אפשר האָבן זיי געפילט, אַז מיר זענען אַ טייל פון יענעם אויסטערלישן בנין, וואָס אויף אונדזער לשון הייסט ער „פליענדיקער וואָלקן", און וואָס נאָר ער קען זיין אונדזער איינציקע שוץ און פעסטונג קעגן זיי?

דערווייל אָבער איז געווען נישט אַזוי פריילעך.

מיר האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן. נישט ווילנדיק האָט זיך אַרומגעפּלאָנטערט אין קאָפּ אַ קיצלדיק מחשבהלע, אַז עמעץ פון אונדזער געזעמל וועט מוזן אַריינפאַלן צום ווייסן בער אין פּיסק אַריין... זיי וועלן אַ כאַפּ טאָן איינעם פון אונדז און וועלן אַנטלויפן מיט אים. זיי וועלן דאָך נישט גיין אויף אַלעמען מיטאַמאָל, צו וואָס?

אָבער ווער איז דער איינער?...

און אָט אין דעם מאָמענט פון אויפרעגונג און צעמישטקייט האָט דער היציקער ראַנסאָם געטאָן אַ זאַך, וואָס ער האָט נישט געדאַרפט טאָן: ער האָט צוויי מאָל אויסגעשאָסן אין די בערן...

זיין ביקס איז אָבער געווען אָנגעלאָדן מיט דראָבנע בלייעלעך, דאָס הייסט מיט יענע דראָבנע קיילעכלעך, וואָס

זענען באַשטימט פּאַר ווילדע קאַטשקעס און גענדז...

צום אומגליק, האָבן זיינע צוויי שאָסן געטראָפן אין ציל: די בערן זענען אויפגערייצט געוואָרן און האָבן מיט אַ ווילד ריטשען זיך אַ וואָרף געטאָן צו אונדז.

מיר האָבן שוין געוואָלט מאַכן פּליטה, ווער, ווו עס האָט געקענט, אָפּגעבנדיק זיי דעם „איינעם", אָבער גראָוווער האָט אַ געשריי געטאָן:

„אויפן פעלז, חברה! אויפן פעלז! שרעקט זיך נישט!"

דער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן פעלז. מען איז געפלויגן ווי די היישעריקן, מען האָט זיך געדראַפּעט אויפן האַרטן שטיין מיט דער געשיקטקייט פון אַ קאַץ.

גראָוווער איז געקראָכן דער לעצטער, דער קאַלבלוטיקסטער, דער רויקסטער...

דעם בערס ווייבל, די בערילע, וואָס איז געווען מער צערייצט, ווי איר מאַן, האָט שוין געהאַלטן כמעט מיט איר מוראדיקן פּיסק ביי גראָווערס פיס, אָבער דערדאָזיקער געניטער וואַלפיש-יעגער האָט איר דערלאַנגט אַ טאַראַבעניק מיטן שפּיזל אין פּיסק אַריין און האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פעלז.

די חברים זענען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אי אויף די ווייסע אומגעבעטענע געסט אי אויף ראַנסאָמען, וואָס האָט געגעבן צוויי נאַרישע שאָסן און אַזוי־אַרום נאָכמער צערייצט די חיות און פאַרגרעסערט די געפאַר פאַר אומבאַוואָפנטע און אומבאַשיצטע מענטשן.

מען האָט זיך אָבער באַלד באַרויקט, און באַרויקט זיך אַ וואַלפיש-יעגער, ווערט ער באַלד פריילעך און קוועלט נאָך גוט אָן פון דער געפאַר, וואָס ער האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט.

מען האָט זיך געדריקט די הענט, געכאַפּט אַ טענצל און

געשריען אין דער קעלט אריין:

„הוראַ! הוראַ!! הוראַ!!!"

אויף דעמדאָזיקן ברעג האָט מען מסתמא נאָך קיינמאָל נישט געהערט אויסשרייען אַזאַ הויכן, אַזאַ התפּעלותדיקן, אַזאַ ווילד־צאַפּלדיקן „הורא!"

די לופט האָט אויפגעציטערט פון דידאָזיקע געשרייען.

מען האָט פאַרגעסן אין הונגער, אין קעלט, אין נויט.

יעדער איז מיטאמאָל אָנגעפילט געוואָרן מיט יונג הייס בלוט.

אַזאַ געפאַר איז אייגנטלעך דאָס בעסטע מיטל צו פראָסט און קעלט: מען פארגעסט אין זיי...

די בערן זענען אָבער נישט אַוועק. זיי האָבן כסדר אַרומגעטאַנצט ארום אונדזער פעלז און האָבן, קענטיק, געהאַט זייער שלעכטע רעיונות...

פון צייט צו צייט האָבן זיי אויפגעהייבן צו אונדז זייערע בלוטדורשטיקע אָפענע פּיסקעס מיט אַ שטאַרקער געדיכטער פאַרע. די גרויסע ווייסע שאַרפע ציין האָבן געבלישטשעט, ווי מעסערס.

מיר זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן זיך נישט אַרויפקריגן אויפן פעלז, וואָס האָט אייגנטלעך געהאַט בלויז איין נאַטירלעך שטעגעלע, און ביי דעמדאָזיקן שטעגעלע איז גראַוער מיט זיין שפּיזל כסדר געשטאַנען אויף דער וואַך. אָבער אין קאָפּ האָט אַלץ געעקבערט אַ געדאַנק: און וואָס וועט זיין שפּעטער? און וואָס טוט מען מיט דער אכילה? און ווי און ווען דערקריגט מען זיך צום „פליענדיקן וואָלקן?" ווי לאַנג איז דער שיעור דאָ צו זיצן?

דידאָזיקע פראַגן זענען נאָכמער פאַרשאַרפט געוואָרן, ווען

מיר האָבן איינגעזען, אַז די ווייסע פּאָל־בערן האָבן גאָרנישט בדעה אַוועקצוגיין. אַ שעה נאָך אַ שעה לויפט אַוועק, און די בערן טאַנצן נאָך אַלץ אַרום פּעלז, ווי זיי וואָלטן דאָ וועלן פאַרבלייבן אויף אייביק.

מיר האָבן נאָך דעמאָלט גאָרנישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ האַרטער עקשן דער ווייסער בער איז און אַז ער האָט גע־דולט פון אַ שטיין.

ער האָט אויף אַלץ צייט, ער איילט זיך נישט, ער יאָגט זיך נישט, ער קען זיך אַוועקזעצן און זיצן אַזוי טעג און גאַנצע וואָכן, אויב מען דאַרף. דאָרט, ווו די זון איז אַ קאַלטע, איילט מען זיך נישט...

אָבער אַז מיר האָבן זיך אַ ביסל צוגעוווינט צו דער אָריגינעלער וואַך פון די ווייסע בערן, האָבן מיר צוריק דער־שפּירט די אַלטע יסורים: די קעלט און דעם הונגער...

די קעלט און דער הונגער—ביידע האָבן אונדז געשניטן, ווי מיט מעסערס. די שטימונג איז ווידעראַמאָל געפאַלן, בייזע פייערלעך האָבן זיך באַוויזן אין די אויגן. דער שילטער איז ווידער אַרויסגעשפּרונגען מיט זיינע קללות... איצט האָט ער נאָך געהאַט פעטערע קללות צוליב די ווייסע בערן.

און דער עולם האָט פונדאָסניי גענומען טאַנצן און שפּרינ־גען און וואַרפן מיט הענט און פיס—טאָמער וועט עס פאָרט אַ ביסעלע דערוואַרעמען די פאַרגליווערטע און פאַרשמאַכטע ביינער...

מיסטער גראָווער, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים שטעגל אויף דער וואַך, מיטן שפּיזל אין דער האַנט, האָט זיך פּלוצלונג אָנגערופן:

„מיט די בערן קען מען האָבן אַ טאַנץ אויף עטלעכע טעג צייט... איר קענט זיי נישט, זיי וועלן פונדאַנען נישט

אוועקגיין... די לאַגע איז אַ גאַנץ ערנסטע."

פון דידאַזיקע ווערטער איז אונדז גאָר קאַלט געוואָרן, ערגער ווי פון פראָסטיקן ווינט. איך האָב מיך שוין באַלד דער־מאָנט אין יענעם צושטאַנד, ווען איך בין נאָכגעשווומען אין קאַלטן ים קאָפּעגן מיט זיין קלאָץ...

עס ווערט ענלעך צו יענעם אומפאַרגעסלעכן מאָמענט פון אומבאַהאָלפנקייט און פאַרצווייפלונג.

און פאַרצווייפלונג האָב איך געזען אין אַלעמענס אויגן. וואָלט כאָטש געווען אַ ביסל פייער, מען זאָל זיך קענען דער־וואַרעמען; איז נישט קיין פייער—וואָלט כאָטש געווען אַ ביסל פּראָוויזיע מען זאָל קענען שטילן דעם הונגער; איז נישט קיין פּראָוויזיע—וואָלט כאָטש געווען געווער, פּשוט געווער, מען זאָל קענען צושיסן די בערן, ווי די הינט און צוריסקריכן פון אונדזער באַלאַגערונג...

נישט דאָס און נישט יענץ! מיר זענען אומבאַהאָלפן ממש ווי קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט אין אַ גרויסן געדיכטן וואַלד.

ווו איז דער אויסוועג? ווי אַזוי ראַטעוועט מען־זיך? וואָס טוט מען אין אַזאַ טראַגי־קאָמישער לאַגע?

די פאַרצווייפלונג איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. מענטשן זענען געקראָכן פון דער הויט, זיך געביסן די פינגער פון אַנגסט און פאַרדראָס.

אַן אומגליק גאָר מיט בערן—עס איז זיי נישט אָנגע־שטאַנען די גאַנצע זאַך...

דער שילטער האָט שוין אויסגעזען, ווי אַ משוגענער. ער האָט געהאַט פאַרגלאָצטע אויגן און די ליפּן האָבן כּסדר גע־שעפּטשעט:

„אין דר׳ערד אריין! פארברענט זאָלט איר ווערן! די גערדערם זאָלן אייך איבערגעקערט ווערן אין בויך! וואָס האָט איר צו מיר, צו מיין אָרעם בידנע לעבן? אַ מיתה-משונה זאָלט איר איינגעמען די מינוט מיט די בערן צוזאַמען!"

אין פארצווייפלונג זענען אַרויסגעשוווּמען עטלעכע פלאַנען פון צעהיצטע קעפּ.

איינער האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל נעמען וואַרפן שטיי-נער אין די האַרטע בערישע קעפּ, וועלן זיי זיכער מאַכן פליטה...

אַ צווייטער האָט אויפגעגעבן, מען זאָל גיין אויף זיי מיט געשרייען און גוואַלדן, מחמת זיי האָבן מורא פאַר אַ מענטש-לעכן קול.

אַ דריטער, ווידער, האָט געזאָגט, אַז מען זאָל פּשוט אַראָפּגיין פון פעלז און מען זאָל מאַכן פליטה, און ווער עס האָט פלינקערע פיס, דער וועט זיך ראַטעווען.

„אַזוי איז דאָך אַ מעשה אָן אַ סוף", — האָט ער גע-טענהט. — „בלייבן מיר זיצן אויפן פעלז, איז אַ קלאָג צו אונדז-זערע יאָרן: מיר וועלן אויסגרן, ווי די ווערעם פון הונגער און קעלט. אָבער אַז מיר זאָלן שוין באַצייטנס, ווען די כּוחות האָבן נאָך אונדז איינגאַנצן נישט פאַרלאָזט, נעמען און מאַכן פליטה פונדאַנען, וועט אַ טייל פון אונדז זיך זיכער ראַטעווען און וועט זיך דערשלאָגן צום „פליענדיקן וואָלקן."

דערדאָזיקער געדאַנק האָט אויסגענומען ביי דער מערהייט פון אונדזער געזעמל.

„זאָל יעדער איינער זיך ראַטעווען אויף זיין שטייגער און אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט!" — האָט מען געשריען. — „וואָרים דאָ, אויפן פעלז, וועלן מיר זיכער אַלע ביז איינעם

אויסגערן, ווי די הינט."

„קאָכט אייך, אָבער נישט אַזוי!"—האָט זיך ראַנסאָם אָנ-גערופן.—„איך האָב אַן אויסוועג..."

„זאָל מיסטער ראַנסאָם זאָגן, וואָס האָט ער פאַר אַן אויס-וועג!"—האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צו אים.

ראַנסאָם האָט זיך אויסגעגלייכט, פונקט ווי ער וואָלט זיך אויפגעהייבן אויף די שפּיץ פינגער און געזאָגט:

„געדולט-פריער פון אַלץ! מיר וועלן זיך זיכער דער-שלאָגן צו אונדזערע שיפלעך, איר וועט זען! אָבער פריער — געדולט און איבערלייגונג."

ראַנסאָם האָט ביז אַהער געשוויגן. ער האָט געהאַט זייער אַ מיאוסן דורכפאַל מיט די צוויי קינדערישע שאָסן און איז דערפאַר באַלד געפאַלן אין קורס ביי די חברים. קיינער האָט זיך אויף אים מער נישט אומגעקוקט, און ער האָט זיך געפילט זייער אומגליקלעך. ווען אַן אָנפירער אָדער אַן אָפיציר טוט אַ נאַרישקייט, וועלן עס אים זיינע זעלנער קיינמאָל נישט מוחל זיין, סיידן ער וועט זיך ריינוואַשן דורך עפּעס אַ העלדיש-קייט...

ראַנסאָמס אויטאָריטעט איז געפאַלן, האָט מען מיט אים נישט גערעדט און מען האָט ביי אים נישט געפרעגט קיין עצה. אין דעם אומגליק מיט די בערן האָט מען אים באַ-האַנדלט, ווי דעם לעצטן מאַטראָז.

מיסטער ראַנסאָם איז ביז אַהער געווען אַזוי דער-שלאָגן, ער האָט געהאַט אַזוינע געפאַלענע אויגן, אַזאַ נעבעכ-דיקע מינע, אַז עס איז געווען ענלעך דערויף, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך נעמען דאָס לעבן...

און מעגלעך, אַז ער וואָלט זיך טאַקע גענומען דאָס לעבן

ווען ער וואָלט געהאַט מיט וואָס — ווען ער וואָלט געהאַט אַ רעוואָלווער אָדער סם...

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט יאָ געהאַט אַ פּאָר קוילן, אַ פּאָר אמתע קוילן, וואָס ער האָט פאַרגעסן (עס גלויבט זיך גאָרנישט, ווי אַזוי קען מען עס פאַרגעסן אין אַזאַ צייט!) ביי זיך אין אַ קעשענע...

איצט האָט ער פּאָר אַלעמען אין די אויגן אנגעלאָדן זיין ביקס... עס האָט מאָדנע פריילעך און הבטחהדיק אָפּגעקלונגען דער קלאַפּ פון ביקס-צינגל ביי דער אָנלאָדונג. די פון מוט-געפאַלענע חברים האָבן פונדאָסניי באַקומען פייערלעך אין די אויגן...

האָט מען דאָך געוווסט, אַז ראַנסאָם איז נישט נאָר אַ פּרעכטיקער האַרפּון-וואַרפער—ער איז אויך אַן אויסגעצייכנטער שיסער, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט.

און אונדזער געזעמל האָט זיך שוין איבערגעוווּנקען מיט גרויס שמחה און התפעלות:

„נו, עס נעמט שוין אַ סוף צו דער בלאָקאַדע... די בערן איז שוין זיכער נישטאָ וואָס מקנא צו זיין! מיר וועלן זיי איצט געבן פעפער צו שמעקן, פאַרברענט זאָלן זיי ווערן!"

און ראַנסאָם, אונטערגעוואַרעמט פון די חברים, האָט גענומען דעם ביקס אין די הענט, האָט זיך אויסגעקליבן אַ פּאַסיק אָרט צום שיסן און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני.

און די בערן, דאָרט אונטן, האָבן בעת מעשה אַרומגעשפּאַצירט אַרום פעלז, ווי נישט זיי מיינט מען און האָבן וויילעוויז אַרויפגעקוקט צו אונדז מיט אָפענע פּיסקעס...

צוויי שטאַרקע שאָסן האָבן אויפגעריסן די שטילקייט... עס האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער ריח פון פולווער, אַ בישערער רויך האָט אָנגעפילט די לופט

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר געזען, ווי דאָס בערישע פּאָרל, מאַן און ווײַב, ליגן אויף דער ערד און וואַרפן זיך אין גסיסה...

דערבײַ שטייט דאָס קלײנע בערעלע, דאָס קדישל, און קוקט זיך צו מיט אומפאַרשטענדלעכע איבערגעשראָקענע אויגעלעך.

ער האָט, געבעך, לאַנג נישט געקוקט דאָס קדישל: ער האָט זיך באַצאָלט מיטן לעבן צוגלײַך מיט טאַטע-מאַמע, דערין האָט זיך שוין צוגעסטאַרעט מיסטער גראָווער, וואָס איז געווען אַ געוואַלדיקער שונא אפילו פון קלײנע בערעלעך...

אַזוי איז געשטאָרבן דאָס בערן-משפּחהלע...

נייע שרעק און יסורים.

עס איז מיר ממש שווער צו באַשרייבן די שמחה און די התפעלות פון די חברים, ווען מען האָט דערזען מיט די אייגענע אויגן, ווי דידאַזיקע ווייסע שדים ליגן אומבאַוועגלעך אויף דער ערד. יעדער, ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן, איז געלאָפן דריקן ראַנסאָמס האַנט. איצט איז שוין ראַנסאָם ווידעראַמאָל געווען דער בריה און דער העלד, זיינע אַקציעס האָבן זיך געוואַלדיק אויפגעהייבן, און מאַנכע זענען צוגעפאַלן מיט די ליפן צו זיין שטערן.

ראַנסאָם איז געווען (און ער איז עס טאַקע באמת געווען!) דער רעטער און דער זיגער.

מען האָט אויפגעהייבן די פראַגע וועגן עסן.

עס האָט זיך געוואָלט עסן נישט בלויז פון גרויס הונגער, וואָס האָט שטאַרק געפייניקט דעם מאָגן, נאָר אויך פון פייערלעכקייט וועגן...

עס האָט זיך געוואָלט עסן צוליב דעם גרויסן „באַפרייונגס-מאָמענט!“

אָבער עסן רוי בעריש פלייש האָט קיינער קיין חשק נישט געהאַט. עמעץ האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל זיך באַנוצן מיט די בענקלעך פון אונדזערע שיפלעך און דער פאָרשלאַג איז באַלד אָנגענומען געוואָרן.

עס האָט זיך נישט געוואָלט טראַכטן און קלערן, וואָס שפּעטער וועט זיין. דערווייל דאַרף מען האָבן פייער, האָט מען זיך גענומען צו די בענקלעך.

מיט נאַסן האָלץ מאַכט מען נישט אַזוי לייכט קיין פייער, אָבער מיר האָבן עס פאָרט דערלעבט צו זען! וואָס פאַר אַ פרייד, וואָס פאַר אַ טאַנץ, וואָס פאַר אַ וויצן און ווערטלעך!

דאָס פייער האָט אויך געטאַנצט און געקנאַקט און דער עולם איז צוגעפאַלן מיט די פאַרגליווערטע גלידער צו אים.

אַך, וואָס פאַר אַ גוטע זאַך איז — וואַרעמקייט! בעסער פון וויין, בעסער פון אַלע תענוגים אין דער וועלט. אין אונדזער לאַגע איז וואַרעמקייט געווען לעבן, אויפלעבונג, תחית-המתים...

אפילו דער טויטער ברעג האָט אַזוי ווי אויפגעלעבט ביים טאַנץ פון פייער.

מאַנכע חברים האָבן גענומען זינגען פריילעכע מאַטראָזן-לידלעך,—דער בעסטער סימן, אַז די שטימונג איז זייער אַ גע-הייבענע.

מען האָט געבראָטן בעריש פלייש...

געגעסן האָט מען עס אָבער אָן חשק, אָן אַפּעטיט, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער הונגער איז געווען זייער גרויס.

דער בער, ווי באַוווּסט נערט זיך בלויז מיט פיש, און דע-ריבער האָט זיין פלייש געהאַט אַ שווערן ווידערטעם... עס איז

געקראָכן פון האַלדז.

מעגלעך, אַז דאָס בערישע פלייש וואָלט געהאַט גאָר אַן אַנדער טעם, ווען מיר וואָלטן געהאַט זאַלץ און פעפער און פעטרושקע און בכלל די אַלע בייטיקע געווירצן, וואָס ווערן געברויכט צו געבראָטנס.

מען זאָגט, אַז בעריש פלייש איז נישט שלעכט, ווען מען בראָט עס ווי געהעריק. ביי אונדז האָט עס געהאַט אַ טעם פון שלעכטן פיש...

דאָך האָט מען זיך אָנגעפּאַקט די מאָגנס און מען איז געקומען צו די כוחות.

מען איז געווען זאַט און דערוואַרעמט און מען איז געווען פריילעך.

אויפן הימעל האָט זיך באַוויזן די זון, אויף דעם אומע־טיקן ברעג איז געפאַלן אַ ליכטיקער זוניקער טאָג...

ווי לייכט עס האָט זיך איצט פאַרגעסן די נאַכט מיט די בערן, מיט דער בלאָקאַדע, מיט דער וויסטער קעלט, מיט דער שוואַרצער פאַרצווייפלונג, מיט די קללות פון אונדזער שילטער.

מיסטער גיבאָן, דער שילטער, האָט זיך איצט אָנגעפּאַקט, ווי אַ פאַס, מיט בערנפלייש, און האָט אפילו געלאַכט פון גרויס תענוג. פאָרט אַ וואָלפיש־יעגער! ווערט נאָר עטוואָס בעסער, פאַרגעסט מען אין אַלץ.

זאַטע און אויסגערוטע און אויסגעלאַכטע און אויסגע־ווייצלטע, האָט מען שוין גענומען טראַכטן פון וואָכעדיקע ענינים: ווו, אַ שטייגער, קען איצט זיין אונדזער „פליענדי־קער וואַלקן?"

פון אונדזער ברעג האָבן מיר אים מער נישט געזען.

דער טאָג איז געווען אַ שיינער, די לופט אַ ריינע און אַ דורכזיכטיקע און מען האָט געקענט פאַרכאַפּן אַ גרויס שטיק שטח מיטן אויג. אָבער דער „פליענדיקער וואָלקן" האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן, פונקט ווי ער וואָלט פאַרזונקען געוואָרן אין ים.

אונדזערע אָפיצירן זענען אַרויפגעקראָכן אויפן שפּיץ פעלז און האָבן אַריינגעטאָן זייערע אויגן אין די ים-גלעזער.

זיי האָבן געזוכט און געזוכט דעם „פליענדיקן וואָלקן", אָבער אָן ערפאָלג.

מען האָט געזען אַ גלאַטן רויקן ים, מען האָט געזען דעם אייזפאַס, וואָס האָט זיך אויך איינגערויקט, פונקט ווי ער וואָלט געשלאָפן; מען האָט געזען ווייטע-ווייטע בּרעגן פון אומבאַקאַנטע אינזלען; מען האָט געזען טונקעלע ים-קאַנאַלן, וואָס האָבן זיך געצויגן לינקס, אַריינשניידנדיק זיך אין פלאַכער יבשה, אָבער דעם „פליענדיקן וואָלקן" האָט מען נישט געזען...

ווו האָט ער געקענט זיין? וואָס איז געשען מיט אים?

די עלטערע חברים, די מער פּראַקטישע, האָבן אַראָפּגע-לאָזט די נעז.

„מיט אונדז קען איצט געשען דאָס גרעסטע אומגליק!" — האָבן זיי געשעפּטשעט צווישן זיך. — „וואָס וועלן מיר טאָן אָן דעם „פליענדיקן וואָלקן?"

די יינגערע חברים, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען די געפאַר, זענען נישט געפאַלן פון מוט. אַבי זאַטקייט און וואַ-רעמקייט און זון אויפן הימל און ליכטיקער טאָג — וואָס דאַרף מען מער? און בכלל וואָס פאַר אַן אומגליק קען עס געשען מיט יונגע געזונטע מענטשן אָן דעם „פליענדיקן וואָלקן?"

עמעץ פון די יונגע, „די אומפּראַקטישע", וואָס האָבן ליב פּאַסירונגען, האָט געזאָגט:

„איך ווייס נישט, וואָס פעלט מען דאָ אַזוי פון מוט? וואָס קען דאָ געשען מיט אונדז? אין ערגסטן פאַל, ווען מיר וועלן קיין שום רעטונג נישט האָבן פון אַ שיף, וועלן מיר זיך אַוועקלאָזן צופוס און וועלן זיך דערשלאָגן צו אַ מענטשלעכן ישוב. וויגען דאָך דאָ מענטשן ערגעץ, צו אַלדי שוואַרציאָר! מיר וועלן גיין הונדערט מייל צופוס, דרייהונדערט מייל, פינף-הונדערט מייל, אָבער מיר וועלן דאָך פאָרט זיך דערשלאָגן צו מענטשן. ס'מאַכט נישט אויס, ווילדע, צי ציוויליזירטע מענטשן, אַבי מענטשן!..."

אַלס וואַלפיש-יעגער האָבן מיר געוווסט, אַז די ווילדע שבטים פון דידאָזיקע לענדער, וואָס ליגן נאָענט צום פּאָל, צייכענען זיך נישט אויס מיט אכזריות און בלוטדורשטיקייט. פאַרקערט, מען האָט עפּטער דערציילט אויף אונדזערע שיפן, אַז גוטסקייט, יושר און מענטשלעכקייט באַדאַרפן מיר, די כלומרשטע ציוויליזירטע מענטשן פון אייראָפּע און אַמעריקע, זיך לערנען ביי זיי, ביי דידאָזיקע ווילדע שמוציקע שבטים פון ווייטן צפון...

דער אַלטער פּראַקטישער גראָוער האָט זיך אָנגעצונדן.

„וואָס רעדט איר מיר דאָ פון ווילדע שבטים, וואָס רעדט איר!" — האָט ער זיך צושריען. — „ווען פעלט עס אויך, אַז מען דאַרף זיך שרעקן פאַר זיי? קיינער שרעקט זיך נישט פאַר זיי און קיינעם פעלט עס גאָרנישט אויך! הלוואי וואָלטן מיר זיי טאַקע געהאַט אויף דערדאָזיקער יבשה — עס וואָלט גאָר אַן אַנ-דער לעבן געווען... די צרה איז, וואָס זיי זענען נישטאָ און וועלן נישט זיין! נישטאָ דאָ קיין זכר פון זיי! קיין שום מענטשלעכער פוס פון אַ ווילדן, צי פון אַ ציוויליזירטן טרעט

דאָ נישט אויף דערדאָזיקער ערד! דאָ וווינט קיינער נישט, דאָ וועט איר קיינעם נישט אָנבאַגעגענען!... ניין! ניין! מיר קענען דאָ גיין טעג און וואָכען און אפילו חדשים און איר וועט אַ לעק עסן נישט געפינען אפילו פאַר אַ קעצל, ווער רעדט שוין פאַר אַ מענטשן! דידאָזיקע יבשה, וואָס איז אייגנטלעך נישט מער ווי אַ קאַלטער טויטער מדבר, ווו די שיטערע ביימלעך זענען די גרויס ווי אַ גענעץ און די קראַנקע גראָזן דערלעבן גאָרנישט צו זען גאָטס ליכטיקע וועלט, ווייל זיי ווערן באַלד פארוועלקט און איינגעפראָרן—דידאָזיקע יבשה ציט זיך אויף טויזנטער קילאָמעטער, חברים, און אונדזערער אַ מענטש קען דאָ אויסגיין, ווי אַ ליכט פון גרויס דחקות, אַנגסט און נויט...״

ער האָט נאָך לאַנג גערעדט, מיסטער גראָוער, און מיר האָבן געשוויגן.

מיט זיינע רייד האָט ער אָפּגעטויט אונדזער שטימונג, אונדזער ענערגיע. וואָרים עס האָט זיך געפילט, אַז דערדאָזיקער מענטש, וואָס איז כמעט ווי געבוירן געוואָרן אין די קאַלטע ימים פון צפון, רעדט פראַקטישע זאַכן, און מען מוז זיך נישט ווילגדיק צוהערן צו זיינע ווערטער.

אָבער ווו איז פאָרט דער „פליענדיקער וואָלקן?״ וואָס פאַר אַ רוח, וואָס פאַר אַ שד איז אַנטלאָפן מיט אים פון אונדזערע אויגן?״

און ווו איז מיסטער קאָפען, דערדאָזיקער פראַקטישער מענטש, וואָס זיין גאַנץ לעבן איז אויך אַוועק אויפן ים?

שוין־זשע טראַכט ער נישט דערפון, אַז מען דאַרף אונדז ברענגען הילף?

שוין־זשע פאַלט אים גאָרנישט איין, אַז מיר קענען אומקומען אויף דעמדאָזיקן וויסטן ברעג, אויב די הילף וועט נישט

קומען שנעל ?

דאָס לעצטע מאָל האָט ער אונדז געזען, ווען מיר האָבן זיך געראַנגלט אויף טויט און אויף לעבן מיטן אייז. ער האָט געזען אונדזער פאַרצווייפלונג, אונדזער נויט...

שוין-זשע טוט ער גאָרנישט פאַר אונדזער דערלייזונג, פאַר אונדזער באַפרייונג?

אָבער צי איז ער אַליין געקומען בשלום אויפן „פליענדיקן וואָלקן?" אפשר איז מיט אים אויך געשען עפּעס אַן אומגליק?...

ווער ווייסט!

און קאַפּיטאַן דרינקוואָטער? וואָס איז מיט אים? וואָס שווייגט ער?

עס קען דאָך בשום אופן נישט געמאָלט זיין, אַז ער זאָל אַוועק מיט זיין שיף, איבערלאָזנדיק אונדז אויף הפקר, ווי שייבער, אויף דערדאָזיקער פאַרשאָלטענער יבשה?...

און ווי קען ער זיך סתם באַגיין אָן אונדז, אָן אונדזער אַרבעט, בשעת מיר זענען דער גרעסטער טייל פון דער שיפס-קאָמאַנדע?

וואָס קען דאָס זיין? אפשר איז געשען אַן אומגליק אויך מיטן קאַפּיקאַן, מיטן „פליענדיקן וואָלקן?"

אַ נייער פחד האָט פאַרכאַפּט אונדזערע הערצער, מיט שווערע פראַגען איז אָנגעלאָדן געוואָרן דער קאָפּ.

ס'איז אונדז ווידער ענג געוואָרן דאָס לעבן...

צום אומגליק האָט זיך נאָך אויסגעלאָשן די זון אויפן הימל, געדיכטע נעבלען זענען אויפגעשטאַגען פון ים און פון דער יבשה...

דער אַלט-באַקאַנקער צפון-ווינט איז אָנגעפלויגן און האָט

אונדז אָפּגעשטעקט אַ שטעכיקן שלום-עליכם...

איצט האָבן מיר זיך באמת געפילט, ווי פאַרלאָרענע מענטשן, וואָס וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט אַרויסרייסן פון זייער נויט...

אפשר איז עס טאַקע דער סוף?

עס איז געוואָרן טונקל און גראָ אַרום אונדז. מיר האָבן גאָרנישט געקענט טאָן, עפּעס פאַרנעמען. דאָס אויג האָט נישט געקענט זען ווייטער פון צען טריט אַרום זיך.

דער ים האָט זיך איינגעדעקט מיטן נעבל, ווי מיט אַ קאָלדרע. ווייל־עווייז איז מען געלאָפן צום שפּיץ פעלז, טאָמער וועט מען עפּעס באַמערקן אויפן ים, צי אויף דער יבשה, און יעדעס מאָל איז מען אַראָפּגעלאָפן צוריק אַנטוישטע און פאַר־ביטערטע.

מיר זענען געווען בלינד פאַרן ים און פאַר דער יבשה.

האָבן מיר געפרווט אָנשטרענגען דאָס געהער. וויבאַלד אַז דאָס אויג ווערט אַן אומנוצלעכע פונקציע, אפשר וועט דאָס אויער פאַרבייטן דאָס אויג?...

מיר האָבן זיך צוגעהערט מיט נאַקעטע, פיינלעך־אָנגע־שטרענגטע נערוון: מיר האָבן געזוכט מיטן אויער אַ שאָס, אַ קלאַפּ, אַ געשריי, אַ באַוועגונג פון פיס...

ס'איז אָבער געווען שטיל, ווי אין אַ קבר. די נעבלען האָבן אַלץ פאַרשטעלט, פאַרדעקט און פאַרגראָבן אונטער זיך...

נאָך אַזאַ טויטע אָנהאָפּנדיקע שטילקייט האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געהערט.

שפּעטער, אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן אומבאַמערקט, מחמת

דער טאָג אַליין, דערדאָזיקער בידנער בריה פון די צפון-לענדער, איז כמעט ענלעך צו נאַכט, האָבן מיר דערהערט קלאַנגען, וואָס האָבן צעריסן די נישט-ביהאדיקע שטילקייט.

דאָס האָט געקנאַקט און געפּלאַצט און געשאָסן דער אייז, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט די כוואַליעס פון ים...

עס האָט זיך איבערגעחזרט דאָס נעכטיקע : אַ גליק, וואָס מיר זענען דאָרט נישט געווען מיט אונדזערע שיפלעך...

פאַרן גיין שלאָפן האָבן מיר ווידער אָנגעפּאַקט די מאָגנס מיט בעריש פליש. מען האָט געמוזט עסן נישט בלויז פון הונגער, נאָר אויך צוליב דער קעלט.

מיט אַ פולן מאָגן איז פאָרט וואַרעמער.

האַלבע נאַכט האָט מען געשלעפּט פון די שיפלעך : עס זענען נאָך געווען עטלעכע בענק...

פון גרויס פאַרצווייפלונג האָט מען בכלל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף די שיפלעך. מען האָט געהאַלטן, אַז עס וועט שוין מער נישט אויסקומען צו געברויכן זיי אויפן וואַסער און דעריבער איז גלייכער צו שלעפּן זיי אויפן פייער, און איצט איז דאָס פייער געווען אונדזער לעבן, אונדזער טרייסט...

דער עולם האָט זיך כסדר געוואַרעמט ביים פייער און מען האָט זיך געלייגט שלאָפן אין שכנות מיט אים...

עס האָט זיך אַזוי נישט געוואָלט אָוועקגיין פון זיינע פריילעכע צונגען, פון זיינע רויטע פלאַמען.

דאָס פייער האָט אויסגעלעקט די נאַסקייט אַרום זיך און מען האָט נישט געדאַרפט מער קריכן אויפן האַרטן און אומבאַקוועמען פעלז.

דער עולם האָט זיך צעטיילט אין קליינע פּאַרטיעלעך, צו

דריי מענטשן אין אַ פּאַרטיעלע און אַזוי האָט מען זיך אויס־געלייגט שלאָפן...

איין דריילינג האָט זיך אפילו צוגעדעקט מיטן נאָסן פרישן בערישן פעל...

„עס וועט זיין וואַרעמער!“—האָבן זיי געזאָגט.

דאָס פייער האָט געקנאַקט אין דער געדיכטער נעבלדי־קער נאַכט, דער אייז פון אייזפּאַס האָט געשאָסן אין ים אַריין, און מיר זענען געלעגן אויף דער ערד און געפּרוווט איינשלאָפן אָבער אומזיסט.

די רעיונות האָבן געשטערט.

עס האָט זיך אַלץ געטראַכט פון רעטונג. ניין, קאַפּיטאַן דרינקוואָטער מוז אונדז קומען צו הילף, און ער וועט עס זיכער טאָן.

אמת, ער איז אַ שיכּור, און אַ גאַנצן טאָג קנעט ער דאָס ווערטל אויף דער צונג: „צו אַלדי שוואַרציאַר!“ אָבער וואָס האָט זיין שיכּרות צו אונדז? דאָס איז איינמאָל אַוועק, און, צווייטנס, איז ער דאָך פאָרט אַ גוטער מענטש און דערצו נאָך זייער אַן ענערגישער, אַ מענטש מיט אַן אייזערנעם ווילן, מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. און ער וועט זיכער נישט רוען, נישט עסן און אַפילו נישט שיכּורן, ביז וואַנען ער וועט אונדז נישט אַרויס־שלעפּן פון דעם אומגליק...

אַזוי האָבן זיך כּסדר געפּלאָנטערט אין קאָפּ די מחשבות וועגן הילף און וועגן דעם קאַפּיטאַן דרינקוואָטער.

עס האָט זיך געוואָלט האָבן די זיכערקייט, אַז מען וועט זיך אַרויסראַטעווען פון דעמדאָזיקן אומגליק...

ווי אַלע אָפיצירן פון אונדזער שיף, האָב איך שטאַרק געגלייבט אין דרינקוואָטערן, נישט געקוקט אויף זיין שיכּרות...

עס איז אפילו געווען נאָך אַ פּלאַן: אויב דער קאַפּיטאַן וועט דאָך נישט קענען קומען אונדז צו הילף (עס קענען דאָך זיין פאַרשידענע סיבות דערצו!), זאָלן מיר זיך פּרווון אַדורכ־רייסן קיין קאַמטשאַטקע.

קאַמטשאַטקע באַדאַרף ליגן נישט ווייט פון אונדז, און ביי אַ שטאַרקער אָנשטרענגונג, ביי דער געהעריקער ענערגיע און בריהשאַפט וואָלטן מיר זיך אפשר געקענט דערשלאָגן צו דער־דאָזיקער אינדזל. אָן דרינקוואָטערן איז קיין אַנדער פּלאַן דער־ווייל נישטאָ און קען נישט זיין. דאָס איז די איינציקע יבשה, וווּ מיר קענען געפינען אַ מענטשלעכן ישוב און מענטשלעכע הילף.

די נאַכט איז לאַנגזאַם און שווערלעך אַריבער. עס האָט גענומען טאָגן, די נעבלען זענען צערונען, דער ים האָט זיך ווידער אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן, אַ גלאַטער, אַ שטילער, אַ בלויער...

און אָט האָבן מיר פּלוצלונג דערהערט אַ שאָס פון אַ האַרמאַט!

אַלע זענען אויפגעשפּרונגען פון דער פייכטער איינגעוואָ־רעמטקייט, און מען האָט גענומען שרייען, ווי משוגעים:

„דער פליענדיקער וואָלקן!" „דער פליענדיקער וואָלקן!"

דאָס האָט ער געשאָסן פון אונדזער אַלטן האַרמאַט!"

עמעץ האָט פאַרשריען אַלעמען:

„איך דערקען דעם שאָס פון האַרמאַט!"

„יאָ, דאָס איז אונדזער קאַפּיטאַן!"

„חברה, מיר ווערן דערלייזט! דער „פליענדיקער וואָלקן" גייט צו אונדז!"

„הוראַ! לעבן זאָל קאַפּיטאַן דרינקוואָטער!"

און ווער רעדט נאָך, אַז מיר זענען אַרויסגעקראָכן אויפֿן שפּיץ פֿעלז און האָבן אין דער ריינער לופֿט דערזען די קאָנ־טורן פֿון דעם „פֿליענדיקן וואָלקן“, זענען מיר גאָר משוגע געוואָרן פֿאַר שמחה און גליק.

אָך, ווי עס בייט זיך שנעל די שטימונג ביי אַ מענטשן! אָט זענען מיר ערשט געלעגן, ווי ווערעם, דערשלאָגן און פֿאַר־צווייפֿלט און אָט שפּרינגען מיר אַלע פֿון התפּעלות און ווייסן נישט, וואָס צו טאָן פֿון גרויס שמחה.

די נאַכט־דריילינגען כאַפּן זיך אַרום און טאַנצן. מען גייט אַ פֿריילעך דריידל לעבן דעם האַלב אויסגעלאָשענעם פֿייער און דערביי ליגט דער ריזיקער קאָפּ פֿון בער און קוקט אונדז אָן מיט גלעזערנע טויטע אויגן...

מען טאַנצט, מען זינגט, מען לאַכט.

עס איז אַ פֿרייד, אַ לעבן, אַ שיכּרות פֿון די אייגענע הייסע בלוטן...

עס שווייגן נאָר די אַלטע.

זיי האָבן נאָך צו שטעלן פֿראַגן (זיי זאָגן, אַז דאָס זע־נען זייער קלוגע פֿראַגן), דהיינו:

„און וואָס וועט זיין, אַז דער „פֿליענדיקער וואָלקן“ וועט אונדז נישט באַמערקן:

„ער קען זיך דאָרטן שיסן, יאָ, שיסן היינט און שיסן מאָרגן און וועט אַלץ נישט וויסן, ווו מיר זענען, ווו אונדזערע ביינער ליידן?...“

און גראָוועך האָט נאָך צוגעגעבן צו די גנזאַלצן־קאַלטע ווערטער פֿון זיינע אַלטע חברים:

„אונדזערע שיפֿלעך זענען צעקאַלעטשעט און צעבראָכן.. מיר האָבן זיי פֿאַרוואַנדלט אין פֿייער און אין אַש... עס איז

איז דאָך עפּעס קאַלט און עסן האָט מען דאָך אויך גע־דאַרפט... וואָס זשע טוען מיר, ווען דער „פליענדיקער וואָלקן" וועט אונדז נישט באַמערקן? אפשר ווייסט איר, וואָס צו ענט־פערן אויף דערדאָזיקער פראַגע? איך ווייס נישט... איך ווייס נאָר, אַז מיר האָבן קיין שיפלעך נישט, און האָבן מיר נישט קיין שיפלעך, איז טאַקע זייער, זייער ביטער... דער „פליענ־דיקער וואָלקן" האָט דאָך נישט, מיין איך, אַזאַ אויג, אַז ער זאָל אונדז קענען באַמערקן?... אמת, ער האָט געשאָסן ער האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז ער איז דאָ, אָבער דאָס רופט ער דאָך אונדז צו זיך, טאָ מיט וואָס קענען מיר גיין? מיר האָבן נישט קיין שיך, כ'מיין שיפלעך... טאָ וואָס איז אייער פרייד, וואָס איר פרייט זיך און אייער טאַנצן, וואָס איר טאַנצט... נאַ־רישקייטן!"

אַך, דערדאָזיקער גראָווער האָט טיילמאָל ליב צו פאַר־סמען דאָס אָרעמע ביסל שמחה און הנאה... אַזאַ טבע האָט ער שוין. אין אַ נויט איז ער דאָך דער בעסטער חבר, אָבער גלייכ־צייטיק האָט ער ליב צו שיטן זאַלץ אויף די וווּנדן. איך ווייס נישט, וואָס איז ער אויסן דערמיט, מעגלעך, אַז ער איז אַ שטיקל הומאָריסט...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַריינגעשטאָכן זיין שפּיז אינם בערישן פעל, געמאַכט דערפון אַ מין פענדל און איז אַרויף דערמיט אויפן שפּיץ פעלז.

דאָרט האָט ער זיך אויפגעהייבן אויף אַ שטיין און אויס־געצויגן אינדערהויך ביידע הענט מיטן פענדל...

מיסטער ראַנסאָם, ווידער, האָט געכאַפּט זיין ביקס און גענומען שיסן אין לופטן מיט זיינע קליינטשקע בלייעלעך...

איין שאָס נאָכן צווייטן, איין שאָס נאָכן צווייטן...

עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי מיר וואָלטן זיך פאַר־טיידיקט קעגן אַ שטאַרקן און אַן ענערגישן שונא.

און שטעלט אייך פאָר, אַז דאָס האָט געווירקט. איך ווייס נישט, וואָס האָט דאָ מער געווירקט: צי ראַנסאָמס ביקס, צי גראָוערס פענדל, אָבער איך ווייס זייער וויל, אַז מען האָט אונדז באַמערקט פון „פליענדיקן וואָלקן"...

מען האָט אונדז באַמערקט און מען האָט צוגעגרייט הילף־פאַר אונדז.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, האָט דער „פליענדיקער וואָלקן" נישט באַדאַרפט זיך אַדורכרייסן דעם געפערלעכן אייזפּאַס. אין דער ריכטונג פון מזרח, נישט ווייט פון אונדז, איז געווען אַ פרייער וועג צו דער יבשה...

אָט דאָס הייסט פאַרצווייפלונג! אַז מען איז פאַרצווייפלט, זעט מען גאָרנישט, און מיר האָבן נישט באַמערקט דעמדאָזיקן פרייען וועג, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אונדז.

דער „פליענדיקער וואָלקן" האָט אונדז געגעבן צו וויסן דורך סיגנאַלן, אַז מיר זאָלן זיך נישט רירן פון אָרט, נאָר וואַרטן אויף הילף, און דורך ים־גלעזער האָבן מיר געזען, ווי די שיף דערנענטערט זיך זיגזאַגיש צום ברעג אין דער ריכטונג פון מזרח.

דאָ האָט מען אַראָפּגעלאָזט אַ שיפל...

דער שילטער, וואָס איז געשטאַנען אויפן פעלז, מיט אויס־געגלאָצטע אויגן צום ים, האָט אַ שפּיי געטאָן און געזאָגט:

„אַ קלאָג און אַ מכה צו אַלע ווייסע בערן און צו אַלע צפון־ווינטן און צו אַלע פרעסט, וואָס זיי וווינען דאָ אין דעם־דאָזיקן לאַנד! איך לאַך איצט פון זייערע קעפּ! ס'איז מיר גוט! ס'איז מיר וויל!"

און ער האָט זיך ווילד צעלאַכט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז משוגע און אַז מען דאַרף אים צולייגן קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ...

ס'איז אָבער נישט געווען קיין משוגעת, נאָר שמחה, ענלעך צו משוגעת...

ער האָט צוגעטאַנצט אויפן האַרטן שטיין און געזאָגט:

„איצט וועל איך אויפעסן פינף שיסעלעך זופּ מיט דריי פונט ברויט, אַ שטיק געבראָטנס פון אַ וואָסערע פינף פונט און פאַרטרינקען מיט גוטן וויין. איך מיין, חברים, אַז מען האָט אַ מויל, באַדאַרף מען טרינקען און אַז מען האָט אַ מאָגן, באַדאַרף מען עסן. אַנישט וואָלט גאָט נישט באַשאַפן דעם מענטשן אין אַזאַ מראה...“

„און איך מיין, אַז מען האָט אַ מויל, שווייגט מען!“ — האָט אים גראָוער באַמערקט און האָט אים גוטמוטיק אָנגעפּאַטשט אין אַקסל.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר געזען, ווי קאָפּען איילט צו אונדז פון ברעג מיט זיינע קאַלטע און זיכערע טריט.

„חברים!“—האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט אַ גראָבן באַס.— „גייט אַראָפּ פון פעלז און קומט צו די שיפלעך!“

אַ שמייכל האָט עטוואָס באַפּוצט זיינע קאַלטע אויגן און פאַרווינטיקטע ליפּן. ער האָט צוגעגעבן:

„וואָס איז דאָ צו רעדן? מיר האָבן געמיינט, אַז אייערע ביינער ליגן שוין ערגעץ אויפן דנאָ פון פאַל-אָקעאַן... איר שטעלט אייך פאָר, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט!“

דער עולם האָט גענומען שפּרינגען פון פעלז. די אָפיצירן האָבן געדריקט מיסטער קאָפּענען די האַנט.

מיסטער גראָווער האָט געזאָגט:

„מיר האָבן געהאַלטן שמאָל, חבר... קעלט און הונגער, חבר... און אינמיטן אַ מעשה מיט ווייסע בערן... מען האָט זיך געדאַרפט ראַנגלען מיט זיי... זיי האָבן אונדז בלאָקירט, די בעסטיעס און האָבן געוואַרט מיט זייערע פּיסקעס אויף אונדזער פלייש. דער סוף איז געווען, אַז נישט מיר, די בלאָקירטע, נאָר זיי, די באַלאַגערער, האָבן געהאַט אַ ווי‎סטן סוף...”

ער האָט אויפגעהייבן אַ בעריש פעל און האָט געוויזן:

„אָט דאָס איז דער סוף פון זייער בלאָקאַדע... מיסטער קאָפען וועט דאָך אויך מוזן מודה זיין, אַז דאָס איז געווען אַ טרויעריקער סוף, נישט וואָר?”

מיסטער קאָפען האָט געלאַכט.

„איך שטעל מיר פאָר: פאַרברענגען אַ פאָר מעת-לעת אויף אַזאַ שטיקל ערד אָן פּראָוויזיע און אָן געהעריקן געווער. איך ווייס נישט, צי דער דריטער מעת-לעת וואָלט זיך פאַר אייך נישט געענדיקט אַזוי ווי פאַר די ווייסע בערן... דאָס איז, דאַכט זיך, גאָר אַן אומשולדיק שטיקל ערד, אָבער דער טויט איז דאָ מעכטיק. ער האָט דאָ אין זיינע הענט טויזנטער מיטלען צו דערשטיקן און דערווערגן אַ לעבעדיקן מענטשן!”

ער האָט געוואָרפן אַ קאַלטן בליק אויפן ווייסן פעל און האָט צוגעיאָגט:

„קומט! קומט! אין די שיפלעך אַריין!”

געכאַפט מיט זיך דאָס ווייסע בערישע פעל, האָבן מיר זיך אַריינגעוואָרפן אין אונדזערע צרהדיקע שיפלעך, וואָס האָבן איצט קיין בענק נישט געהאַט און וואָס צוליב דעם איז שטאַרק באַשווערט געוואָרן די באַוועגונג פון די שיפלעך. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אָנלען און קיין גלייכגעוויכט פאַרן גוף, אָבער מיר האָבן געאַרבעט מיט אַלע כּלים און זענען געגאַנגען צום

„פליענדיקן וואָלקן”, צו אונדזער ליבער היים...

קיין איינעם האָט נישט באַנג געטאָן, וואָס מיר פאַרלאָזן אויף אייביק דידאָזיקע יבשה—די יבשה פון הונגער, קעלט און צערייצטע בלוטדורשטיקע בערן.

אויפן שיף האָט אונדז באַגעגנט דער קאפיטאַן. ער האָט יעדן באַזונדער געדריקט די האַנט און האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד.

„אַלעמען ראָם!”—האָט ער געשריען.—„אַלעמען! אַלעמען! זיי זענען אפילו צעלאָזענע הפקר-יונגען, אָבער מען מוז זיי דערוואַרעמען די גלידער, אויב נישט מיט הייסע שמיך, איז כאָטש מיט ראָם!...”

וואָס פאַר אַ שנעלע ענדערונג פון דער לאַגע: ערשט, נאָר וואָס געליטן הונגער און קעלט און אָט טרינקען מיר ראָם, און עס ווערט באמת וואַרעם אין אַלע גלידער.

דער שילטער, מיסטער גיבאָן, האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, ווי אַ האָן מיט די פליגלען און האָט אויסגעשריען:

„קוקערעקו!... קאָ-קאָ-קאָ-קאָ!... אַ פשיק, אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין! ס'איז מיר גוט! ס'איז מיר ווויל!”

דאָס איז ווידער נישט געווען קיין משוגעת, נאָר שמחה, ענלעך צו משוגעת.

עס האָט זיך אָנגעהייבן דאָס אַלטע לעבן אויפן „פליענדיקן וואָלקן”.

א נייער מין לויתן.

קאַפּיטאַן דרינקוואַטער האָט געהאַט גרויס עגמת-נפש פון זיין איצטיקער נסיעה. מיר שטעקן שוין אין ים אַ שיין שטיקל צייט, מען דאַרף שוין באַלד פאָרן אַהיים און די רעזערוון פון אייל זענען נאָך זייער קליין.

דער קרייזקעפּיקער וואַלפיש האָט אונדז אָפּגענאַרט: ער האָט אונדז געוויזן אַ ליידיקן ים, פונקט ווי ער וואָלט געזאָגט: „צו וואָס זענט איר געפאָרן אַהער, טיפּשים, וואָס איר זענט? איר האָט געוואָלט מיין אייל? איך וועל אייך בעסער געבן קדחת, נישט קיין אייל!...״

קאַפּיטאַן דרינקוואַטער איז געווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ער האָט ; פילו אויפגעהערט צו טרינקען.

מיר האָבן אים גאָרנישט דערקענט.

טעג און נעכט איז ער געזעסן און געטראַכט, געמאַכט חשבונות, געקנייטשט מיטן שטערן, גערעכנט, גערעכנט און

אויסגערעכנט, אַז מיר ליגן גוט אין דער אדמה. גאָט ווייס, צי מיר וועלן קענען דעקן די איצטיקע הוצאות און חובות דורך אַ שפּעטערדיקער נסיעה.

„איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ שלעכטן סעזאָן,״—האָט ער זיך געקלאָגט פאַר אונדז מיט אַ ניכטערן קאָפּ.—ס׳איז דאָך אַ חרפה און אַ בושה צו דערציילן פאַר לייטן, וואָס פאַר אַ גרויסע שלים-מזלס מיר זענען געווען אין דעם פאַרשאָלטענעם פּאַל-אָקעאַן... מיטן קרייזקעפיקן וואַלפיש האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, מען זעט אים גאָרנישט! און נעמען זיך, ווידער, צו די קליינע „שרצים״, די וואַלפישלעך, לוינט דאָך נישט די אַרבעט. וואָס וועלן מיר האָבן דערפון? מיט איין וואָרט, מיר זענען באַנקראָט אָרום און אַרום, פון אַלע זייטן. איך זע גאָרנישט קיין אויסוועג פאַר אונדז...״

מיר האָבן אויסגעהערט דיזאָזיקע ווערטער און האָבן געשוויגן. וואָס האָבן מיר אים געקענט ענטפערן דערויף?

דער קאַפּיטאַן איז געווען פּראַקטישער פאַר אונדז, בפרט נאָך, אַז ער רעדט עס מיט אַ ניכטערן, גוט דורכגעטראַכטן קאָפּ.

זיין מרה-שחורה האָט זיך געצויגן עטלעכע טעג. מיר האָבן געשמועסט פון דעם, אַז מען דאַרף זיך אומקערן אין היימישן האַפן.

די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע ביי אַלעמען. אַז עס איז נישטאָ קיין פּרנסה אויפן ים, גייט מען אַרום, ווי משוגע, ערגער ווי אויף דער יבשה.

אויף דער יבשה גייט מען אַריין צו אַ באַקאַנטן, מען רעדט זיך צונויף מיט בייע מענטשן, עס רוקט זיך אונטער עפּעס אַ צופאַל, עס ווערט לייכטער.

אויפן ים אָבער איז איין טאָג ענלעך צום צווייטן, און קיין נייע באַקאַנטשאַפט קען מען נישט שליסן...

נישטאָ קיין טירן פון מענטשלעכע הייזער אויפן ים.

דאָס געזיכט האָט זיך דאָך אָבער געענדערט ביים קאַפּי-טאַן. די מרה-שחורה איז אים מיטאַמאָל פאַרשווונדן געוואָרן. ער האָט זיך געריבן די הענט פון התפּעלות, ווי זיין שטענדיקע טבע איז געווען, און האָט אַרויסגעשאָסן:

„איך האָב אויסגעטראַכט! אַ קאַפּיטאַן מוז עפּעס אויס-טראַכטן! מיר אַנטלויפן פון דעמדאָזיקן פּאָל-גיהנם, צו אַלדי שוואַרציאָר!"

„וווהין?"—האָט מיסטער קאָפּען געפרעגט.

„הע-הע! מיר גייען צום בריסטאָלישן ים-אויסגוס, ביי די אַלעוטישע אָדער פוקסישע אינדזלען. איר פאַרשטייט, צי ניין? דאָרט וועלן מיר נאָך קענען עפּעס מאַכן. דאָרט האָבן מיר דעם אמתן גוטן וואַלפיש, וואָס מאַכט נישט קיין קונצן און וואָס שפּילט זיך נישט מיט אונדז. ער ווייס, אַז ער דאַרף אונדז געבן זיין אייל, פאַרשטייט איר מיך, און דעריבער לאָזט ער זיך האַרפּונירן... אויב עס וועט אונדז אָפּגליקן, וועלן מיר זיך שטעלן צוריק אויף די פיס. מיר דאַרפן נאָר פּאַקן עטלעכע גוטע ריזן און דאָס ביטעלע אין קעשענע וועט פונדאַסני אָנהייבן צו זינגען... צו דער אַרבעט, קינדער!"

און אָט האָט אין אַ גראָען האַלב-נעבלדיקן באַגינען זיך אויסגעדרייט אונדזער שיף און האָט גענומען פאַרלאָזן די אומ-היימלעכע, מיט אייז-געמישטע וואַסערן פון פּאָל-אָקעאַן.

איך האָב שטיל געשעפּטשעט:

„זיי מיר געזונט, קאַלטער פראָסטיקער ים, דו האָסט מיר געשענקט אַ סך לייד און יסורים, אָבער איך וועל קיינמאָל נישט

פאַרגעסן דאָס בילד אין קאַנאַלכל, ווו עס ד'האָט אַזוי מאַיעסטעטיש געדרוט „ביי זיך אין צימער" דער ריז פון אַלע ריזן, דער לויתן מיטן קיילעכיקן קאָפּ!"

מען מוז רעדן מיט אָנערקענונג וועגן אונדזער קאַפּיטאַן: זיין פּלאַן האָט זיך גלאַנצפול איינגעגעבן. אין בריסטאַלישן ים-אויסגוס איז דער „פליענדיקער וואָלקן" איבערגעפולט געוואָרן מיט אייל.

אין דעמדאָזיקן צפונדיקן טייל פון שטילן אָקעאַן האַלט זיך אויף דער לויתן מיטן פלאַכן קאָפּ. ער איז גרויס,—אַ גאַנצע וועלט און האָט אַ ים אייל אין זיך.

די אַרבעט האָט געפרענט.

אַלע טאָג האָבן מיר דאָ און דאָרט געזען הויכע פאָנטאַנען און אַלע טאָג האָט מען שעהנלאַנג געאַרבעט מיט האַרפּונעס און שפּיזן.

דאָס איז געווען אַ לעבעדיקע צייט, אַ מונטערע צייט פאַר אונדזערע וואַלפיש-יעגער.

דער קאַפּיטאַן האָט שוין איצט נישקשהדיק צוגעשנאָשקעט און האָט געהאַט אַ ליכטיקע שטימונג. די חשבונות, וואָס ער האָט כסדר געחשבונט, האָבן געשטימט אפילו אין זיין שיכורן קאָפּ...

איצט האָט ער אומעטום געזען מזל, פרייד, מונטערע אַרבעט. דער בריסטאַלישער ים-אויסגוס האָט אונדז באַצאָלט כופל-כופלים פאַר דעם בייזן שטעכיקן פאָל-אָקעאַן.

כדי אונדזער איילפראַכט זאָל אַריבערשטייגן זיין געווינלעכע צאָל און מאָס, האָבן מיר באַדאַרפט פאַקן נאָך איין לויתן...

נאָך איין לויתן—און האַדיע!

לאַנג וואַרטן האָט מען נישט באַדאַרפט. אין בריסטאָלישן ים-אויסגוס וואַרט מען נישט: דער סוחר מיט זיין פּאַנטאַן האָט זיך באַלד באַוויזן אין ים.

דריי שיפלעך זענען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון דריי אָפיצירן.

דער אָפיציר פון מיין שיפל איז דאָסמאָל ווידער געווען ראַנסאָם, דער־דאָזיקער יונגערמאַן, וואָס האָט אַזוי געברענט און וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט דרייסטע מעשים, כבוד און רום...

עס האָט זיך אָנגעהייבן די אַלטע געשיכטע.

ער האָט אונדז צוגעזאָגט אַ שיינעם פּריז, אויב מיר וועלן זיך צוסטאַרען, דאָס הייסט אויב מיר וועלן קומען די ערשטע צום לויתן און ער, דער ערשטער, וועט אים קענען מכבד זיין מיטן האַרפּון...

מיט וואַלפיש-יעגער רעדט מען נישט לאַנג: אַ פּריז איז אַ פּריז!

דאָס שיפל אונדזערס איז שוין נישט געגאַנגען, נאָר גע־פלויגן ווי אויף פליגלען, און מיר זענען טאַקע געקומען די ער־שטע.

ראַנסאָם, אַ צעהיצטער און אַ גליקלעכער, האָט זיך אויפ־געשטעלט און טיף אַריינגעזעצט דעם האַרפּון אין וואַלפיש־פלייש. דאָס איז געווען אַזאַ שטאַרקער קלאַפּ, וואָס געלינגט זעלטן אפילו אַ געניטער האַנט.

דער לויתן האָט זיך באַלד אַרונטערגעטונקט, גענומען דרייען ווי אַ ווינטמיל דאָס רעדל מיטן שטריק און נאָכדעם אונדז אַוועקגעשלעפּט אין די ווייטקייטן פון ים.

אונדזערע צוויי שיפלעך, וואָס זענען אַרויס צוזאַמען מיט אונדז אין ים, האָבן אונדז אויסגעוויזן פון הינטן, ווי צוויי־

קלייניטשקע פינטעלעך...

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן מיר זיי אינגאַנצן פאַרלאָרן פון אויג.

דער ים איז געווען אומרויק, אַ טונקעלער הימל האָט פאַרציילט פון שטורעם און געוויטער.

ראַנסאָם האָט אָבער קיין שום געפאַר נישט באַמערקט. ביי אים האָט עס אַלץ געהייסן: „גליקלעכע התחלה״ און „גליקלעכער סוף.״

אין זיינע צעהיצטע רעיונות האָט ער שוין געזען, ווי מען שלעפּט דעם לויתן צו דער שיף...

און האָט ער טיילמאָל אומגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען דעם „פליענדיקן וואָלקן״, וואָס האָט זיך געוויגט ערגעץ ווייט, ווייט אויף אַ הויכער אומרויקער כוואַליע, האָט שוין קיין שום ספק נישט געקענט זיין אין אונדזער „גליקלעכקייט״. והראיה: אונדזער שיף איז נאָענט.

אָבער אָט איז אויך דער „פליענדיקער וואָלקן״, אַנטרונען געוואָרן פון די אויגן, פונקט ווי דער דנאָ וואָלט אים איינגעשלונגען. דער ים איז אומרויק, די כוואַליעס קנעטן איינאַנדער מיט ווייסן שוים אויף די קעפּ.

נו, וואָס איז איצט—געפאַר, צי נישט געפאַר?

אָבער ראַנסאָם איז בלינד פאַר געפאַר. אים גייט גאָרנישט אָן, עס אַרט אים נישט. איבערהאַקן דעם שטריק און אַ מאַך טאָן מיטן האַנט אויפן וואַלפיש, וואָס ער אַליין האָט אים האַרפונירט—דאָס איז איבער זיינע כוחות, איבער זיין שכל, איבער זיין מוט...

און דערווייל זענען מיר אַלץ ווייטער און ווייטער געפלויגן מיטן לויתן. גאָט ווייס, וווהין ער קען אונדז פאַרשלעפּ

און מיט וואָס דאָסדאָזיקע שפּיל קען זיך ענדיקן.

גרעמעל, אונדזער שטייערמאַן, אַ מענטש, וואָס מען קען אים אויך נישט חושד זיין אין פּחדנות, האָט שוין אַ פּאָר מאָל דערמאַנט ראַנסאָמען, אַז די לאַגע ווערט ערנסט.

„עס קען נאָך אויסברעכן אַ שטורעם,"—האָט ער געזאָגט.—„דער הימל געפעלט מיר נישט, דער וואַלפיש האָט אונדז צו ווייט פאַרשלעפּט. מיר קענען זיך אָפּשניידן פון „פליענדיקן וואָלקן", פון די שיפלעך..."

ראַנסאָם האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. דער מענטש האָט געשעפּט הויפּנס פאַרגעניגן פון דעמדאָזיקן פליען מיטן שיפל.

אָבער דער אַלטער גרעמעל האָט אים ווידער דערמאַנט:

„מיסטער ראַנסאָם, עס פאַלט צו די נאַכט... איך בין נישט ערוב פאַרן שיפל, פאַר מיין אַרבעט... איך קען נישט וויסן, וואָס מיט אונדז וועט געשען אין פינף מינוט אַרום. איר הערט? מען מוז אָפּהאַקן דעם שטריק..."

ראַנסאָם איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, פּונקט ווי אַ משוגענער הונט וואָלט אים איינגעביסן.

„איר ווילט אָפּהאַקן דעם שטריק?" — האָט ער גענומען שרייען מיט דעם האַרטן שטאָלץ פון אַן אָפּיציר.—„דאָס וועל איך נישט דערלאָזן. דאָס קען נישט זיין! דאָס טאָר נישט זיין!"

זיין כעס האָט אָבער באַלד דורכגעבראָכן און ער האָט ווייכער צוגעגעבן:

„פאַרוואָס זענט איר אַזוי אומגעדולדיק, גרעמעל? עס איז דאָך דערווייל נישט פינסטער, און מען זעט נאָך די שפּיצן פונם „פליענדיקן וואָלקן", טאָ וואָס שרעקט איר אייך? יאָ, דער

וואַלפיש וויל חוזק איבער אונדז, ער מאַכט קונצן, ווען מיר וועלן אים ווייזן, אַז מיר קענען אויך מאַכן קונצן. מיר וועלן אים ווייזן קונצן אויפן שיף, ווען ער וועט שוין האָבן פאַרגעסן אין ים...״

גרעמעל האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין פּאַטילניצע.

„איך קען מיך מיט אייך נישט שפּאַרן,״—האָט ער געזאָגט,—„און מיר מוזן איין געהאָרכן. אָבער איך בין מיט אייך נישט מסכים. איך באַדויער עס, אָבער עס איז אַזוי. עס איז נאָך זייער ווייט צו דעם, אַז מיר זאָלן ווייזן קונצן דעם וואַלפיש. זיכער וועט ער אונדז, דאַכט זיך, ווייזן...״

און דער לויתן, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט באַשטעטיקן דעם אַלטן גרעמעלס ווערטער, האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהייבן אויפן וואַסער און אַרויסגעלאָזט פון די אָטעמונגס־רערן אַזאַ הויכן פאָנטאַן, אַז די צעשפּרונגענע קאַלטע טראָפּנס האָבן דערגרייכט אונדזער שיפל און פאַרשמיסן אונדזערע פּנימער...

און דערדאָזיקער פאָנטאַן האָט אַ ביסל געווירקט אויף ראַנסאָמען, דער יונגער דזשיסאַר אָפיציר דהאָט זיך גענומען קווענקלען...

ער האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ: נישטאָ שוין דער „פליענדיקער וואַלקן״ אויך...

שוואַרצע כוואַליעס קנעטן זיך אין כוואַליעס, פון צפון שפּרייזט אַ ווינט אַהער.

ראַנסאָם האָט זיך נישט געקענט באַשליסן, וואָס צו טאָן: מען האָט געזען, אַז עס טוט אים שטאַרק באַנג דער וואַלפיש, וואָס האָט באַקומען פון אים אַזאַ געלונגענעם קלאַפּ... דער מענטש האָט באמת איצט געליטן גרויסע יסורים. ער האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי לאָזט מען עס אַרויס פון

די הענט אַזאַ לויטן בלויז דערפאַר, ווייל עס שמעקט מיט סכנות־נפשות, ווייל מען האָט פאַרלאָרן די שיף פון די אויגן, ווייל עס פאַלט צו די נאַכט.

און ער האָט זיך געבעטן, ווי אַ קינד, ביים שטייער־מאַן:

„נו, זאָגט אַליין, נו, ווי האַקט מען עס אָפּ דעם שטריק, ווען זיין עק ליגט אין פלייש פון וואַלפיש... נו, מיסטער גרע־מעל, נו, זאָגט, איך בעט אייך, נו...״

דער אַלטער גרעמעל האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„איך האָב אויך ליב דאָסדאָזיקע באַשעפעניש, ווען איך שלעפּ עס מיט גבורה צו דער שיף,״—האָט ער שטיל געזאָגט.— „אָבער דאָ, פאַרשטייט איר מיך, שלעפּט ער גאָר אונדז, דער גזלן, און מען זעט גאָרנישט דעם סוף, ווען ער וועט אויפהערן צו שלעפּן... ליבער מיסטער ראַנסאָם״,—דער שטייערמאַן האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ און האָט אים ערנסט אָנגעקוקט,—„פאַראַן צייטן, ווען אַ וואַלפיש פאַרלירט לגמרי זיין ווערט, מעג ער זיין אפילו האַרפּונירט מיט צען האַרפּונעס... ווייסט איר, ווען דאָס טרעפט? ווען דער ים שטעלט אונדז אַוועק פאַר דער אייבציקער ברירה: אָדער מיר, אָדער דאָס פאַרזעעניש... געפאַר איז געפאַר, מיסטער ראַנסאָם!״

נאָך דידאָזיקע ווערטער האָט דער יונגער אָפיציר גע־וואָרפן אַ בליק אויפן הימל, אַ בליק אַהינטער—צום „פליענ־דיקן וואַלקן״, גענומען אין האַנט אַריין דאָס גרויסע וואַלפיש־מעסער. די פינגער האָבן אים געציטערט...

„נו, איך בין נישט שולדיק,״—האָט ער זיך פאַרענטפערט, קענטיק, פאַר זיך אַליין.—„מען מוז שניידן, פאַרפאַלן. מען מוז

זיך אָפּזאָגן פון ליתן, כאָטש עס טוט זייער לייד..."

ער האָט שוין אויפגעהייבן די האַנט מיטן מעסער, אָבער די האַנט האָט זיך אים פּלוצלונג אָפּגעשטעלט.

ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געפרעגט:

„וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס זע איך דאָרט? אַ נעבל האָט זיך אויפגעהייבן, צי וואָס? חי קומט איצט אַ נעבל?"

אַ ווייס-בלאָלעכע פּאַרע האָט זיך גענומען שפרייטן איבערן ים, זי האָט פאַרכאַפּט לינקס פון אונדז דעם האָריזאָנט און האָט זיך שנעל גערוקט צו אונדז, ווי אַ געדיכטער רויך...

דער שטייערמאַן האָט שוין געשריען:

„מיסטער ראַנסאָם, שניידט דעם שטריק! טראַכט נישט מער. צעגערט נישט, שניידט! קיין איין רגע טאָר נישט פאַרלאָרן גיין!

מיט איין קלאַפּ פון דער שטאַרקער רעכטער האַנט האָט ראַנסאָם איבערגעהאַקט דעם שטריק. אונדזער שיפל האָט אויפגעציטערט און איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין.

ווי אויף צו-להכעיס, האָט זיך דער ליתן באַוויזן אויפן וואַסער, אַ פּאַטש געטאָן מיטן עק דעם ים אַזוי, אַז מיר זענען צעטרייסלטע צוגעפאַלן מיטן פּנים צום דנאָ פון שיפל, און איז כהרף-עין אַנטרונען געוואָרן...

מיסטער ראַנסאָם האָט זיך דער ערשטער אויפגעהייבן אויף די פיס. איבערגעווישט זיך דאָס פּנים פון די געזאַלצענע וואַסער-שפּריצן, האָט ער זיך אָנגערופן צו גרעמעלן:

„ביז אַהער האָב איך אייך געהערט, איצט וועט איר מיך הערן. אין וועג אַריין! אויפהייבן די זעגלען! שנעלער אַרבעט! בריהשאַפט, בריהשאַפט פאַדער איך פון אייך!"

ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע דעם קאָמפּאַס און

שנעל פאַנאַנדערגעשפרייט פאַר די אויגן אַ קליינע ים-קאַרט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט: דער נעבל האָט אַלץ פאַרשטעלט און פאַרלייגט, אַזוי, אַז מען האָט זיך מער נישט געקענט אָריענטירן...

אמת, דער קאָמפּאַס האָט אונדז געקענט, אַ שטייגער, חיינן, ווו איז צפון און ווו איז דרום, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקענט באַשטימען דאָס אָרט, ווו מיר געפינען זיך, און דאָס איז דאָך געווען דאָס וויכטיקסטע.

ראַנסאָם האָט אונדז אָן אויפהער געיאָגט.

„מער ענערגיע!"—האָט ער געשריען.—„שנעלער! שנעלערע אַרבעט ביי די רודערס! זשאַלעוועט נישט די כּוחות, אַרבעטס! מיר דאַרפן, מיין איך, גיין מיטן ווינט, ווייל דער ריז האָט אונדז געשלעפּט קעגן ווינט ווען דער נעבל לאָזט נאָך אויף איין מאָמענט, וואָלט איך אייך באַלד געקענט גענוי באַשטימען דאָס אָרט פון „פליענדיקן וואָלקן". איצט אָבער איז שוין אַ ביסעלע צו שפּעט... עס איז, חברים, נישט זייער פייגלדיק..."

„יאָ, נישט זייער פייגלדיק,"—האָט דער שטייערמאַן צוגעבאָמקעט.—„אַ שפּילכעלע צו זאָגן: אַ נעבל!... מיר זענען בלינדע מענטשן איצט, מיר האָבן פאַרלאָרן די ראיה אין אַזאַ וויכטיקן מאָמענט! ווי מיינט איר, מיסטער ראַנסאָם?"

„איך מיין אויך דאָס אייגענע,"—האָט דער יונגער אָפּיציר באַשטעטיקט.

פאַר קיין זאַך אין דער וועלט האָט דער וואַלפיש-יעגער אַזוי נישט מורא, ווי פאַר אַ נעבל. אַ נעבל איז ביי אים אַ קללה פון גאָט, עפּעס אַ שרעקלעך אומגליק, וואָס טאָר גאָר נישט עקזיסטירן אויף דער וועלט, און ער באַציט זיך צו דעם

מיט דער גרעסטער שנאה, ווי צו אַ לעבעדיק ווען...

און דער נעבל איז מאַקע איינע פון די גרעסטע מניעות אין דער אַרבעט פון וואַלפיש-יעגער.

פאַרן וואַלפיש-יעגער איז די געפאַר פון נעבל טיילמאָל גרעסער, ווי די געפאַר פון לויתן.

דער נעבל מאַכט אים פּלוצלונג בלינד און אומבאַהאָלפן, אַזוי, אַז ער באַצאָלט זיך מיטן לעבן און לאָזט איבער זיינע אָרעמע ביינער אויפן גרונט פון ים.

אויפן שטילן אָקעאַן וואַקסט אויס דער נעבל מיטאַמאָל, ראַפּטום און פאַרדעקט מיט זיך הימל און ים.

און ווי קליינטשקע שפענדלעך, אָן שום זין און תכלית, דרייען זיך דעמאָלט די וואַלפיש-יעגער אויף די אומרויקע כוואַליעס פון ים.

און מיר האָבן זיך אויך געדרייט, ווי שפענדלעך, וואָס פאַלן צופעליק אַריין אין אַ מעכטיקן שטראָם.

וווהין גייען מיר? וואָסער ריכטונג איז די ריכטיקע? און ווו איז דער „פליענדיקער וואָלקן"?

כאָטש מיר זענען בלינד, האַלטן מיר זיך דאָך אויפן וואַסער. מיר רודערן אין אַ געוויסער ריכטונג, דהגם מיר זענען נישט זיכער אין איר. מיר זענען אויך נישט זיכער אין ווינט. ער איז קאַפּריזנע, דער ווינט, און אַמאָל קומט ער פון צפון, אַמאָל פון מזרח און אַמאָל גאָר פון דרום...

מיר זענען פולשטענדיק בלינד. מיר זעען נישט ווייטער פון אַ שפּאַן. דער נעבל איז געדיכט און עפּעס קלעפּיק, און ער פאַרשטאַרקט זיך נאָך.

מיר אַרבעטן פעסט מיט די רודערס, פּונקט ווי מיר וואָלטן געוווסט, וווהין מיר גייען.

ראַנסאָם שווייגט, און אונדזער ליבער שטייערמאַן ברומט אונטער אין אומעט אַ לידל, וואָס ענדיקט זיך אַלעמאָל מיט די דאָזיקע צוויי שורות:

קוקט דער פישער אויפן נעבל,
גליווערט אים דאָס אויג...

די נאַכט איז צוגעפאַלן. איצט האָבן מיר שוין געהאַט אי נאַכט אי נעבל צוזאַמען.

און אונדזער שיפל האָט זיך געגליטשט אַרויף און אַראָפּ איבער די כוואַליעס און די רודערער האָבן געשוויגן און ראַנסאָם האָט געשוויגן (אפשר האָט ער געטראַכט וועגן דעם, וואָס יעדעס מאָל וואַרפט ער אונדז אַריין אין אַ סכנה?) און די נאַכט מיטן נעבל האָבן זיך באַהעפט און זענען געלעגן אויף אונדז, ווי אַ שוואַרצער צודעק. אָבער אין גערויש פון די שרייענדיקע נאַכט-כוואַליעס האָט שטיל און דאָך געגוג דייטלעך געקלונגען דעם שטייערמאַנס אומעטיק שטימעלע:

קוקט דער פישער אויפן נעבל,
גליווערט אים דאָס אויג..

וואָס וועט עס זיין מיט אונדז? נאָכאַמאָל: ווו איז דער "פליענדיקער וואָלקן"?

מיר גייען מיט די ים־פייגל.

שטעה נאָך שעה האָבן מיר זיך געשלעפּט מיטן שיפל אין נאַכט און נעבל. די לאַגע האָט זיך אויף אַ האָר נישט געבעסערט, אונדזערע אויגן זענען נישט געוואָרן זעענ־דיקער.

געפּלאָגט האָט אונדז דערווייַלע בלויז דאָס, וואָס מיר ווייסן נישט, וווּהין מיר גייען.

עס איז רעכט, אַז מיר גייען גוט און עס איז רעכט, אַז מיר פאַרקריכן ערגעץ, גאָט ווייס וווּהין: צו די רוחות אויפן בוידעם, ווי מען זאָגט ביי אונדז.

דער ים איז אומענדלעך גרויס, און מיר קענען פאַר־קריכן אין אַזאַ העק, וווּ עס ווייזט זיך קיינמאָל נישט קיין זעגל פון אַ שיף. די הילף אָבער קען אונדז קומען נאָר פון אַ שיף.

און מיר זענען אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען, געקראָכן

אַרויף און אַראָפּ איבער די כוואַליעס מיט דער שוואַכער און וואַקלענדיקער האָפענונג—טאָמער גייען מיר פאָרט גוט...

עס האָט אָבער קיין עק נישט גענומען, און ראַנסאָם האָט זיך אָנגערופן:

„האַלט אַ ווײַלע, רוט אייך אָפּ... זאָל מען אָנצינדן די לאַמטערנע: איך וויל אַ קוק טאָן אויפן קאָמפּאַס. דער ווינט, דאַכט מיר, פאַלש... עס ווערט רויקער. צי הערט נישט עמעצער עפּעס אַ שאָס? שטעלט אַקאַרשט גוט אָן די אויערן... מעגלעך, אַז מען שיסט צו אונדז, און מיר הערן נישט..."

און נאָך אַ קלײנער הפסקה האָט ער צוגעגעבן:

„אויב מיר זענען איצט שלעכטע זעער, טאָ לאָמיר כאָטש זײַן גוטע הערער..."

אויף יעדן וואַלפיש-יעגערישן שיפל איז פאַראַן אַ לאַמטערנע. אָן דעם קען מען זיך גאָרנישט באַגיין אין מאַנכע פאַלן און באַזונדערס אין דעם פאַל. האָט מען אָנגעצונדן די לאַמטערנע.

ראַנסאָם האָט אַרויסגענומען דעם קאָמפּאַס און האָט עפּעס בעת מעשה גענומען צופינטלען מיט אַן אויג.

„דער ווינט האָט אונדז אונטערגעשטעלט אַ פיסל",—האָט ער געזאָגט,—„ער האָט אונדז פאַראַטן... מיר האָבן זיך פאַרלאָזט אויף אים און ער האָט אונדז פאַרשלעפּט אין אַן אַנדער ריכטונג... מיר האָבן אָבער קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט. מיר האָבן זיך געמוזט פאַרלאָזן אויפן ווינט."

עמעץ האָט געפרעגט:

„און וואָס טוען מיר איצט?"

און ראַנסאָם האָט געענטפערט:

„מילא, מיר גטן זיך מיטן ווינט... פאַרפאַלן! איצט ווען

מיר זיך האַלטן מיטן קאָמפּאַס. ער וועט זיין אונדזער וועג־ווייזער, אויף וויפל עס וועט זיין מעגלעך. איך מיין, אַז דער „פליענדיקער וואָלקן" האַלט זיך אויף די וואַסערן פון צפון, אָדער צפון־מערב, ווי מיינט איר, ליבער גרעמעל?"

דער שטייערמאַן האָט אַ צוק געטאָן מיטן קאָפּ אַהין און צוריק.

„איך ווייס? שווער צו באַשטימען אַזאַ זאַך..."

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן מיט אַ פאַרבאָרגן געלעכטערל:

„איך מיין, אַז מיר האָבן איצט בכלל נישט קיין ריכטונג. ס'איז רעכט אַהער, ס'איז רעכט אַהין... דער ים איז גרויס! אַ ריכטונג קען נאָר דעמאָלט געמאָלט זיין, ווען מען האָט זיגענוי פאַר די אויגן, אָבער וואָס האָבן מיר? נעבלען, קיין גוטער זאָל זיי נישט קענען!"

ראַנסאָם האָט אים אָבער האָפּערדיק געענטפערט:

„כל־זמן איך פיל מיך געזונט און ענערגיש, לאָך איך פון אַלץ! פריי!... מיר לאָזן זיך ווידער אין וועג אַריין. געשווומען זאָל ווערן, ברידער, וואָרים מיר לעבן נאָך! זאָל יעדער טאָן זיין באַשטימטע אַרבעט! נישט געמרה־שחורהט, נישט געפאַלן פון מוט! דער ים האָט ליב די דרייסטע! דאָס איז אַ הייליק ווערטל און מען טאָר עס נישט פאַרגעסן. מיר שווימען פאָרויס אָן אַן אָפּשטעל!"

ער האָט גענומען פון שטייערמאַנס האַנט די לאַמטערנע און מיר זענען צוגעפאַלן צו די רודערס.

עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ נייע אַרבעט מיט חשק, מיט ברען, מיט התלהבות.

איך מיין, אַז דער ים האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען

אזא הייפעלע מענטשן, וואָס זאָל אַרבעטן מיט אַזאַ ענערגיע און אַזאַ בטחון!...

וווהין זענען מיר אייגנטלעך געגאַנגען?

וועגן דעם האָט קיינער נישט געטראַכט און עס איז נישט געווען וואָס צו טראַכטן, ווייל מיר זענען געגאַנגען אָן אַ ריכטונג. דער קאָמפּאַס האָט אונדז ווייניק געקענט העלפן. ראַנסאָם האָט אָבער אַרייַנגעגאָסן אין אונדז ענערגיע און בטחון, אַרייַנגעגאָסן אויף קרעדיט, אַזוי צו זאָגן, ווייל מיר האָבן דאָך געוווּסט, אַז מיר האָבן נישט קיין ריכטונג. זענען מיר סתם געפלויגן משוגענערווייז מיטן שיפל כוואַליע-אַרויף, כוואַליע-אַראָפּ...

מיר זענען אָבער געפלויגן מיט אויסגעשפּיצטע אויערן: אפשר שיסט מען ערגעץ...

אַ שאָס פון אַ האַרמאַט וואָלט איצט געווען גאָר אַ גוטע זאַך. דאָס האָט זיך געלייגט אויפן שכל. ווייבאַלד, אַז מיר בלאָנדזשען, קען דאָך גאַנץ מעגלעך זיין, אַז מיר דרייען זיך אַלץ ווי אין אַ כּישוף, אַרום אונדזער שיף, אָדער נישט ווייט פון איר, און קאַפּיטאַן דרינקוואָטער, וואָס איז איצט דווקא ניכטער, אָדער אַ ק אַ פּ י ט ש ק ע שיכור, אַזוי, אַז עס שאַדט אים נישט און דאָס האַרץ איז אים גוט, רופט זיך אָן צו איינעם פון די מאַטראָזן מיט זיין הייזעריקלעכן קול:

„היי, גוטער ברודער, קאַטעווע דאָרט מיטן אַלטן האַרמאַט אין ים אַריין!... זשאַלעווע נישט קיין פּולווער, אפשר וועלן זיי דאָרט דערהערן. מען מוז זיי דאָך ראַטעווען, פאַרשטייסט? זיי זענען דאָך ווילדע בראַווע יונגען, כלעבן!"

און איינער פון די מאַטראָזן הענדריקסאָן, צי יאַמביטש קנאַלט אין ים אַריין. דער אַלטער זקן, דער האַרמאַט האָט געקריגן לשון אויף דער עלטער.

און דער קאַפּיטאַן וואַרפט עפּעס צו:

„קאַטעווע! קאַטעווע! זשאַלעווע נישט!...”

איצט גייט נאָר אין דעם, אַז מיר זאָלן דערהערן... עס ווענדט זיך בלויז אין אונדזער אויער.

אָבער אונדזער שיפל פליט דערווייַלע אָן אַ ריכטונג און מיר אַרבעטן, ווי די שדים.

ראַנסאָם אַליין, דערדאָזיקער הייסער מענטש, וואָס געפינט אויס אַלעמאָל פאַר אונדז עפּעס אַ געפערלעכן אויפטו, זיצט און הערט זיך צו נישט בלויז מיטן אויער, נאָר מיט די הענט, מיט די פיס, מיטן גאַנצן גוף.

און פּלוצלונג זאָגט ער:

„וואַרט, שטייט אַ ווײַלע! לאָמיר זיך צוהערן...”

און די גאַנצע מאַשין בלייבט שטיין. די כוחות לאָזן נאָך-אַלע הערן זיך צו. אין אויער מאָלט זיך אַ שאָס...

אין אַ ווײַלע אַרום ווערט אָבער קלאָר, אַז דאָס איז נישט קיין שאָס, נאָר אַ געשריי פון די ים-פייגל, וואָס די נעבלען האָבן זיי אויך פאַרשלעפּט ווייט אין ים-אַריין. זיי, די ים-פייגל, פליען איצט אויך אָן אַ ריכטונג, פּונקט ווי מיר, און זוכן זייער פאַרלאָרענע היים.

איך מוז זאָגן, אַז דאָס זענען געווען פייַנלעכע מינוטן. שטיין אינמיטן ים, פאַרדעקט אינגאַנצן מיט נעבלען, ווי מיט וואַטע, און זוכן מיטן אויער אַ שאָס—אַזאַ פּיין וואָלט איך מיין ערגסטן שונא נישט געווונטשן. צום גליק, פלעגט זיך ראַנסאָם באַלד אַ כאַפּ טאָן:

„אין וועג אַרייַן, חברים! נישטאָ מער וואָס צו שטיין. עס נאַרט אונדז דאָס געהער, ווי דער ווינט... אַלע נאַרן אונדז, אַז מען בלאָנדזשעט, ווערט מען שטענדיק אָפּגענאַרט... וואָרים

דאָס בלאָנדזשען אַליין איז דאָך אויך נישט מער, ווי פּיינלעכע גענאַרעריי.״

האָבן מיר ווידער געקנאַטן דאָס וואַסער מיט די רו־דערס, געאַרבעט שווער מיט די מוסקולן און געהאָפּט מיט אַ געמאַכטער האָפענונג אויף אַ גוטן אויסגאַנג...

און אָט האָבן מיר מיטאַמאָל דערהערט אַן אמתן שאָס, אַ שאָס פון אַ האַרמאַט, אַ שטאַרקער, אַ דיקער, אַ געדיכטער... ראַנסאָם איז ראַפּטום אויפגעשפּרונגען פון אָרט. די חברים האָבן אויפגעהויבן די רודערס פון וואַסער און האָבן זיך אי־בערגעקוקט, און באַלד דערויף—ווידעראַמאָל אַ שאָס, אַזוי הילכיק, אַזוי דייטלעך אינם וואַטע פון די געבלעך...

ראַנסאָם האָט געזאָגט:

„צוויי שאָסן פון אונדזער אַלטן האַרמאַט! מיין קאָפּ גיב איך, אַז איך נאַר מיך נישט...״

ער האָט אָנגענומען דעם שטייערמאַן ביי דער האַנט.

„נו, גרעמעל, וואָס זאָגט איר דערצו? האָט איר דאָך געהערט די שאָסן? איז דאָך גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווי מיינט איר?״

דער שטייערמאַן האָט געענטפערט:

„געהערט — האָב איך געהערט. אַוודאי געהערט. צוויי שאָסן, אָבער...״

„וואָס אָבער?״

„ס׳איז נאָך ווייניק... הערן אַליין איז נאָך ווייניק, מיין איך... מען דאַרף וויסן, פון וואָסער זייט דער שאָס איז גע־פאַלן. אָט וואָס! אָבער ווער עס זאָל מיר דאָ נישט אָנווייזן די זייט, פונוואַנען דער שאָס איז געפאַלן, וועל איך אים דאָך נישט גלויבן! ניין, איך וועל אים נישט גלייבן! וואָרים עס איז אַן

אוממעגלעכע זאַך דאָס פעסטצושטעלן. דאָס אויער וועט זיכער אָפּנאַרן. דאָס איז מיין מיינונג, מיסטער ראַנסאָם."

דער אַלטער שטייערמאַן איז געווען גערעכט. מען מוז עס מודה זיין. קיינער פון אונדז האָט נישט געקענט זאָגן אויף זיכער, פונוואַנען איז געפאַלן דער שאָס.

עס זענען געווען חלוקי־דעות. דער האָט געזאָגט — פון צפון־זייט; יענער — פון מערב־זייט; אַ דריטער — פון דרום־זייט.

ראַנסאָם האָט געהאַלטן, אַז דער שאָס איז געקומען פון צפון. און אַזוי ווי ער האָט נאָך פריער אויסגעוויילט די צפונ־דיקע ריכטונג, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן קאָמפּאַס און גע־הייסן רודערן ווייטער קיין צפון.

מיר האָבן אים געפאָלגט. אָבער יעדער איינער איז גע־ווען נישט צופרידן, ווייל יעדער איינער האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגן דער ריכטונג פון שאָס.

עס איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע מינוט.

דער עולם האָט געשוויגן, די הענט האָבן שטאַרק געאַר־בעט ביים רודער.

אין אַ ווייל אַרום האָט זיך ווידער דערהערט אַ שאָס, אָבער שוין נישט אַזוי דייטלעך, ווי פריער, פונקט ווי מיר וואָלטן זיך דערווייטערט פון יענעם אָרט, ווו דער שאָס איז געגעבן געוואָרן.

די חלוקי־דעות האָבן זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט.

„אויב אַזוי,"—האָבן אייניקע געטענהט מיט קענטיקן כעס,— „באַשווערן מיר זיך אַליין די לאַגע."

„פאַרוואָס?"

„ווייל מיר דערווייטערן זיך פון יענער שיף, וואָס גיט

אונדז אַ צייכן דורך אַ שאָס, אַז זי וויל אונדז קומען צו הילף. עס קען נאָך זיין, אַז דאָס שיסט טאַקע נישט קיין אַנדערער, נאָר אונדזער „פליענדיקער וואָלקן", און ס'איז אַ פאַרברעך, אויב מיר דערווייטערן זיך פון אים."

מיסטער ראַנסאָם האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, אַז דער שאָס שטאַמט פון צפון און האָט פאַרלאַנגט, מיר זאָלן שווימען נאָר אין דער צפון-ריכטונג.

הגם דאָ איז שוין געפאַלן דאָס וואָרט „פאַרברעך", וואָס דאַרף באַליידיקן דעם אָפיציר פון אונדזער שיפל, אָבער מיסטער ראַנסאָם האָט איצט דערויף קיין שום אַכט נישט געלייגט. בשעת מען האַלט ביי אַ קאַטאַסטראָפע, קוקט מען נישט אויף איינצלנע ווערטער און אויסדרוקן, און ער איז געווען שטאַרק צופרידן, ווען מיר האָבן אים געפאָלגט און מיר זענען געגאַנגען אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג.

„איר האָט אייער פליכט, איך האָב מיין פליכט,"—האָט ער געזאָגט,—„און דערוויל מוזט איר מיר געהאָרכן."

די חברים האָבן זיך באַמיט צו אַרבעטן אָן שום גערויש, מיט איינגעהאַלטענע געמאָסטענע באַוועגונגען: די אויערן זענען אויפגעהאַנגען געוואָרן אין דער לופטן, אויפצוכאַפּן קלאַנגען...

עס איז געווען אַ טאָפּעלע אַרבעט: מיט די הענט און מיטן געהער. און אָט פאַלן פונדאָסניי שאָסן איינע נאָך די אַנדערע. עס ווערט קלאָר, אַז די ריכטונג איז א פאַלשע: מיר דערווייטערן זיך פונם שיסער...

ראַנסאָם אַליין איז שוין, גאָט צו דאַנקען, נאָכגיביק. דאָס הייסע בלוט איז אויסגעקילט אין אים.

„מעגלעך, מעגלעך,"—זאָגט ער,—„אַ מענטש איז נישט

קיין מלאך... און אויב איך בין [איינגעשפּאַרט, איז עס בלויז דערפֿאַר, ווייל איך האָב מער ידיעות און קען מיך בעסער אָריענטירן."

ער האָט געהייסן גיין צוריק.

דער שטייערמאַן האָט געצוקט מיטן אלטן קאָפּ אהין און אהער...

„ווי מיינט איהר? צוריק איז דאָס גלייכסטע!" — וואַרפֿט אים צו דער יונגער אָפֿיציר.

„איך ווייס? — מאַכט יענער מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם „כי־כי",—צו וויסן דאָס גלייכסטע אין אַזאַ צייט אויפֿן ים, איז, מיין איך, נישט פֿון די לייכטע זאַכן..."

פֿאַלט ווידער אַ שאָס, און מיר אַלע פֿילן באַשיינפּערלעך׳ אַז אויך אָט די ריכטונג איז אַ פֿאַלשע...

עס הייבט זיך אָן אַ וואַקלעניש.

נעמען מיר אַן אַנדער ריכטונג. איצט, זעט אויס, האָבן מיר באמת געטראָפֿן. דאָסמאָל האָבן מיר זיך נישט גענאַרט. עס אַרבעטן ווידער די הענט, די ענערגיע טאָפּלט זיך פֿון מינוט צו מינוט, אָבער אַז צו אונדזערע אָנגעשטרענגטע אויערן דער־גרייכט אַ נייער שאָס, זעען מיר איין אונדזער טעות.

דער שאָס איז שוין גאָר אַזאַ ווייטער, אַזאַ פֿאַרטויבטער, אַז אַ פחד פֿאַלט אויפֿן האַרץ: מיר גייען לגמרי אַוועק פֿונם שיסער...

איצט פּלאַצט שוין די געדולט צוזאַמען מיט דער ענערגיע. די הענט פֿאַלן אַראָפּ.

ראַנסאָם איז אויפֿגערעגט געוואָרן, און דער אַלטער גרע־מעל האָט געזאָגט:

„רעגט אייך נישט אויף, מיסטער ראַנסאָם. מען וועט שיסן

אַ טאָג מיט אַ נאַכט און מיר וועלן אַלץ נישט וויסן, פֿון וואָסער זייט מען שיסט..."

ראַנסאָם האָט זיך אויפֿגעהייבן אין נעבל און געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן. ער האָט זיך בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטעלן, אַז ער זאָל זיך טועה זיין אין אַזאַ „נאַרישקייט."

עס איז געווען אַ קאָמישע לאַגע, און איך וואָלט מיך זי־כער צולאַכט, ווען איך וואָלט נישט געווען אַזוי מיד און ווען דאָס העמד וואָלט זיך מיר נישט געקלעבט צום לייב פֿון נאַס־קייט.

די שאָסן האָבן נישט אויפֿגעהערט, אַמאָל שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער, און מיר זענען געגאַנגען אין הונדערטער ריכטונגען. מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט, ווי אין אַ פֿאַרכישופֿטן קרייז און קיין איין מאָל נישט אָנגעטראָפֿן די ריכטיקע ריכטונג.

אין וואָסער זייט מיר זענען נישט געגאַנגען, איז אַלץ געווען נישט גוט. תּמיד האָבן מיר געמוזט גיין צוריק...

ראַנסאָם איז שוין גאָר אַרויס פֿון די כּלים און האָט גע־גומען שרייען נישט מיט זיין קול:

„געַנוג שוין מיט די ריכטונגען! אַ סוף זאָל דאָס נעמען! לאָזט דאָס שיפֿל גיין, ווי עס גייט. זאָל עס גיין אויף גאָטס באַראָט! קיין אַנדער עצה איז סיי־ווי נישטאָ. אַזוי וועט, לפּחות, זיין אַ ביסל שטילער און מען וועט אפֿשר קענען פֿאָרט באַ־שטימען די ריכטונג פֿון שאָס! צו אַלדי שוואַרציאָר! מען קאָן דאָך משוגע ווערן!"

האָט מען אויפֿגעהערט צו אַרבעטן מיט די רודערס. פֿאַר אונדז איז עס אייגנטלעך גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט: מען האָט אַ ביסל אָפּגערוט און מען האָט זיך געקענט בעסער צו־הערן צום האַרמאַט.

מאַנכע האָבן אפילו איינגעדרעמלט...

די ים־פייגל, וואָס האָבן פריער דורכגעשניטן די נעבלדי־קע לופט, זענען איצט שיטערער געוואָרן? וווהין זענען זיי אוועק? האָבן זיי געפונען דעם ברעג?

עס האָט געשמעקט מיט שטורעם, מיט געוויטער. אַ רויער ווינט האָט ווילד אַ שפּיל געטאָן מיט די כוואַליעס...

אויב עס הייבט זיך אָן אַ שטורעם, וועט אונדזער שיפל זיין די ערשטע כפרה.

געבויט פון דינעם האָלץ, איז עס נישט געווען פעיק זיך צו ראַנגלען מיט ווינט און ים, ווען זיי הייבן אָן בשותפות אַ שפּיל.

דער יונגער אָפיציר האָט ווידער געשריען:

„גרעמעל, לאָזט דאָס שיפל מיטן ווינט! זאָל ער עס שלעפּן, צו אַלדי שוואַרציאָר! איך זע דאָ אין ערגעץ נישט קיין טיר... מיר זענען אַריין אין ים, אָבער מיר קענען נישט אַרויס. אַ ים האָט, קענטיק, אַ טיר אויף אַריינצולאָזן, אָבער אַ טיר אויף אַרויסצולאָזן האָט ער נישט! מיר קענען זיך דאָ אַזוי דרייען, ביז דער עלטערזיידע וועט אונדז אַ רוף טאָן צו זיך!...“

ער האָט זיך בייז צולאַכט און האָט צוגעגעבן:

„דער שטורעם, זע איך, איילט זיך עפּעס נישט. פון אַלע צרות און אָפּקומענישן וואָלט איך פאָרגעלייגט, מען זאָל גאָר נע־מען אין מויל אַריין. אַז דער מאָגן, זאָגט מען, איז זאַט, איז דער געדאַנק אַ פרישערער און אַ ריכטיקערער... לאָמיר זיך נעמען צו דער אכילה! דעם פריז האָט איר דאָך אייגנטלעך פאַרדינט, דעם לויתן האָט מען דאָך געפּאַקט, מען האָט דאָך אים געהאַט אויפן שטריק, ווי עס געהערט צו זיין. אַי, וואָס מען האָט אים געמוזט פרייַלאָזן, דעם גזלן, איז עס דאָך נישט אונדזער שולד. די

נעבלען האָבן אונדז פאַרכאַפּט, און ראַנגלען זיך, ווידער, מיט נעבלען אין אַזאַ צרהדיקן שיפל, וואָס איז ענלעך צו אַן אַלטן קבצנישן קאַלאָש — אַזאַ קונץ וועט קיינער נישט באַווייזן. איך טענה ווייטער מיין טענה: ס'איז נישטאָ וואָס צו פאַלן פון מוט, מיר זענען דאָך ווילע, בראַווע און, דער עיקר, געזונטע יונגען!.. און הערט, וואָס דאָס געזונטע האַרץ זאָגט מיר: מיר וועלן זיך דרייען און דרייען און זיך אַ ר ו י ס ד ר יי ע ן! חברים, מיר וועלן זיך אַרויסדרייען. ערגערע צייטן האָבן מיר שוין געהאַט און האָבן זיך אויך אַרויסגעדרייט!"

נאָך דערדאָזיקער אומגעריכטער דרשה האָט מען זיך גענומען צו דער פּראָוויזיע, וואָס איז געלעגן אויפן דעק פון שיפל.

דערזען די גיריקע צאַפּלדיקע הענט, מיט וועלכע מען האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער אכילה, האָט ראַנסאָם געפונען פאַר נויטיק צו זאָגן נאָך אַ פּאָר ווערטער.

„חברים!" — האָט ער זיך גוטמוטיק אָנגערופן, וואַקלענדיק זיך עטוואָס אין דעם אומרויִקן שיפל. — „ווי דאָס איז מיר נישט ניהאָ, דאָך מוז איך אייך עטוואָס צוימען דעם אַפּעטיט... מיר ווייסן נישט, ווי לאַנג מיר וועלן אַזוי בלאָנדזשען אין ים. מען דאַרף תמיד אויסרעכענען דאָס ערגסטע, הגם איך געהער צו יענע לייט, וואָס האָבן ליבער אויסצורעכענען אויף דאָס בעסטע..."

ער האָט זיך צעלאַכט און האָט ווייטער געזאָגט:

„מיר האָבן דאָ פּראָוויזיע, ווי איר ווייסט, אויף דריי טעג צייט. עס קען אָבער קומען אַ פערטער טאָג און אַ פינפטער און אפשר אַ זעקסטער אויך, און מיר וועלן נאָך אַלץ דאַרפן בלאָנדזשען אין ים... דעריבער דאַרף מען בינדן דעם אַפּעטיט

און לעבן מיט אַ רעלענונג... יאָ, מיר וועלן עסן, אָבער שפּאָר־זאַם, נישט קיין סך, כדי עס זאָל אונדז קלעקן אויף נאָך אַ פּאָר טעג...

די חברים האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. עמעץ האָט געזאָגט:

„אַ וואַלפיש־יעגער איז שוין אַזוי געבויט, אַז ער קען צוהונגערן אויך, אויב מען דאַרף. מיט אונדז וועט איר אַלץ מאַכן, אַבי פירט אונדז נאָר אַרויס פון די הינטישע נעבלען און גיט אונדז דעם „פליענדיקן וואַלקן"".

ראַנסאָם האָט באַמערקט:

„ע, ברודער, דעם „פליענדיקן וואַלקן" גיט מען נישט: צו אים גייט מען! נו, און מיר גייען דאָך צו אים. לאָמיר זיך נאָר האַלטן מוטיק און פעסט".

דער עולם האָט אָפּגעגעסן. מען האָט נישט געכאַפּט, זיך נישט געיאָגט, געגעסן רויק און ווייניק און אַזוי־אַרום געשטילט דעם הונגער.

מען איז אָבער געוואָרן זייער מיד און עס האָט זיך געוואָלט שלאָפן.

גרעמעל האָט זיך מעשה־פּויער אַ קראַץ געטאָן אין פּאַטילניצע.

„מען מוז פאַרט אויסרוען די ביינער אַ קאַפּיטשקע..." — האָט ער געזאָגט.—„עס וואָלט גאָרנישט געווען קיין עוולה, מען זאָל זיך אַ ביסעלע אויסשלאָפן... אין די נעבלען שלאָפט זיך געשמאַק..."

„אוודאי מוז מען!"—האָט עמעץ אונטערגעכאַפּט.

ראַנסאָם האָט געזאָגט:

„מיר וועלן עס מאַכן איינפאַך: דריי וועלן שלאָפן, דריי

װעלן װאַכן, נו, און נאָכדעם פּאַרקערט: די געשלאָפֿענע װאַכן און די װאַכנדיקע שלאָפֿן."

„דאָס איז אין אָרדענונג, מײַן ליבער מיסטער ראַנסאָם,"— האָט אים דער אַלטער שטײַערמאַן באַמערקט.

אַזױ װי יעדער אײנער פֿון אונדז האָט געהאַט אַן איבע־ריקע קורטקע אױף זיך און דערצו זענען נאָך געװען עטלעכע זעק און אַ פּאָר קאָלדרעס, װאָס װערן תּמיד מעכאַניש מיט־געשלעפּט פֿון די מאַטראָזן, האָבן מיר געמאַכט אױפֿן דנאָ פֿון שיפֿל אַ געלעגער פֿאַר דרײַ פּאַרשױן.

איך בין געװען צװישן די דרײַ, װאָס האָבן די ערשטע צוגעמאַכט די מידע אױגן אױפֿן געלעגער. מען האָט געצױגן אַ גורל, און איך בין אַרױס פֿון די „גליקלעכע", װי מען האָט זיך געװיצלט אױפֿן שיפֿל.

עס איז אָבער געװען קאַלט צו שלאָפֿן. די פֿײַכטע געבע־לעך זענען אַרײַן אין די בײנער, און איך האָב געשפּירט, װי איך װאָלט געלעגן אַ באַקעטער אױפֿן שנײ...

פֿונדעסטװעגן האָב איך דאָך געכאַפּט אַ דרעמל און האָב מיך אָפּגעפֿרישט. דרײַ מענטשן זענען סוף־כּל־סוף דרײַ קלײנע אױװעלעך, װאָרעמט מען אײנע די אַנדערע.

אַזױ האָבן מיר זיך געביטן אַלע צװײ שעה. עס איז גע־װען ענלעך צו אַ שפּילכל פֿון קינדער: דרײַ שלאָפֿן, דרײַ האַלטן װאַך...

די נאַכט איז דורכגעלאָפֿן, די לאַגע האָט זיך אָבער נישט געענדערט. דיזעלבע בעבלעך, װאָס קנײלן זיך אױפֿן ים, װי שטיקער װאַטע.

פֿון דעם, װאָס דידאָזיקע שטיקער װאַטע האָבן באַקומען אַ ראָזע באַפֿאַרבונג, האָבן מיר פֿאַרשטאַנען, אַז די זון איז

אויפגעגאַנגען.

די זון איז אויפגעגאַנגען — אַ נייער טאָג איז אויפגע־שטאַנען, אָבער די נעבלען גייען נישט אַוועק.

מיר זענען נאָך אַלץ בלינדע מענטשן.

דער שטייערמאַן האָט שוין געברומט זיין אומעטיק לי־דעלע, ראַנסאָם האָט געקוועטשט דעם קאָמפּאַס מיט די פינ־גער...

פון געוווינהייט האָט מען אויפגעהאַנגען די אויערן אין דער לופטן—צו כאַפּן קלאַנגען...

אפשר שיסט מען ערגעץ.

כאָטש עס איז געווען צווישן די נעבלען אַזוי ווייס־פינסטער, ווי ביינאַכט, דאָך האָט זיך געפילט אַ מחיהדיקע פרישקייט אין ים. די זון, אַ ווייטע, אַ פאַרשטעלטע, האָט אונדז דאָך אָנגעטאַפּט מיט אירע שטראַלן...

און אָט האָט זיך ווידעראַמאָל אָנגעהייבן די נעכטיקע חתונה...

דער אַלטער זקן פון „פליענדיקן וואַלקן", דער האַרמאַט, האָט ווידער גענומען קנאַלן אין ים אַריין...

מען שיסט צו אונדז, מען וויל אונדז ראַטעווען, מען זאָגט אונדז אָן, אַז מען פילט און מען טראַכט וועגן אונדז.

דרייען מיר זיך וויילעוויילעז אויס מיטן שיפל צו דער „ריכטונג" פון שאָס, און יעדעס מאָל זענען מיר זיך טועה...

עס גייט אַ גערדריי און אַ משוגעת אויף גאַנצע שעהן.

אַ מערקווירדיקע זאַך: דאָס אויער האָט נישט די פעיקייט צו באַשטימען דאָס אָרט, פונוואַנען עס פאַלט דער שאָס.

טיילמאָל דאַכט זיך, אַז מען האָט שוין, גאָט צו דאַנקען, נאָך גרויס מי און מוראדיקע אָנשטרענגונגען, געפּאַקט דאָס

אָרט, דאָס ווינקל פון שאָס און מען לאָזט זיך הענדום-פענדום אַוועק אין דער באַשטימטער ריכטונג, אָבער אַ נעכטיקער טאָג. דער פאָלגנדיקער שאָס, אַ טויבער און אַ ווייטער, קילט אונדז אָפּ די קעפּ און באַווייזט אונדז, אַז מיר זענען פאַרקראָכן נישט דאָ, וווּ מען באַדאַרף...

גייען מיר צוריק און נאָכדעם רעכטס און נאָכדעם לינקס און פאָרויס און אַ הינטער, און ס׳איז אַ מעשה אָן אַן עק...

צולעצט איז עס אונדז נמאס געוואָרן.

מיר זענען געבליבן שטיין און געפרעגט דעם אָפיציר:

„וואָס זאָל איצט זיין?״

און דער אַלטער גרעמעל האָט געלאַכט:

„פּראַקטיק! פּראַקטיק! איי, געזונט זאָל זי זיין! האָב איך דאָך אייך פריער געזאָגט, אַז קיין שום מענטש אין דער וועלט וועט נישט קענען באַשטימען דאָס אָרט, פונואַנען מען שיסט!...״

ראַנסאָם האָט אים רויק באַמערקט:

„איר זענט אפשר גערעכט, גרעמעל, אָבער איך פאַר-שטיי נישט, צו וואָס איז דאָס לאָבן?״

גרעמעל האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט.

„איך לאַך נישט, מיסטער ראַנסאָם, חס-ושלום! דאָס איז דאָך נאָר אַ מאַניר אַזאַ. אַזוי רעדט אַן אַלטער ים-מענטש, אַן אַלטער וואָלפיש-יעגער!...״

ראַנסאָם האָט זיך פאַרטראַכט.

„מיין עצה איז,״—האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט,— „מען זאָל ווייטער שלאָפן, אין דערזעלבער אָרדענונג, וואָס פריער. אַ שאָד די כוחות. מען מוז געדולדיק איבערוואַרטן די נעבלען. און אויב וואַרטן, איז דאָס בעסטע, נאַטירלעך, שלאָפן.

כל-זמן די נעבלען ליגן אויף אונדזערע אויגן, זענען מיר אומ-באהאלפענע מענטשן. מיר קענען זיך נישט העלפן. אפילו אזא „קלייניקייט", ווי טרעפן פונוואנען דער שאס פאלט, קענען מיר אויך נישט... טא צו וואס איז זיך דאס דרייען משוגענערווייז און דאס פטרן די כוחות און אוועקלייגן דאס געזונט, וואס איז אונדז איצט באזונדערס טייער? איצט איז דאס איינציקע מיטל, חברים, שלאפן..."

זיין עצה איז, נאטירלעך, אנגענומען געווארן.

עס איז געווען ווארעמער, ווי ביינאכט, און דעריבער האט זיך בעסער געשלאפן. מען מוז מודה זיין, אז דאס איז געווען א גלייכע עצה: אין שלאף פילט מען גארנישט, די נערוון רוען זיך אויס און מען שטייט אויף א פרישער, א מונטערער, מיט א לויטערן קאפ.

איך בין גראדע געווען פון די שלאפער, ווען אין מיין אויער איז אריינגעפאלן גרעמעלס געשריי:

„שטייט אויף, די נעבלען טרעטן אפ!"

איך דהאב אויפגעריסן די אויגן און האב מיך אויפגע-זעצט.

איך האב געזען, ווי ראנסאם איז געשטאנען מיט ברייט פאנאנדערגערוקטע פיס אין שיפל און האט געקוקט דורך דער האנט, פון וועלכער ער האט געמאכט א טרייבעלע, אין דער ווייטקייט אריין.

די שטיקער וואטע, וואס זענען געהאנגען איבער אונדז, האבן געענדערט זייער מראה, זענען שיטערער געווארן, דהאבן זיך אויפגעהערט צו קנוילן און, לייכטע, ווי מאגערע רויכלעך, האבן זיי זיך אויפגעהייבן איבערן ים און זענען אנטרונען גע-ווארן, פונקט ווי א ריזיקע האנט וואלט זיי אלע פאראמאל

אויסגעוואַשט פון איבער אונדזערע קעפּ...

דער אַלטער גרעמעל האָט געלאַכט.

„נו, מיסטער ראַנסאָם, איצט מעג איך לאַכן, ווי מיינט איר?"

קיינער האָט שוין מער נישט געשלאָפן. פאַר די ברייט אויפגעריסענע אויגן האָט זיך באַוועגט אַ פרייער רויקער ים, באַגאָסן מיט צאַפּלדיקע שטראַלן פון דער זון. וואָס פאַר אַ ברייטע קלאָרע ווייסקייטן! וואָס פאַר אַ בלענד־העלע זון! וואָס פאַר אַ ריינע דורכזיכטיקע לופט!

עפּעס אַ נייע ברייטע וועלט איז געעפנט געוואָרן פאַר אונדז, און מיר האָבן געהאַט אַזאַ געפיל, ווי מען האָלט אונדז אַרויסגעלאָזט פון אַן ענגער דושנער תפיסה, וווּ מיר זענען שיעור נישט דערשטיקט געוואָרן.

אַך, די זעענדיקע אויגן, וואָס פאַר אַ נחת, וואָס פאַר אַ תענוג עס איז צו קוקן מיט זיי!

די זעקס מענטשן אין שיפל האָבן פריידיק אויסגעשריען:

„הוראַ! עס זאָל לעבן דאָס זעענדיקע אויג!"

אָבער דאָס זעענדיקע אויג האָט גאָרנישט געפונען אויפן ים. קיין שום פינטעלע, קיין שום צייכן פון אַ זעגל, פון גאָענטער הילף...

אַלע האָבן געקוקט מיט די ניי־געבוירענע אויגן, אַלע האָבן געזוכט און געגישטערט אויפן ים.

ראַנסאָם האָט זיך אויפגעהייבן אויף אַ פעסל, צוגעטראָגן צו די אויגן די גרויסע ים־גלעזער און געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן.

דער שטייערמאַן גרעמעל, וואָס האָט אפילו אין זיין אַלט־קייט דערהאַלטן די שאַרפע ראיה פון אַ חיה, האָט זיך אויפ־

געהייבן אויף די שפּיץ פינגער און געקוקט ווייט אין ים אַריין, טשאַמקענדיק בעת מעשה מיט די ליפּן.

דאָס קוקן און נישטערן האָט אונדז אָבער קיין איין גוטע בשורה נישט געבראַכט.

„אַ ליידיקער ים!“—האָט גרעמעל געזאָגט.—„ווער ווייס, אין וואָס פאַר אַ העק מיר שטעקן! קיין שום זכר פון אַ זעגל.“

ווי קענען דאָ זיין זעגלען?“—האָט ראַנסאָם זיך אָנגערופן.—„די נעבלען האָבן זיי פאַריאָגט. וואָסער שיף חיל עס גיין אין אַזאַ נעבל? עס וועט אָבער קומען אונדזער גוטע שעה אויך, נישט געדאגהט!“

די זון האָט דערווייל געגאָסן איר וואַרעם ליכט אויפן ים, און דער ים, אַ מעלטיקער, אַן אומענדלעכער, האָט קינדיש געשפּילט מיט זיינע כוואַליעס. ער איז, קענטיק, געווען גוט געשטימט און האָט פון קיין שום בייז נישט געטראַכט.

מיר זענען רויק געזעסן אין שיפל. קיינער האָט נישט גערודערט און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף אויפהייבן דעם זעגל.

דער ים האָט גוטמוטיק געוויגט דאָס שיפל, פּונקט ווי ער וואָלט אונדז געוואָלט באַרויקן און איינלולען, אַז מיר זאָלן נישט שפּירן די נויט...

עס איז אָבער קיין נויט נישט געווען, ווייל מיר האָבן זיך גוט געשפּירט. זאָל זיך נאָר אַזוי ציען כסדר דאָס גוטע וועטער און די גוטע לוינע פון ים. איז אונדז דען שלעכט?

גרעמעל האָט דאָך געזאָגט:

„ס'איז קיין תכלית נישט, ברידער, מען מוז דאָך וואָרס עפּעס טאָן. איך מיין...

„וואָס מיינט איר?“—האָט אים ראַנסאָם איבערגעשלאָגן.

דער שטייערמאַן האָט פאַרבויגט דעם קאָפּ אין אַ זייט — זיין געוויינלעכע באַוועגונג, ווען ער האָט געוואָלט מאַכן אַ מינע פון אַן אומשולדיקן, וואָס האָט נישט די העזה צו באַפעלן, נאָר וואָס קען בלויז ראָטן, צוזוואָרפן עפּעס אַן עצה'לע.

„איך מיין," — האָט ער געזאָגט, — „אז מען דאַרף גיין אין דער ריכטונג פון די ים-פייגל... איר פאַרשטייט? זיי פליען פון ברעג אין ים און פון ים צום ברעג, וועלן מיר מיטגיין מיט זיי ביי דער צווייטער העלפט פון זייער נסיעה, דאָס הייסט, ווען זיי פליען פון ים צום ברעג... אָט, זעט איר, וואָס פאַר אַ טשאַטעס עס פליען צום ברעג?"

איבער אונדזערע קעפּ האָבן זיך געטראָגן מאַסן ים-פייגל. מאַנכע האָבן זיך געהאַלטן ביי אונדזער שיפל, אַנדערע זענען געפלויגן רעכטס, אַנדערע לינקס.

אַ געפלי פון פייגל אויף רעכטס און אויף לינקס.

ראַנסאָם האָט געזאָגט:

„דעם שטייערמאַנס עצה איז אַן עצה, מען מעג זיך צוהערן צו איר. עס פרעגט זיך אָבער: וואָסער ריכטונג פירט אונדז צום ברעג? די פייגל פליען רעכטס און לינקס."

דער שטייערמאַן האָט געענטפערט:

„דאָס איז אַ פראַגע וועגן זאַטקייט. אויב איר וועט זיך גוט צוקוקן, וועט איר באַמערקן, אַז די פייגל, וואָס זוכן נאָך אין ים, דאָס הייסט די, וואָס זענען הונגעריק און האַלטן שטאַרק פון דער אכילה, פליען לינקס; און די, וואָס פליען דירעקט, מיט ברייט אויסגעשפּרייטע פליגלען און קוקן זיך נישט אום אויפן ים, ווי ער וואָלט זיי גאָרנישט אָנגעגאַנגען, פליען רעכטס. אַ סימן, אַז זיי זענען שוין איבערגעפרעסן און זיי פליען צום ברעג. דערפון איז געדרונגען, אַז מיר דאַרפן גיין מיט די פייגל,

וואָס פליען רעכטס...״

ראַנסאָם האָט אָנגענומען דעם שטײערמאַנס השערה. מען האָט אויפגעהייבן דעם זעגל און מען האָט זיך אוועקגעלאָזט מיט דער ריכטונג פון די זאַטע ים־פייגל...

איך ווייס נישט, צי מיר האָבן זיך גענאַרט, צי נישט, דאָך האָט עס אויסגעוויזן, אַז מיר האָבן „געפּאַקט״ די ריכטונג: דרייען מיר זיך דאָך נישט, לפּחות, אין ים, ווי משוגעים.

פון צייט צו צייט האָט זיך גרעמעל אויפגעהייבן אויף די שפּיץ פינגער און האָט געשיקט זיינע אויגן אין ים אַריין. ער האָט געזוכט דעם „פליענדיקן וואָלקן״, און יעדעס מאָל האָט ער געברומט, ווי פאַר זיך, געטשאַמקעט מיט די ליפּן:

„אַ נעכטיקער טאָג... נישטאָ קיין „פליענדיקער וואָלקן״. ער איז גאָרנישט געבוירן געוואָרן אפילו... ער איז אוועק און האָט לגמרי פאַרגעסן אין אונדז...״

די חברים האָבן געלאַכט.

ראַנסאָם האָט באַמערקט:

„פונדעסטוועגן איז עס נאָך גאָרנישט קיין ראיה. אויפן ים איז זייער שווער צו דערשפּירן פון דערווייטנס אַ שיף, טיילמאָל איז זי נאָענט, און מיר באַמערקן זי נישט.״

גרעמעל האָט פאַרבויגט דעם קאָפּ אין אַ זייט.

„מיסטער ראַנסאָם,״—האָט ער געזאָגט,—„האָט נישט קיין פאַריבל, וואָס איך וויל נישט מסכים זיין מיט אייך... איך האָב מיר מיין מיינונג, מיין פּראָסטע מיינונג, וואָס שטיצט זיך אויף דער שווערער פּראַקטיק פון ים, און זאָגן וועל איך אייך אָט וואָס: נישט וואָס מיר האָבן נישט אין דערנאָענט דעם „פליענ-דיקן וואָלקן״, נאָר מיר האָבן אפילו נישט קיין פרעמדע שיף

אין דערנאָענט... אַ ליידיקער ים, ווי איך האָב פריער געזאָגט."

„פּאַרוואָס מיינט איר אַזוי?" — האָט ראַנסאָם שטאָלץ געפרעגט.

„פּאַרוואָס מיין איך אַזוי? אָט פּאַרוואָס: די ים־פייגל, ווי איר זעט, פליען דאָ אַרום אָדער רעכטס אָדער לינקס. ווען מיר וואָלטן דאָ געהאַט אַ שיף אין דערנאָענט, וואָלטן סיי די הונגעריקע און סיי די זאַטע זיך געהאַלטן ביי דער שיף. די ים־פייגל האָבן זייער ליב די שיריים פון דער שיף־קיך... זיי האָבן אויך דיזעלבע טבע, וואָס מיר: עס ווערט זיי מיאוס איין סאָרט שפּייז... זיי ווילן עפּעס אַן אַנדער מאכל און אָט דעם מאכל געפינען זיי אין די קיך־שיריים. דאָ זעען מיר אָבער דייטלעך, ווי זיי שפּייזן זיך מיט פיש, ווייל זיי האָבן נישט קיין שיף, און מיר זעען זאַטע און הונגעריקע: די זאַטע פליען צום ברעג. אַ זאַטער ים־פייגל וועט קיינמאָל נישט פליען צום ברעג, ווען ער האָט אַ שיף פאַר די אויגן. ער וועט נאָכפליען נאָך דער שיף, ווי לאַנג עס וועט זיך נאָר לאָזן, און ער וועט קיינמאָל נישט זאַט ווערן מיט די קיך־שיריים. זיין מאָגן האָט ממש נישט קיין דנאָ..."

דידאָזיקע השערה, וואָס האָט שוין נישט געקענט אַזוי אויסנעמען ביי דעם אָפיציר פון אונדזער שיפל, האָט דערפאַר אָבער ביי אונדז אויסגענומען. מיר האָבן געפילט, אַז דורך דעם שטייערמאַנס ליפּן רעדט די אַלטע ים־פּראַקטיק, וואָס ווערט דערוואָרבן דורך יאָרן מיט גרויס מי און שווערער אַרבעט.

„דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע באַמערקונג", — האָב איך מיך אָנגערופן צו אים.

„דאָס איז פּראַקטיק, מיין ליבער," — האָב ער געענטפערט.

אונדזער שיפל איז געגאַנגען אין דער באַשטימטער ריכ־טונג. אַ גינסטיקער ווינט האָט אונדז צוגעהאָלפֿן, און מיר האָבן געהאַט ווייניק אַרבעט.

מאַנכע האָבן צוגעדרעמלט.

ראַנסאָם האָט אַלץ געזוכט אין זיין קאָמפּאַס, אין הימל, אין די ווייטע האָריזאָנטן, אין ים.

ער איז געווען גענוג גערולדיק און האָט זיך געסטאַרעט נישט אויפֿצורעגן. מיר האָבן זיך אויך געפּלייסט דערין. מיר האָבן געוווּסט, אַז אַ צרה ווערט באַלד פֿאַרטאָפּלט, ווען מען רעגט זיך אויף.

מען דאַרף זיין רויק און גערולדיק. דאָס איז אַ הייליק געזעץ ביי אַזאַ לאַגע, ווי אונדזערע.

אַזוי זענען מיר געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג.

די זון האָט אַראָפּגעגלידערט צום ים. אַ בלוטיק־רויטע, האָט זי אַ וואָרף געטאָן אויף די כוואַליעס אַ בלוטיק־רויטן צאַפּלדיקן זייל...

עס איז געוואָרן קאַלט.

דער הונגער האָט אָנגעקלאַפּט אין מאָגן, אָבער מיר האָבן געשוויגן.

ראַנסאָם האָט זיך נאָך אַלץ געטענטלט מיט זיין קאָמפּאַס און מיט זיינע אויסרעכענונגען און ים־חשבונות.

„גרעמעל,”—האָט ער געזאָגט,—„אייער ברעג איז אַ ביסל צו ווייט... אייערע ים־פֿייגל וויגען, קענטיק, נישט אויף דער יבשה, נאָר אין ים... זיי פֿליען און פֿליען, און וווּ איז זייער נעסט, ווייסן מיר נאָך אַלץ נישט. אפֿשר וווינען זיי גאָר אין דער לופֿט? האַ, ליבער גרעמעל?”

„עס קען זיין!..”—האָט יענער געטשאַמקעט מיט די ליפּן.

ראַנסאָם האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָמפּאַס און געזאָגט:

„זאָל זיין, וואָס עס וויל, אָבער עסן מוז מען אויך! צו קליינע פּאָרציעס, צו קליינע פּאָרציעס, חברים!... און נישט געדאגהט!"

צוגעביסן און פאַרטרונקען מיט אַ ביסל ווייַן, וואָס ראַנ־סאָם האָט געפונען אין זיינע פאַרבאָרגענע מאָגערע זאַפּאַסן, האָט יעדער איינער געכאַפּט אַ קורצן דרעמל.

די נאַכט איז צוגעפאַלן.

אויפן וועג צו די אלעוטישע אינדזלען.

ראַנסאָם האָט אונדז אַלעמען אויפגעוועקט, געהייסן אויסרייבן די אויגן און זיך גוט צוהערן צו דעם, וואָס ער וועט זאָגן.

און געזאָגט האָט ער אָט וואָס:

„עס וועט אפשר קלינגען קאָמיש, חברים, אָבער עס איז דאָך אַזוי: מיר האָבן נאָך אַלץ נישט קיין ריכטונג. ביז אַהער זענען מיר געגאַנגען מיט די פייגל, אַ טאָג צייט האָבן מיר געפטרט דערויף, אָבער דער רעזולטאַט איז אַ נישטיקער... מיר הענגען נאָך אַלץ אין לופט,—נישט אַהער, נישט אַהין... אונדזער שטייערמאַן האַלט אפילו שטאַרק פון פייגל, אָבער גאָט האָט אים באַליידיקט: ער האָט אים קיין פליגלען נישט געגעבן... קוקט ער אויף זיי און איז זיי מקנא. איך מיין, אַז מיר האָבן נישט, וואָס צו קוקן אויף זיי. מיר דאַרפן בעסער קוקן אויף זיך, דאָס הייסט: מיר דאַרפן שטרעבן צו אַ ברעג. לאָמיר פאַר-

עסן אין „פליענדיקן וואָלקן" און אין אונדזערע שיפן, דער גוטער יאָר ווייס זיי, חו זיי זענען איצט, און לאָמיר בעסער זיך אַרויסקריגן צו עפּעס אַ יבשה. די בעסטע הילף פאַר אונדז איז דאָך די יבשה. דאָס איז נישט דער פּאָל־אָקעאַן מיט די קאַלטע ווייסע פּאַסן ערד, וואָס רינגלען אים אַרום. דאָ וועט אונדז די יבשה געבן נישט בלויז אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס, נאָר זי וועט אונדז אויך געבן גענוג צו עסן און צו טרינקען, און פון דער יבשה, גלויבט מיר, וועלן מיר זיך גיכער דערקריגן צום „פליענדיקן וואָלקן", ווי פון ים. אויפן ים וועלן מיר טאַנצן אַ טאַנץ אָן אַן עק. גענוג. מיר ווערן שוין מיד אַ ביסל. אַנו, ווי מיינט איר, גרעמעל?"

דער אַלטער גרעמעל האָט נישט באַלד געענטפערט.

פריער האָט ער לאַנג געקנייטשט מיטן שטערן, נאָכדעם אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף אַ זייט, זיך אָפּגעהוסט און נאָכדעם גענומען טשאַמקען מיט די ליפּן:

„מיסטער ראַנסאָם, אונדזער חשובער אָפיציר און חשובער פירער, האָט מיך דאָ אַ רעכט ביסל אויסגעלאַכט... אפשר האָב איך עס פאַרדינט מיט מיין קנאה צו פייגל. יאָ, מיסטער ראַנסאָם, איך בין זיי באמת מקנא. איך וואָלט אויך געוואָלט פליען... אַ ווילדע זאַך, כלעבן, דאָס פליען. ווען איך האָב איצט פליגלען, אַ שטייגער, הייב איך מיך אויף כהרף־עין און ברענג אייך אַ גענויע תשובה פון „פליענדיקן וואָלקן"... און טאָמער איז עס נאָך ווייניק, וואָלט איך אייך געבראַכט דעם „פליענדיקן וואָלקן" אַליין מיט נאָך אַ טוץ אַנדערע שיפן... אָבער גאָט האָט מיך גע־שטראָפט, מיינע טייערע: ער האָט מיר קיין פליגלען נישט גע־געבן... מילא, פאַרפאַלן, מיטן בורא עולם ראַנגלט מען זיך נישט. ער איז שטאַרקער פון מיר, אָבער מיט דעם חטא וועל איך

שוין שטאַרבן מסתמא: אפילו ביי מיין גסיסה וועל איך טראַכטן פון פייגלשע פליגלען... וואָס איז שייך מיסטער ראַנסאָמס עצה, מיר זאָלן גיין מיט דער גאַנצער ענערגיע צום ברעג, דהאָט קיינער גאָרנישט דאַגעגן, אַדרבה ואדרבה! לאָמיר גיין צום ברעג. אָבער וווּ איז ער? וווּ ליגט ער? וווּ איז די ריכטונג זיינע? טשאָם-טשאָם..."

"מיין קאָמפּאַס ווייזט עס מיר איצט גאַנץ דייטלעך", — האָט ראַנסאָם געזאָגט.—"לויט מיינע חשבונות, האָבן מיר זיך אויף גאַנצע פופציק מייל דערווייטערט פון יענע ערטער, וווּ מען פאַנגט דעם וואַלפיש און וווּ עס קומען עפטער שיפן. דאָס איז אַ גרויסער מהלך; מיר וועלן בעסער גיין צו די אַלעוטישע אינדזלען, וווהין מיר וועלן קומען גיכער און זיכערער. איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף מיר."

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

"איך בין נישט קיין אייגנגעשפּאַרטער מענטש, ווי איר קענט אפשר מיינען, אָבער איך זע נישט, אַז עמעץ זאָל דאָ קענען געבן אַ בעסערע עצה פאַר מיר. אונדזער גרעמעל, וואָס איז תמיד מקנא די פייגל, איז, וואָס אָן אמת, זייער אַ פּראַקטישער ים-מענטש, אָבער זיין פּראַקטיק העלפט אונדז דאָ ווייניק. מיר שטייען נאָך אַלץ פאַר דער שווערער פראַגע, וואָס טוען מיר? און דעריבער האַלט איך, אַז מיין עצה איז די ריכטיקסטע, און אַזוי דאַרפן מיר טאָן: מיר גייען צו די אינדזלען. מיר גייען מיט האָפענונג און מיט בטחון, ווי עס פּאַסט פאַר געזונטע וואַלפיש-יעגער, און מיר וועלן אונדזער ציל דערגרייכן!"

גרעמעל, אויסהערנדיק דעם אָפיציר, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געטשאַמקעט מיט די ליפּן: אַז מען וויל, האָט מען געקענט זאָגן, אַז ער איז מסכים מיטן אָפיציר, און אַז

מען וויל, האָט מען געקענט זאָגן, אַז ער איז נישט מסכים מיט אים.

אָבער מיר האָבן איינגעפונען, אַז ראַנסאָם האָט רעכט און האָבן זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט.

אַ גינסטיקער ווינט האָט אונדז צוגעהאָלפן, דאָס שיפל האָט זיך לייכט און שנעל געגליטשט איבערן בלויען וואַסער. דער ווינט האָט זיך עטוואָס געשטאַרקט און דאָס שיפל איז נאָך שנעלער אַוועק.

„זעט איר, דער ווינט העלפט אונדז! ס'איז אַ גוטער סימן!״—האָט ראַנסאָם צופרידן באַמערקט.—„די זעגלען זאָלן אויפגעהייבן ווערן, די שיפנאָז צו דרום צו! עס גייט אַ גאַנג, חברים!״

מיר זענען אַריינגעפאָלן אין דער מאַכט פון אַ נייער האָפענונג. עס האָט זיך אונדז געפלאַנטערט אין דמיון אַ ברעג, אַ גרינער ברעג מיט אַ רייכן ישוב פון מענטשן.

קודם-כל וועט מען זיך אַריינכאַפּן אין אַ שענקל, ווו מען וועט דערוואַרעמען די גלידער מיט אַ פייערדיקן שנעפסל. נאָכדעם וועט מען זיך נעמען צו דעם גוטן מיטאָג מיט די גרויסע פּאָרציעס פיש און פלייש און ווייַן, און נאָכדעם וועט מען, זאַטע, פריילעכע און צופרידענע, אויסציען די מידע פיס אויף אַ ווייכן געלעגער...

און אַ גאַנצן מעת-לעת וועט מען שלאָפן.

נו, און נאָכדעם, אַז מען וועט אויפשטיין, אויסגערוטע און אָפּגעפרישטע, וועט זיך אָנהייבן אַ ניי לעבן...

עס וועט מסתמא זיין אַ סך אַרבעט, ביז מען וועט אָפּגעפינען דעם „פליענדיקן וואָלקן״, אָבער דאָס וועט זיין אַ פריילעכע און אַן אָנגענעמע אַרבעט.

דאָס וועט זיין אַן אינטערעסאַנטע נסיעה איבער דער יבשה,

מען וועט זען נייע אומבאַקאַנטע רוישיקע האַפנס...

און אַלע, סיי ים-לייט און סיי יבשה-לייט, וואָס וועלן קומען מיט אונדז אין באַרירונג, וועלן אונדז באַוווּנדערן אין-דערשטיל (נאָר מיר וועלן עס גוט באַמערקן!): „דרייסטע, בראַווע יונגען! מיט אַ קליין שיפל, מיט אַן אַלטן צעלעכערטן קאָמפּאַס זענען זיי אַדורכגעגאַנגען דעם שטילן אָקעאַן! דאָס זענען העלדן, אמתע העלדן!..."

מיט אַזוינע צעהיצטע רעיונות זענען מיר געפלויגן מיטן שיפל קיין דרום, צו די אַלעוטישע אָדער פוקסישע אינדזלען, געפלויגן אָן אַן אָפּשטעל, מיט איין אָטעם, ביז דאָס שיפל איז פלוצלונג געבליבן שטיין, די אויפגעהייבענע רודערס זענען מיטאַמאָל געבליבן הענגען אין אונדזערע הענט, אָן באַוועגונג. דער שטייערמאַן האָט זיך געפּאָרעט ביי די זעגלען...

וואָס איז געשען?

די לאַמטערנע האָט שוין מער נישט געברענט. זי איז אויסגעלאָשן געוואָרן, ס'איז מער נישט געווען קיין אייל...

אויפן ים איז געווען פינסטער.

אָן דער לאַמטערנע האָבן מיר קיין קאָמפּאַס נישט געהאַט און אָן דעם קאָמפּאַס האָבן מיר קיין דרום נישט געהאַט...

ס'איז געווען געבונדן איינס מיטן אַנדערן. מיט אַ זייגער קען מען זיך נאָך אַן עצה געבן אינדערפינסטער: מען קען אָנטאַפּן מיט די פינגער די ווייזערס. מיט אַ קאָמפּאַס אינדערפינסטער קען מען אָבער גאָרנישט מאַכן. דאָ וועט נישט העלפן קיין שום טאַפּן...

ראַנסאָם האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט. דער מענטש האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. ער האָט פיינט געהאַט קליינע „נאַרישע" מניעות. ער האָט פאַרשטאַנען געפאַר, גראַנגל, הונגער,

דורשט און נויט, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט און נישט געקענט פאַרשטיין, אַז די גאַנצע מאַשין, וואָס ער האָט אָנגעדרייט, זאָל קענען בלייבן שטיין צוליב אַ ביסל „נאַרישן" אייל...

„דאָס איז ווילד! דאָס איז משוגעת! דאָס איז נאַריש!" — האָט ער געריטשעט, ווי אַ פאַרוואונדעטער וואָלף. — „וואָס הייסט די לאָמטערנע האָט זיך אויסגעלאָשן? אַ רוח אין איר טאַטנס טאַטן אַריין! מיר גייען ווייטער! מיר בלייבן נישט שטיין! איך וועל מיך וואַרפן שלאָגן מיט דעם גאַנצן ים!" — האָט ער געטרייסלט אינדערפינסטער מיט די פויסטן.

און דאָס שיפל איז ווייטער געפלויגן, ווי אַ מזיק.

„אפשר האָט עמעץ אַ שוועבעלע?" — האָט זיך פאַוואָליע, נאָך ראַנסאָמס קולות, אונטערגערוקט גרעמעלס שטיל קיצלדיק קולכל. — „קיינער האָט נישט? פיינע וואַלפיש־יעגער, נישטאָ וואָס צו רעדן..."

„געווען, אָבער אויסגעגאַנגען," — האָט עמעץ געזאָגט.

„געווען, געווען..." — האָט גרעמעל איבערגעקרימט מיט אַ הוסטל.

„אָבער ווער דאַרף עס פייער?" — האָט זיך ראַנסאָם געוואָרפן ווי אין אַ קדחת. — „מיר ברויכן נישט קיין פייער! מיר זענען שטאַרקער פון פייער, אין דר'ערד זאָל עס גיין! ס'איז פאַראַן אַ ווינט און דער ווינט וועט אונדז פירן! גיי צו אַלדי שוואַרציאָר!" — האָט ער פלוצלונג אַ שליידער געטאָן דעם קאָמפּאַס אויפן דנאָ פון שיפל.

ער האָט שווער געאָטעמט. אָבער די ענערגיע האָט געקאָכט אין אים, ווי אַ כוואַליע אין געוויטער.

אינדערפינסטער האָבן מיר געשפּירט, אַז ס'איז אים ענג

דאָס שיפל, דער ים, די גאַנצע וועלט. ער איז ווײַלעוויַיז אי־בערגעשפּרונגען פון איין אָרט אויפן צווייטן, און דאָס שיפל האָט געציטערט אונטער אים.

„גרעמעל,״—האָט ער געזאָגט מיט פאַרשטשעמעטע ציין,—„גייט צו די זעגלען און איך וועל מיך שטעלן אויף אייער אָרט. איך קען אויך די מלאכה פון אַ שטייערמאַן נישט ערגער פון אייך!״

ער וואָלט איצט די גאַנצע וועלט באַליידיקט אומזיסט און אומנישט. מיר האָבן געהערט אינדערפינסטער, ווי גרעמעל קראַצט זיך די פּאַטילניצע מיט אַלע פינף פינגער, ווי ער שאָבט זיך דאָרט גוט אויס מיט די נעגל די הויט אונטער די אַלטע האָר...

„איך מיין אויך אַזוי, מיסטער ראַנסאָם,״—האָט ער גע־שמאַקעט.—„איר זענט אַן אויסגעצייכנטער שטייערמאַן, מיסטער און מען דאַרף זיך לערנען ביי אייך. אַ שאָד, וואָס איך בין שוין אַלט...״

„גרעמעל, אפשר ווילט איר זיך קריגן מיט מיר?״—האָט אים ראַנסאָם צוגעוואָרפן מיט עפּעס אַ דראָענדיקער גרייטקייט.—„האַלט אייך איין, גרעמעל! איך שפּאַס נישט!״

„נו, נו, נו...״—האָט דער אַלטער געברומט.—„מיינע הענט ציטערן שוין היינט. זייט נישט בייז, מיסטער ראַנסאָם, מיט אַ יאָר צוואָנציק צוריק וואָלט איך מיך אונטערגענומען צו קריגן מיט אייך... איר האָב געוווּסט, וואָס מען דאַרף טאָן אין אַ קריג און ווי עס ווערט דער גאַרגל פון אַ מענטשן... איך בין גע־גאַנגען גלייך צום גאָרגל. אָבער היינט, מיסטער ראַנסאָם, היינט... איר זענט טאַקע בייז אויף מיר, מיסטער ראַנסאָם? איך בין דאָך אַלט...״

ראַנסאָם האָט זיך פּלוצלונג צעלאַכט מיט אַ שווערן נער־

רעיִשן געלעכטער.

„אַנטשולדיקט, גרעמעל,״ — האָט ער געזאָגט. — „איך האָב מיך צעשריִען, אָבער איך בין בעצם נישט קיין שלעכטער מענטש... אויפן ים געשיט אַלץ. אָבער איך וויל דאָך אַלעמען, אַלעמען ראַטעווען!״

„באַ, מיר זענען קינדער פון ים. ביי אונדז אַ קריג איז ווי אַ ווינט לויפט דורך... געווען — און נישטאָ. מיסטער ראַנסאָם, איר וועט מיר אויך מוחל זיין?״

„מוחל, מוחל,״ — האָט יענער שטיל געברומט.

די ראָלן האָבן זיך דאָך געטוישט: ראַנסאָם איז איצט געווען שטייערמאַן און גרעמעל האָט זיך באַשעפטיקט מיט די זעגלען. ער האָט זיך געפּאָרעט אַרום זיי און געברומט אונטער דער נאָז זיין פישער־לידל...

אַפּנים, אַז ער האָט קיין שום אַרבעט נישט געהאַט.

אונדזער שיפל איז געגאַנגען מיטן ווינט. לויט מיין איצטיקן שכל פאַרשטיי איך, אַז עס איז געגאַנגען זיגזאַגיש, אַמאָל אַהין און אַמאָל אַהער, ווי עס גייט דאָס רוב אַ ווינט. מיטאַמאָל איז געוואָרן שטאָק־פינסטער אַרום אונדז, פונקט ווי מיר וואָלטן געשוואומען אין טינט...

דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט.

עס ד״האָט זיך דערהערט אַ פייפן פון ווייט־גייענדיקע שוואַרצע כוחות און אַ פּאַטשן פון כוואַליעס.

דער ים האָט זיך אַ וויג געטאָן פון אונטן אַרויף און פון אויבן אַראָפּ...

אַ שטורעם הייבט זיך אָן!

„אַראָפּלאָזן די זעגלען!״ — האָט ראַנסאָם געשריִען. — „די

קליינע זאַלן בלייבן. פאַרזיכטיק מיטן גלייכגעוויכט! ניכטערע אַרבעט! רויק! נישט געציטערט!"

דאָס איז געווען גאָר אַ נייע צרה, אויף וועלכער מיר האָבן זיך נישט גערייכט.

מיר האָבן זיך תמיד אַרויסגעגנבעט פון געדאַנק, אַז מיר קענען אַריינפאַלן אין די פּוחות פון שטורעם.

מיר האָבן געוווסט, מיט וואָס דאָס שמעקט און האָבן נישט געוואָלט טראַכטן דערפון.

דער שטורעם איז אָבער דאָך געקומען.

ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך מיט אַזאַ צרהדיק שיפל, וואָס קען אַ ליאַדע מינוט צעקלאַפּט און צעשפּרונגען ווערן אויף פּיץ-פּיצלעך?

ראַנסאָם איז איצט געווען דער גאַנצער פירער און דער גאַנצער באַלעבאָס איבער אונדזער אַלעמענס לעבן.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זעענדיקע אויגן אינ-דערפינסטער, ווי אַ קאַץ...

אַן אייז-קאַלטער ווינט האָט אונדז אַרומגעכאַפּט פון פלייצע און האָט אונדז דערמאָנט אינם פּאָל-אָקעאַן...

ער האָט אונדז געשטאָכן, ווי מיט באָדלען, אין די לעכלעך פון די אויערן און האָט אונדז געהייבן און געוואָרפן איבער די וואַסערבערג און וואַסערטאָלן פון דעם בייזן אומרויקן ים.

מיר זענען געפלויגן אַרויף און אַראָפּ, פאַרנעצט און פאַרשפּריצט פון קאָפּ ביז די פיס.

עס איז געווען אַ מין הוידען זיך, אָבער עס האָט אונדז געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

און ראַנסאָם האָט אַלץ געשריען:

„גלייכגעוויכט, גלייכגעוויכט! פעסט זיך געהאַלטן! אַן

אַ מחיה! דאָס האָב איך ליב! דאָס פאַרשטיי איך! גרעפּעל, גיט אַכטונג אויף די קליינע זעגלען!"

זיין קול איז געגאַנגען ווי פון דנאָ פון ים. דער ים האָט אים פאַרשטיקט.

ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו שרייען דאָס זייניקע:

„גלייכגעוויכט! גלייכגעוויכט!"

און נאָך איצט, מוז איך אייך זאָגן, כאַפּט מיך ארום אַ קאַלטער שוידער, ווען עס קומט מיר אויפן זכרון יענע נאַכט מיטן העלדישן, טיף־מענטשלעכן געשריי:

„גלייכגעוויכט! גלייכגעוויכט!"

עס איז געגאַנגען אין דעם, אַז דאָס שיפל זאָל זיך נישט אויסדרייען, אַז עס זאָל זיך האַלטן, נישט פאַרגאָסן מיט וואַסער, אויף דער טאַנצנדיקער משופּעדיקייט פון די כוואַליעס.

אַ ליאַדע מינוט האָט עמעץ פון אונדז געקענט אַרויספליען אין ים אַריין...

מען האָט זיך געמוזט איינקלעבן און אייננעסן אינם נאַסן שוואַכן האָלץ פון שיפל...

דער ים, דער גרויסער אומענדלעכער נאַכט־ים, האָט זיך מיט גרויס אכזריות געשפּילט מיט זעקס אָרעמע לעבנס...

אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף, און אַמאָל גאָר אויף אַ זייט...

און דעמאָלט האָט שוין ראַנסאָם נישט מיט זיין קול געשריען, אַריינשניידנדיק האַרב די ווערטער אין דעם געדיכטן געבריל פון די כוואַליעס:

„גלייכגעוויכט! האַלט אייך! האַלט אייך! ה—אַ—ל—ט—אַ—יי—ך! טו־הו!"

אין דערדאָזיקער אומפאַרגעסלעכער נאַכט האָט ראַנסאָם אַלץ געטאָן: ער איז געווען שטייערמאַן און האָט געשעפּט דאָס וואַסער פון שיפל און האָט רעגולירט די קליינע זעגלען און דאָס גלייכגעוויכט און האָט אָפּגעהיט אונדזער אָרעם שיף־געפעק, עס זאָל נישט אַרויספליען אין ים אַריין.

הונדערט הענט האָט ער געהאַט און הונדערט אויגן. פאַר אים האָט גאָרנישט עקזיסטירט קיין שום פינסטערניש, קיין שום שטורעם־חושך.

די ענערגיע פון אָט דעם מענטשן האָט זיך נישט אויס־געשעפּט. עס איז געווען אַ טיפער קוואַל, וואָס האָט געשלאָגן און געשלאָגן אָן אַן אויפהער.

און אַ דאַנק אים, האָבן מיר אויסגעהאַלטן!

דער גרויסער שטורעם האָט נישט צעהאַקט דאָס קליינע באַרישע שיפעלע...

מיר זענען נישט דערטרונקען געוואָרן.

דער שטורעם האָט פאַרטאָג נאָכגעלאָזט.

דער חושך איז צערונען געוואָרן, דער ים האָט מיט זיינע גרויסע לונגען שווער אָפּגעאָטעמט, ווי נאָך אַ שלאַכט...

מיר האָבן געזען, ווי עס גרינט אין די האָריזאָנטן: אַ שטילער ווייכער אינדערפרי האָט אַרויסגעקוקט פון זיי.

עס איז געווען שטיל, די אויערן האָבן אויסגערוט פון די אימהדיקע קולות, פון דער ווילדער פייפעריי.

עפּעס אַ שווערע לאַסט איז אונדז אַראָפּגעפאַלן פון רוקן. און מיט אונדזערע קליינע לונגען האָבן מיר אויך שווער אָפּגעאָטעמט, ווי דער ים, ווי נאָך אַ שלאַכט.

ראַנסאָם איז געזעסן אַ בלאַסער אויפן שטייערמאַנס בענקל און די אויגן האָבן אים געברענט, ווי שוואַרצע גליען־

דיקע פייערלעך...

ער האָט געשוויגן.

גרעמעל האָט אונדז אַ שעפּטשע געטאָן פון דער זייט:

„שעפּט אויס דאָס וואַסער, לאָזט אים אָפּרוען...“

מיט מידע הענט האָבן מיר זיך גענומען צום שוימיקן וואַסער פון שיפל.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך ראַנסאָם אויפגעהייבן און איז פאַרזונקען מיט די אויגן אין די ים-גלעזער.

ער האָט לאַנג געקוקט אין אַלע זייטן און זיך אַראָפּגעלאָזט צוריק אויף זיין אָרט.

„גרעמעל,“—האָט ער ווייך אַ זאָג געטאָן, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט באַווייזן מיטן טאָן, אַז ער האָט בײַנאַכט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום באַזונדערע בריהשאַפט און אַז אַלע האָבן געאַרבעט צוגלייך מיט אים,—„גרעמעל, נעמט איר די ים-גלעזער, אפשר וועט איר בעסער זען.“

דער אַלטער האָט גענומען טשאַמקען:

„אויב דער שטייערמאַן, טפו, וואָס רעד איך, אויב מיסטער ראַנסאָם וויל, איך זאָל באַקוקן דעם ים, קען איך עס מאַכן אָן די גלעזער...“

און ער האָט זיך אויפגעהייבן אויפן בענקל מיט די שאַרפע אויגלעך פון אַ חיה.

„איך זע דעם ים...“—האָט ער געטשאַמקעט.—„און נישט מער... באַ, נישט קיין שיף און נישט קיין ברעג... מילא.“

ער איז אַראָפּגעקראָכן פון בענקל און האָט געקראַצט די פּאַטילניצע.

„פופצעטוועגן זענען מיר אַרויס מיט גאַנצע ביינער,“ — האָט ראַנסאָם שוין געשמייכלט.—„אַ שטורעם, אַ שטורעם, אָבער

אַז אַ מענטש האָט ווילן און מוט, קען ער זיך ראַנגלען מיט אים אויך! איך האָב ליב אַזאַ געראַנגל! בעסער ווי צו בלאָנ־דזשען אין ים..."

דער ים איז געווען רויק און גלאַט, ווי אַ שפּיגל. די זון איז אויפגעגאַנגען. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ ליכטיקער טאָג, וואָס האָט אונדז געטריקנט די נאַסע מלבושים אויפן לייב.

עס איז וואַרעמער געוואָרן.

ראַנסאָם האָט געזאָגט:

„און מיר וועלן עפּעס עסן אויך: אונדזערע קליינע מאָגערע פּאָרציעלעך..."

ס'איז געווען גאָר אַ גוטע זאַך—דאָס „עפּעס עסן," אָבער מען האָט נאָך געמוזט אָפּוואַרטן דערמיט.

דער ים האָט פאַרגאָסן אונדזער פּראָוויזיע...

ראַנסאָם האָט נאָך אָבער געהאַט ליגן בײַ זיך אַ פלעשל בראָנפן (ער האָט שטענדיק עפּעס ליגן פאַרבאָרגן בײַ זיך: וויין, קוילן, בראָנפן...) און אַז ער האָט עס ערגעץ פון שיפדעק אַרויס־געשלעפּט אויף דער העלער אינדערפריענדיקער זון, האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן בײַ אונדזערע אויסגעמאַטערטע מענטשן.

דער אַלטער גרעמעל האָט גענומען ציען מיט דער נאָז און האָט זיך איבערגעצלמט.

פון אַ שטאַרקן זעץ מיט דער האַנט אין דנאָ, איז אַרויס־געשפּרונגען דער קאָרעק. ראַנסאָם האָט פאַרוואָרפן אַהינטער זיין שוואַרצן קאָפּ מיט די נאַסע צוקודלטע האָר און אַרײַנגעשטעלט אין מויל דאָס העלדזל פון פלעשל.

„בול־בול־בול!"—האָט אים פריילעך געקלאַפּט דאָס העלז־גרינע וואַסער אין האַלדז.

ער האָט אָפּגעטרונקען אַ ביסל, זיך מחיהדיק פאַרקרימט

און איבערגעענטפערט דאָס פלעשל דעם אַלטן שטייערמאַן.

יענער האָט עס גענומען מיט ציטריקע הענט, ווי מען נעמט אָן אַ קינד, אַן עופעלע, ביים ארעם...

פון דעם שטייערמאַן האָט דאָס פלעשל שנעל איבערגע־וואַנדערט צו יעדן איינעם פון אונדזער קליינעם געזעמל.

וואָס פאַר אַ וואַרעמקייט עס האָט זיך צעגאָסן איבער אַלע גלידער, וואָס פאַר אַ פרייד עס איז מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין די רעיונות, אין האַרץ...

נישטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט, ווי צו טרינקען בראָנפן אויפן ים, נאָך אַ גרויסן געפערלעכן שטורעם, ווען דאָס אייגענע לעבן איז געווען איינגעשטעלט און האָט געהאָנגען אויף אַ האָר...

טרינקען פון אַ פלעשל, פשוט, פויעריש, און דאָס פלעשל זאָל גיין פון האַנט צו האַנט.

מיר האָבן זיך באמת מחיה געווען.

און שפּעטער אַ ביסל, ווען די זון האָט זיך מרחם גע־ווען איבער אונדזער פּראָוויזיע און האָט זי אויסגעטריקנט (כאָטש דאָס האַרטע פלייש האָט פאַרלאָרן דעם טעם פונם נעכטיקן בעדל), האָבן מיר זיך אונטערגעלענט די מאָגנס. מען איז, נאַ־טירלעך, נישט געווען זאַט, עס האָט זיך נאָך גוט געוואָלט עסן, אָבער מען האָט געזאָגט דעם מאָגן:

„שווייג!"

און ער האָט געשוויגן.

נאָכן עסן, נאָכן טרינקען, האָט זיך ראַנסאָם אויפגעהייבן און געזאָגט:

„איך האָב גוטע אויגן, אָבער איך זע גאָרנישט. גרעמעל האָט גוטע אויגן, אָבער ער זעט אויך גאָרנישט. מעסי, אפשר

וועט איר עפּעס זען? נעמט די ים־גלעזער און הייבט זיך אויף אויפן בענקל. עס קען דאָך נישט זיין, אַז מיר זאָלן כּסדר זען אַ ליידיקן ים. אפשר טוקט זיך ערגעץ פאָרט אַ זעגל פון אַ שיף? אונדזער נסיעה צום ברעג איז אונדז דערווייל נישט געלונגען. נעמט מעסי, די גלעזער...״

דאָס איז געווען אַ צו גרויסער כּבוד פאַר מיר און איך האָב מיך איבערגענומען מיט אים, באַזונדערס דערפאַר, ווייל איך האָב אין דעם מאָמענט געקוקט אויף ראַנסאָמען, ווי אויף אַ העלד.

זיך אויפגעהייבן אויפן בענקל, האָב איך גענומען באַטראַכטן דעם ים דורך די גרויסע ים־גלעזער און בעת מעשה האָב איך געשפּירט, ווי דער עולם קוקט מיר נאָך מיט פאַרוואָרפענע קעפּ אַהינטער און מיט אָנגעשטרענגטע אויגן.

איך האָב געזען אַ רויקן ים מיט קליינע כוואַליעס, וואָס זענען לאַנגזאַם און מעכטיק געגאַנגען צום האָריזאָנט.

רעכטס, פאָרויס, לינקס — ים און הימל, ים און הימל, נישטאָ קיין זכר פון אַ שיף.

איך האָב שוין געוואָלט אַראָפּגיין, אַ שעמעוודיקער, פון בענקל, אָבער אין דעם מאָמענט האָט ערגעץ ווייט אין ים אַ קליין וויגעדיק פּינטעלע פאַרטשעפּעט מיין אויג...

„וואָס איז עס אַזוינס?״—האָב איך מיך שטיל געפרעגט.—„אַ צייכן? אַ פאַרזונקענע שיף? אַ שפּיץ פון אַ מאַסטבוים? אָדער אפשר גאָר אַ „האָלץ-צייכן?״

איך בין געשטאַנען אויפן בענקל און זיך געוואַקלט.

„מעסי, וואָס זעט איר דאָרטן?—האָט ראַנסאָם געפרעגט.—„איר זעט טאַקע עפּעס?״

איך האָב אַראָפּגענומען די גלעזער פון די אויגן

און געזאָגט:

„איך האָב געזען אַ... אַ... „האָלץ-צייכן?"

„אַ האָלץ-צייכן?"

„יאָ, אַזוי שיינט מיר?"

„ווו? אין וואָסער ריכטונג?"

„גלייך, פאָרויס, נישט זייער ווייט..."

„גייען מיר צום צייכן, אָבער שנעל, מיט ברייטע שפרייזן! אפשר... אפשר... זאָל זיין, וואָס עס איז, אַבי ס'איז עפּעס דאָ."

אונדזער שיפל האָט זיך מיט גרויס ענערגיע אַ יאָג געטאָן צום פינטל. וואָס האָט זיך געוויגט אויפן וואַסער, און איך בין געווען זייער צופרידן, וואָס איך בין נישט אַראָפּ מיט ליידיקן פון בענקל, וואָס מיינע אויגן האָבן „עפּעס" געפונען...

און מיינע אויגן האָבן באמת געפונען אַ „האָלץ-צייכן," ווי ער הייסט ביי די וואלפיש-יעגער.

אונדזער שיפל האָט אים געפּאַקט.

דער אַלטער גרעמעל האָט געשמאַקעט:

„אַז מען שמועסט, יונגע אויגן... אַרויף אויפן בענקל און באַלד דערזען... נישט איך און נישט מיסטער ראַנסאָם, נאָר מעס..."

מיר ראנגלען זיך נאָך אַלץ מיטן ים.

האָלץ־ציי כן דהייסט ביי די וואַלפיש־יעגער אַ קליינער קלאָץ מיט אויסגעבּרענטע אותיות דערויף. מיט דעמדאָזיקן קלאָץ ווערט ביי זיי באַצייכנט דאָס אייגנטום־רעכט.

בשעת מען דערהרגעט אַ וואַלפיש און מען מוז אים איבערלאָזן אין ים צוליב עפּעס א וויכטיקער סיבּה — אָדער מען יאָגט זיך אַוועק נאָך אַן אַנדער וואַלפיש, אָדער עס מאַכט זיך אַ שטורעם און מען מוז זיך ראַטעווען אויפן שיף—וואַרפט מען אַריין אין ים דעמדאָזיקן „קלאָץ־צייכן", אויף וועלכן עס ווערט אויסגעקריצט מיט געבּרענטע אותיות דער נאָמען פון דער שיף און דער האַפן, פון וועלכן די שיף איז געקומען.

דאָס קליינע פענדל, וואָס מען האַקט אַריין אין רוקן פון וואַלפיש, קען נישט דינען פאַר אַ סימן פון אייגנטום־רעכט. דאָס פענדל ווייזט בלויז דאָס אָרט, וו עס געפינט זיך דער וואַלפיש.

דער „האַלץ־צייכן" אָבער איז אַ דאָקומענט, וואָס גיט צו וויסן די וואַלפיש־יעגער, אַז דער געטויטער וואַלפיש, וואָס וואַל־גערט זיך אַרום אין ים, איז אַן אייגנטום, וואָס געהערט צו אַ באַשטימטן באַלעבאָס, און אַזאַ וואַלפיש טאָר מען נישט פאַנ־גען.

עס טרעפט, אַז אַ געטויטער וואַלפיש וואַלגערט זיך אַרום טעג און וואָכן אין ים, ביז עס קומט זיין אמתער באַלעבאָס, וואָס שלעפט אים אַרויף אויפן שיף.

דידאָזיקע אייזערנע טראַדיציע ווערט קיינמאָל נישט גע־בראָכן פון די וואַלפיש־יעגער. מען היט זי אָפּ מיט דער גרע־סטער פינקטלעכקייט, ווי אַ ד"הייליק געזעץ. דאָס קלעצל מיט דער אויפשריפט האָט אַ כוח אין ים.

צוגעשווומען צו דעם קלאָץ, האָט זיך ראַנסאָם אַריבער־געבויגן פון שיפל און האָט אים גענומען אין דער האַנט אַריין. אויף אים איז געלעגן אַן אויפשריפט מיט גרויסע אויסגעבריגנטע אותיות: „היילענדער־אַבערדין".

דאָס איז געווען אַ שאָטלענדישע שיף, וואָס האָט גע־אַר־בעט נישט ווייט פון אונדז אין פאַל־אָקעאַן.

אַז אירע געשעפטן זענען אַוועק אַזוי שלעכט, ווי ביי אונדז, האָט זי פאַרלאָזט דעם פּראַסטיקן ים און האָט, פּונקט אַזוי ווי מיר, איבערגעוואַנדערט קיין דרום.

איצט פרעגט זיך אָבער: צו וואָס האָט זי אַראָפּגעוואָרפן דעמדאָזיקן קלאָץ־דאָקומענט אין ים אַריין? וואָס האָט זי גע־צווונגען דערצו? ווי זאָל מען אויסטייטשן דעמדאָזיקן אומפאַר־שטענדלעכן פאַל?

עמעץ פון אונדז האָט זיך אָנגערופן:

„אפשר האָט דאָס קלעצל אַ שטריק מיט אַ האַרפון, און

דער האַרפון שלעפּט אַ וואַלפיש מיט זיך?"

„דאָס איז אַ געדאַנק?"—האָט ראַנסאָם געזאָגט. — „מיר וועלן באַלד זען."

ער האָט זיך ווידער גענומען צום קלעצל, וואָס האָט זיך רויק געוויגט אויפן וואַסער לעבן שיפל: פונם קלעצל איז אַראָפּגעהאָנגען אַ שטריק, וואָס זיין עק איז פאַרפאַלן געוואָרן אין די טיפענישן פון ים.

האָט ער געפּרוווט שלעפּן דעם שטריק, איז דער שטריק זייער שווער געגאַנגען. ראַנסאָם האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן און האָט זיך צעלאַכט.

„וואָס קען דאָס זיין?"—האָט ער געפרעגט און בעת-מעשה געקוקט דאָ אויף אונדז און דאָ אויפן קלאָץ.

נאָכדעם האָט ער צוגעגעבן:

„מסתמא טאַקע אַ וואַלפיש, אַזוי זעט עס אויס! איך מאַך מיר אַזאַ השערה: דער „היילענדער-אַבערדין" איז ערשט נישט לאַנג דאָ געווען און דאָס קלעצל טובלט זיך אין וואַסער גאָר אַ קורצע צייט. אַנישט, וואָלט דאָך דער ריז אַרויסגעשווומען פון ים? ער האַרף דאָך אָטעמען אויך? ווי מיינט איר, גרעמעל?"

דער אַלטער שטייערמאַן האָט אַריינגעטשאַמקעט:

„איך מיין אויך אַזוי, מיטטער ראַנסאָם. דער שטריק מוז זיך ענדיקן מיט אַ וואַלפישל, געזונט זאָל ער מיר זיין!..."

דאָס, וואָס דאָ איז נישט לאַנג געווען אַ שיף מיט מענטשן, מיט האַרפונעס, מיט אַרבעט, האָט אונדז עפּעס מאָדנע אויפגעמונטערט.

„קומט מען דאָך דאָ יאָ מיט שיפן!"—האָט עמעץ פון אונדז געזאָגט.

„וואָס דען?"—האָט דער אַלטער גרעמעל געטשאַמקעט.—

מיר וועלן נאָך אַמאָל אויך אויסגעלייזט ווערן!... מיינט נישט, אַז דער הימל לאָזט זיך שוין אַראָפּ אויף דער ערד. נאָר פריער מוז מען זיך אַ ביסל צומוטשען, פאַרשטייט איר מיך...״

„איך האָב אַ פּלאַן!״—האָט ראַנסאָם פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן.—„ס׳איז אפילו אַ גאַנץ מאָגערער פּלאַן, אָבער ער טויג זיך פאַר אונדז. מיר וועלן צופעסטיקן דאָס קלעצל מיטן שטריק צו אונדזער שיפל. אַזויאַרום וועלן מיר שטיין אויפן אַנקער. דער שטורעם, וואָס איז דאָ אַזאַ אָפּטער גאַסט, וועט אונדז שוין אַזוי נישט שרעקן. אויסערדעם, איז דאָך בעסער צו שטיין אויף איין אָרט, איידער זיך אַרומצושלעפּן אָן אַ ריכטונג. אָ, די ריכטונג האָט אונדז שוין געקאָסט גענוג כוחות און נערוון. גענוג! איצט וועלן מיר רויק שטיין!...״

אַזוי ווי קיינער האָט נישט געהאַט וואָס איינצווענדן קעגן דעמדאָזיקן פּלאַן, האָט מען אים טאַקע באַלד אויסגעפירט: דאָס קלעצל מיטן שטריק זענען צוגעפעסטיקט געוואָרן צום שיפל...

איצט איז דאָס שיפל געשטאַנען אומבאַוועגלעך אויפן וואַסער. דאָס איז געווען אַ בייס, אָן אויפטו. דער עולם האָט אַוועקגעוואָרפן די רודערס, מען האָט זיך רעכט אויסגערוט.

איך האָב פאַוואָליע גענומען שלעפן דעם שטריק פון וואַסער: ער איז נישט געגאַנגען!

ווער האָט אים פאַרהאַלטן? אָדער ווער האָט ער פאַרהאַלטן?

און גרעמעל האָט געלאַכט:

„דער ים האָט זיך מרחם געווען איבער אונדז און האָט אונדז צוגעשיקט אַן אַנקער... דער ים איז אַמאָל אַ בעל־רחמים אויך, מען קען נישט זאָגן...״

דאָס וועטער איז אָבער מיטאַמאָל קאַליע געוואָרן.

אַ גרויסע כמאַרע האָט זיך אויסגעשפּרייט אויפֿן הימל, דער ווינט האָט אָנגעהייבן צו פּייפֿן, די כוואַליעס זענען באַצוויגן געוואָרן מיט שוים...

דער שטורעמפֿייגל איז אַדורכגעפֿליגן איבער אונדזערע קעפּ מיט פֿריידיקע געשרייען.

„עהע!"—האָט דער אַלטער שטייערמאַן אַ טשאַמקע געטאָן מיט די ליפּן און פֿאַרבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט.—דער פֿעטער שטורעם קלאַפּט אין טיר. ווען איך וואָלט איצט געווען בכוח, וואָלט איך אים נישט אַריינגעלאָזט אין שטוב, וואָרים ער איז מיר נמאס געוואָרן. אַ צו אָפֿטער גאַסט ווערט תּמיד נמאס. איך וואָלט אָבער געוועט אַ בעלן צו זען, ווי אַזוי ער וועט זיך איצט אויפֿפֿירן מיט אונדז. מיר האָבן דאָך עפּעס אַן אַנקער..."

דער שטורעם האָט זיך אָבער נישט געאײַלט, ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם. לאַנגזאַם האָט ער געהייבן די כוואַליעס, לאַנגזאַם האָט ער, פֿייפֿנדיק, שפּאַצירט מיטן ווינט...

די גרויע לאַטע אויפֿן הימל איז ערטערווייז געוואָרן געלעכערט און האָט אַדורכגעלאָזט אַ סך זון און ליכט.

„ווי מיינט איר, גרעמעל,"—האָט ראַנסאָם געפֿרעגט,—דער שטריק וועט אויסהאַלטן? ער וועט זיך נישט איבעררייסן, ווען דער שטורעם וועט זיך פֿאַרשטאַרקן?"

„וועט אויסהאַלטן, אויסהאַלטן!" — האָט דער אַלטער געזאָגט.—„אונדזער שיפֿל איז אַ קליינס און דער שטריק איז דאָך אַ האַרפּון־שטריק, איינן! מיט אַ גרויסער שיף איז עפּעס אַנדערש."

ראַנסאָם, וואָס האָט קיינמאָל נישט גערוט — נישט מיט די הענט און נישט מיט די רעיונות, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צום ים, אַריינגעקוקט אין וואַסער אַריין, געקנייטשט אַ לאַנגע צייט

מיטן שטערן און געזאָגט:

„איך בין אַ בעלן אויסצומעסטן דעם ים... מיר שיינט, אַז דאָ איז נישט טיף... און אויב דער שטריק איז באמת אַ שטאַרקער, וועלן מיר פּאַוואָליע אַרויסשלעפּן דעם וואַלפיש...“

„פאַרוואָס מיינט איר, אַז דאָ איז נישט טיף?“—האָט גרעמעל געפרעגט.

„ווייל דער שטריק איז שטאַרק אָנגעצויגן און דאָס קלעצל ליגט אויפן וואַסער. ווען דאָ וואָלט באמת געווען טיף, וואָלט אים דער שטריק אַראָפּגעשלעפּט אויף צענדליקער, צי הונדערטער מעטער אין ים אַריין.“

„מיט וואָס וועט איר אָבער אויסמעסטן דעם ים?“

„מיטן לאָט. האָבן מיר דאָך עפּעס אַ לאָט אין שיפל, וואָס ליגט די גאַנצע צייט אָן אַ שטאָך מלאכה. לאָמיר אים אקארשט נעמען אין דער אַרבעט אַריין.“

„איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז מיר האָבן אַ לאָט,“—האָט זיך דער שטייערמאַן געחידושט.

מען איז באַלד צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. די טיפקייט איז אויסגעמאָסטן געוואָרן.

„אינגאַנצן זיבנאונפערציק בראַס!“—האָט ראַנסאָם געמאָלדן, אַרויסשלעפנדיק דעם לאָט פון וואַסער.—„דאָס איז דאָך גאָרנישט טיף. אויב אַזוי, וועלן מיר אַרויסשלעפּן דעם וואַלפיש! דאָס איז נישט קיין שווערע אַרבעט. ווי מיינט איר, גרעמעל?

„אָט איך ווייס, וואָס איך מיין?...“—האָט יענער צוגעטשאַמקעט און פאַרבויגט דעם קאָפּ אויף אַ זייט.

דער שטורעם האָט זיך אָבער פּלוצלונג געשטאַרקט.

די כוואַליעס האָבן זיך אויפגעהייבן און האָבן גענומען זינגען זייער שרעקלעך ליד.

עס איז אַוועק אַ פּייפן פון ווינט און אַ זינגען פון כוואַליעס.

דאָס ליכט אין הימל האָט זיך אויסגעשלאָשן.

פון מינוט צו מינוט האָבן זיך געשטאַרקט די כוחות פון ים.

אָט איז די ערשטע געזאַלצענע כוואַליע אַריבערגעשפּרונגען איבער אונדזערע קעפּ און האָט אונדז מכבד געווען מיט אַ קאַלטער וואַנע, און אָט שפּרינגט אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע...

דאָס שיפל איז אָנגעפילט מיט וואַסער, דער עולם איז צעמישט.

„שעפּן דאָס וואַסער! שנעל! איילִיק!״—האָט געקומען קלינגען ראַנסאָמס שטים מיט יענער גוט באַקאַנטער נאָטע, וואָס האָט פאַרציילט פון געפאַר.—אַרבעטס! אַרבעטס! דאָס וואַסער געשעפּט!״

איצט האָט ער שוין נישט געשריען „גלייכגעוויכט!״ דאָס שיפל האָט זיך געוויגט אויף איין אָרט, צוגעפעסטיקט צו זיין אייגנאַרטיקן אַנקער, אָבער די כוואַליעס זענען אונדז באַפאַלן פון אויבן.

עס איז דאָך געווען זיכער מיטן „אַנקער״. עס האָט אויסגעוויזן, ווי מיר וואָלטן געהאַט אַ באָדן אונטער די פיס, אַ באָדן אין אַ כאַאָס, ווען אַלץ פּלאַצט, צעשפּרינגט און צעפאַלט.

דער שטריק האָט זיך פעסט געהאַלטן דעם גאַנצן טאָג און אַ שטיק אין דער נאַכט אריין. די צעבושעוועטע כוואַליעס האָבן אים נישט געריהרט פון אָרט. אָבער מיר האָבן געהאַט אַ בעוואַלדיקע שווערע אַרבעט מיטן אויסשעפּן דאָס וואַסער, וואָס האָט ווײלעוויַיז אָנגעפילט דאָס שיפל ביז די ברעגן.

אַלע האָבן געאַרבעט, מען האָט זיך פּשוט אַרויסגעשלאָגן

פון די כוחות. עמעץ איז געבליבן זיצן אָן באַוועגונג.

„איך קען שוין נישט מער...״—האָבן געשעפּטשעט זיינע ליפּן.

ראַנסאָם האָט אָבער אַלץ געיאָגט, געטריבן, נישט געלאָזט אָפּציען דעם אָטעם.

מען האָט געמוזט באַפרייען דאָס שיפל פון וואַסער.

עס איז געווען אַ משונהדיקע אַרבעט: דער ים האָט מיט איין כוואַליע אויפגעטאָן מער, איידער מיר מיט אַלע צוועלף הענט! מיר שעפּן און שעפּן דאָס וואַסער, אָבער דער ים שיקט אונדז צו איין כוואַליע, און מיר דאַרפן אָנהייבן פונדאַסניי...

ראַנסאָמס קול האָט זיך פּלוצלונג ווילד אַריינגעשניטן אין דער מוראַדיקער פּאַטשעריי פון די כוואַליעס:

„חברים, דער שטריק איז שוין מער נישט אָנגעצויגן! אָדער ער האָט געפּלאַצט, אָדער דער האַרפּון איז אַרויסגעפלויגן פון וואַלפיש!... מיר האָבן קיין אַנקער נישט מער! איך מוז מודה זיין: די געפאַר איז אַן ערנסטע...״

באַלד דערויף האָבן מיר דערהערט גרעמעלן:

„אַ טעות, מיסטער ראַנסאָם, דער וואַלפיש איז מסתמא אַרויף אויפן וואַסער! איך האָב שוין געזען אַזאַ פאַל. ווער עס האָט אויגן, דער וועט אפילו זען אינדערפינסטער...״

„אָבער דערווייַלע, וואָס טוען מיר?״—האָט עמעץ געפרעגט.

„אַ טייל זאָל שעפּן דאָס וואַסער און אַ טייל זאָל שלעפּן דאָס שטריקל אין שיפל. מיט גוטער געשיקטער אַרבעט וועלן מיר אויסמיידן אַלע צרות און שלעק!״—האָט ראַנסאָם געשריען.

דער אַלטער שטייערמאַן האָט אַ געשריי געטאָן:

„אָט איז דער ריז, איך זע אים! ער איז דאָ, דער חברה־מאַן!"

האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן מיט אָנגעשטרענגטע אויגן צו דער רעכטער זייט פון שיפל.

אינם חושך, וואָס איז שוין געווען דורכגעלכערט מיט שפּיזעלעך באַגינען־ליכט, האָבן מיר דערזען אַ גרויע מאַסע, וואָס האָט זיך משוגע אומגעוויגט אויף די קאָכעדיקע כוואַליעס פון ים...

אין דערדאָזיקער מאַסע האָט זיך עפּעס ווי געבלעזלט, געפּייפט און געריסן, פּונקט ווי הינטן וואָלטן אַרומגעשפּאַצירט אין איר...

אַריבערגעבויגן די קעפּ צו אָט דער אויסטערלישער פּייפעדיקער מאַסע, האָבן מיר אָנגעשטרענגט די אויגן ביז ווייטיק און בעת־מעשה אינגאַנצן פאַרגעסן אין שטורעם, אין דער גרויסער סכנה, וואָס לויערט אויף אונדז פון אַלע זייטן.

מאַנכע האָבן מעכאַניש געשעפּט דאָס וואַסער, און דעם קאָפּ אויסגעדרייט צום וואַלפיש.

גרעמעל האָט געזאָגט:

„דאָס וואַלפישל איז שוין טויט פון עטלעכע טעג... עס הייבט שוין אָן צעפּאַלן... די גאַזן, וואָס קומען פון צעפּאַלונג, האָבן אים אויפגעהייבן פון דנאָ, איר פאַרשטייט? דאָס וואַלפישל איז לייכטער געוואָרן... און דאָס, וואָס עס פּייפט אין אים, איז עס אויך פון די גאַזן... אַלץ די גאַזן!"

ראַבנסאָם האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט אין שטורעם אַריין.

„אויב דער ריז איז שוין נישט מער אונדזער אַנקער,"—

האָט ער געזאָגט, —„וועט ער אָבער זיין אַ מחיצה צווישן אונדז און דעם שטורעם. זיין הילף איז נישט אָפּצעשאַצן. איך גלויב שטענדיק אין גוטן צופאַל. אָט איז ער! אָט די גראָע מאַסע איז אונדזער רעטונג, אונדזער האַפן, אונדזער פעסטונג. וואָס קען אונדז געשען הינטער זיינע פּלייצע? ער וועט אונדז פאַרהיטן פון אַלדאָס בייז!"

ראַנסאָמס ווערטער האָבן אונדז געקלונגען אַזוי שטאַרק און וואָרהאַפטיק, ווי דאָס ווילדע ברויזן פון ים אין דער דאָזיקער שטורעמדיקער נאַכט.

הילף! הילף!

דער טויטער וואַלפיש, וואָס איז געלעגן האַרט פאַר אונדזער שיפל, האָט אונדז באמת מציל געווען אין דערדאָזיקער זאַוויערוכע פון כוואַליע און ווינט. ער האָט פאַרהאַלטן די הויכע לויפנדיקע כוואַליעס, וואָס זענען צעקלאַפּט גסוואָרן אָן זיין רוקן, און האָבן אַזויאַרום נישט דערגרייכט צו אונדזער אויסגעמוטשעטן און קרעכצנדיקן שיפל.

מיר האָבן איצט געקענט אָפּרוען, די מורא פאַרן שטורעם איז אָפּגעטראָטן.

אין יעדן איינעם פון אונדז האָט געלעבט די האָפענונג, אַז קוים האָבן מיר אויסגעהאַלטן די נאַכט, וועט אונדז שוין קיין שום בייז ווייטער נישט געשען און קיין שום רוח פון די פייפעדיקע שטורעם־רוחות וועט אונדז שוין נישט בייקומען.

נאַסע, אויסגעפראָרענע, אויסגעהונגערטע און אויסגעפּייניקטע, האָט דאָך קיינער פון אונדז נישט אַראָפּגעלאָזט די

הענט, נישט צוגעמאַכט מיט אַן אויג, נישט אָפּגעקרעכצט. אַז מען קען בייקומען אַ גרויסע סכנה, דערשפּירט מען נישט בלויז אַ פרייד און אַ תּענוג אין דער נשמה, נאָר אויך (איר מעגט אייך לאַכן פון מיר) אַ זאַטקייט אין מאָגן...

און אָט אין דער מינוט איז אונדז געווען גוט און היימלעך און פריילעך.

אויפן ים האָט געטאָגט.

די גאַכט האָט זיך ביסלעכווייז אַוועקגערוקט, אָבער אָן דעם שטורעם.

דער ים האָט נאָך אַלץ איינגעריסן וועלטן. הויכע כוואַליעס, געפּירט פון פייפעדיקן ווינט, זענען באַפאַלן איינאַנדער און האָבן זיך אויסגעגאָסן מיט אַזא רעש, מיט אַזאַ געבריל און פּאַטשעריי, אַז מען האָט געקענט טויב ווערן.

און איבערן גאַנצן שטח פון ים, ווי ווייט דאָס אויג האָט בעגרייכט, האָט זיך געזען אַ גאַנג פון הויכע כוואַליעס מיט ווייסע שוימיקע קעפּ, פונקט ווי געוואַלדיקע אַרמייען, וואָס וואַרפן זיך אין אַן אַטאַק.

אָבער אַרום אונדז איז געווען רויק, ווי אויף אַ קליין אינדזעלע...

גרעמעל, וואָס האָט אויסגעזען אינם גרינעם באַגינען־ליכט, ווי אַן אַלטער נאַסער שד, וואָס האָט שוין, צוליב זקנה, באַקומען דעמיסיע ביי די שדים, האָט זיך אָנגעבויגן צו אונדז און געפרעגט:

„צי קען מיר עמעץ פון אייך זאָגן, פאַרוואָס איז שטיל אַרום אונדז? פאַרוואָס איז אָט דאָס שטיקעלע אָרט רויק אין דעמדאָזיקן גיהנום? יאָ, מיסטער ראַנסאָם ווייס עס מסתּמא זיכער און גענוי, אָבער איר, ליידאַקעס, פּעפּער און לײדיקגייער,

פאַרוואָס זאָלט איר עס נישט וויסן?״

„דער וואַלפיש...״ — ד׳האָט עמעץ פון אונדז אַ מורמל געטאָן.

„דער וואַלפיש! דער וואַלפיש!״—האָט אים גרעמעל גוט־מוטיק איבערגעקרימט.—„וואָס דער וואַלפיש? קוקט בעסער אויפן וואַסער... זעט איר, ווי דאָס וואַסער איז פעט ? דאָס איז אייל פון דעם ריז... דאָס אייל האָט זיך אויסגעגאָסן... און דאָס אייל האָט געשטשעמעט די כוואַליעס אַרום אונדזער קאַלאָש, כ׳מיין שיפל... דאָס וואַסער אַרום אונדז מעג זיך איצט בונטעווען און שרייען און וואַרפן און קאָכן און זידן, וועט עס אַלץ בלייבן אומבאַהאָלפן, ווייל עס ליגט ביים אייל אין די הענט און איז שטאַרק געשטשעמעט פון אים... דאָס אייל איז ווי אַ שווערע קאָלדרע, וואָס מען וואַרפט אַרויף אויף אַ קופּע פעדערן, וואָס הייבט זיך אויף פון ווינט... די קופּע פעדערן וועט זיך שוין מער נישט בונטעווען, זי וועט ליגן און שווייגן. איר פאַרשטייט? אָט דאָס הייסט די ווירקונג פון אויסגעגאָסענעם אייל אין אַ צייט פון אַ געוויטער. איר מעגט אייך איבערגעמען : דער אַלטער גרעמעל האָט אייך געגעבן אַ קורצע, אָבער אַ פיינע לעקציע אָן אַ גראָשן געלט... נישט וואָר, מיסטער ראַנסאָם?״

מיסטער ראַנסאָם האָט אים אָנגעפּאַטשט אין פּלייצע און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דער אַלטער שטייערמאַן האָט זיך אויסגעבויגן און זיך פאַרקרימט...

„אָ, האָט איר אַ האַנט, אַ הענטעלע...״ — האָט ער געזאָגט.—„נישט פון ביין און פלייש, ווי גאָט האָט זי באַשאַפן, נאָר פון הארטן אייזן, ווי דער רוח ד׳האָט זי, קענטיק, געמאַכט...״

„אַ קליין פּעטשעלע האָב איך אייך געגעבן,״—האָט ראַנ־

סאָם געשמייכלט. — „עס שאַדט נישט.״

„יאָ, אַ קליין פּעטשעלע...״ — האָט אים דער אַלטער אי-בערגעקרימט מיט חוזק.

מיר האָבן זיך צוגעקוקט צום וואַסער. ווי אַ דיקער געל-גראָער פלעק איז דאָס אייל ברייט געלעגן אויף אים און האָט אים נישט געלאָזט זיך באַוועגן, און מיר האָבן זיך באמת גע-שפּירט, ווי אויף אַ קליין רויק אינדזעלע אין דער ווילדער מהומה פון כוואַליעס און שטורעמווינטן.

אמת, דער וואַלפיש אַליין איז נישט געווען אַזאַ אַנגע-נעמער שכן...

ער האָט שוין געפוילט, און דער שווערער ריח פון Sui generis האָט אונדז טיילמאָל אַזוי געשטיקט, אַז עס האָט געקערט צום ברעכן...

אָבער אין פאַרגלייך מיטן שטורעם און מיט דער גרוי-סער סכנה, וואָס האָט אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, איז עס געווען נישט מער ווי אַ קליינע אומאַנגענעמלעכקייט...

מען האָט נאָך געקענט אויסהאַלטן.

„אַט איצט וואָלט זיך געפּאַסט אַ גוט גלעזעלע משקה...״ — האָט גרעמעל אַריינגעטשאַמקעט. — „וואָס זאָגט איר, מיסטער ראַנסאָם? אפשר האָט איר נאָך ליגן אין אייערע פאַרבאָרגענע אוצרות אַ קליינטשיק טיילכעלע פון דערדאָזיקער גאָט-געבענטש-טער פליסיקייט? אייער עשירות האָט דאָך קיינמאָל נישט קיין גרונט...״

„ניין, ליבער גרעמעל,״ — האָט ראַנסאָם געזאָגט, — „מיינע אוצרות האָבן זיך שוין אויסגענומען. מיר שטעקן שוין צופיל אין ים! עס האָט שוין געמעגט נעמען אַ סוף.״

„ווי מיינט איר, וועט טאַקע נעמען אַ סוף?״ — האָט דער

אַלטער געפרעגט.

ראַנסאָם האָט געזאָגט:

„מיר וועלן זען, וואָס דער הייניטיקער טאָג וועט אונדז ברענגען."

גרעמעל האָט פאַרבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט און געמאַכט זיין אומשולדיק מינעלע.

„און ווי איז," — האָט ער ווייך־קעציש געפרעגט, — „אַז דער הייניטיקער טאָג וועט אונדז ברענגען דאָסזעלבע, וואָס דער נעכטיקער און דער אייערנעכטיקער? וואָס וועט דעמאָלט זיין?"

מיסטער ראַנסאָם האָט זיך פּלוצלונג אָנגערופן האַרב און ניכטער:

„גרעמעל, איר האָט מורא פאַרן טויט?"

„וואָס הייסט?"

„איר גלויבט, אַז איר וועט דאָ שטאַרבן?"

גרעמעל האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

„ווי אַן אַלטער וואַלפיש־יעגער," — האָט ער געזאָגט, — „מוז איך שטענדיק זיין גרייט צו שטאַרבן אין ים... מיט אונדזערע לייט טרעפט עס עפטער..."

„טאָ וואָס זשע זענט איר אומגעדולדיק?" — האָט ראַנסאָם געפרעגט.

דער אַלטער האָט זיך צעלאַכט.

„נו, דאָס איז שוין די טבע פון מענטשן..." — האָט ער געשמאַקעט. — „עס יאָגט דאָס טריפהנע בלוט: אָדער אַהער, אָדער אַהין... און דער „אַהין" קען זיין דער וועג צום עלטער־זיידן."

מיר האָבן זיך אַלע צעלאַכט.

אויפן ים איז שוין געווען גוט ליכטיק.

די זון איז אויפגעגאנגען, אָבער אַ קראַנקע, אַן אומע־טיקע און אַ שטאַרע, און די כוחות פון שטורעם זענען נישט אָפגעפאַלן...

דער ים האָט זיך נאָך אַלץ געוויגט, אַ בייזער און אַ שרייענדיקער און דער ווינט האָט שפּאַצירט מיט די גייענדיקע כוואַליעס...

ווען וועט ער אויפהערן, דער שטורעם? ווען קומען אַמאָל אַ סוף צו אים?

אַרום אונדז איז נאָך אַלץ געווען רויק, דאָס אייל האָט פעסט געצוימט די נאָענטע כוואַליעס אַרום שיפל. מיר האָבן אויסגעשעפּט דאָס לעצטע ביסל וואַסער פון דנאָ און אויסגע־שטעלט די נאַסע רוקנס אונטער די מאָגערע שטראַלן פון דער זון...

איצט האָט זיך געבענקט נאָך מנוחה, נאָך אַ וואַרעמען פרישטיק, נאָך אַ שנעפּסל...

ראַנסאָם, וואָס האָט זיך בגנבה צוגעקוקט צו אונדזערע טויטע פּנימער, האָט אונדז צוגעוואָרפן:

„איך האָב אַ געזונט האַרץ און איך גלויב אין אים: עס זאָגט מיר, עס רעדט אין מיר, אַז מיר וועלן קיין סך נישט ליידן?...”

„מיר וועלן גיין צו דעם עלטערזיידן?”—האָט דער אַלטער געשפּאַסט.

„ניין, נאָך צו פרי...”—האָט ראַנסאָם געזאָגט.—„פאַר אַלע־מען צו פרי, אפילו פאַר אייך אויך... איך מוז נאָך פאַנגען אויף מיין לעבן אַ וואָסערע הונדערט ריזן. מיט דערדאָזיקער פונקציע בין איך, קענטיק, געבוירן געוואָרן, און איך מוז זי, נאַטירלעך,

אויספירן...״

עמעץ האָט דערמאָנט דעם „פליענדיקן וואַלקן״, דעם קאַפּיטאַן דרינקוואָטער, דעם עלטסטן אָפיציר קאָפּען, און אַ צווייטער האָט באַמערקט:

„אין אַזוינע שטורעמס גייען נישט קיין שיפן... אַלע שיפן זענען אויסגעשטאָרבן... בלויז נאַראָנים און שוואַכמוטיקע קענען נאָך האָפן אויף דער הילף פון אַ שיף.״

ראַנסאָם האָט זיך צעשריען:

„רעדט נישט קיין נאַרישקייטן! עס שמעקט מיט קבר פון דידאָזיקע ווערטער! שעמט אייך!״

און כּדי צו פאַרגלעטן דעם אפיצירס געשרייען, האָט זיך גרעמעל אַריינגעגנבעט מיט אַ חוזק.

„אָ, ווי איך בין איצט מקנא אונדזער קאַפּיטאַן... דרינק-קו—אָט—ערן... ראָם האָט ער, געוונט זאָל ער מיר זיין! איין פלעשעלע ראָם און אַ צווייטס און אַ דריטס... אַ מחיה! ווען ער וואַרפט מיר צו פון דערווייטנס אַ פלעשעלע ראָם, בין איך אים מוחל זיין „פליענדיקן וואַלקן״ און בין מרוצה צו פגרן אין ים, אָט אַזוי ווי איך שטיי און גיי... צי ווייסט איר, וואָס עס הייסט ראָם פאַר אַלטע קאַלטע ביינער?...״

„מיר גלויבן אייך,״—האָט ראַנסאָם געזאָגט.

עס איז נישט געווען וואָס צו טאָן, און עס איז געווען קאַלט. די זון האָט אונדז אַזוי שוואַך געגלעט פון אויבן...

עס האָט זיך געוואָלט עסן.

דאָס ביסל סוכאַרעס—אונדזער גאַנצער פאַרמעגן—איז דאָסמאָל געלעגן אין אַ גוט פאַרמאַכטן פעסל, דאָס וואַסער איז צו זיי נישט צוגעקומען. ראַנסאָם האָט זיי אַרויסגענומען און צוגעציילט.

„ווייניק, ווייניק...״—האָבן געשעפּטשעט זיינע ליפּן,—„אָבער מען מוז זיי דאָך צעגריזשען... עפּעס בעסערס איז נישטאָ.״

יעדער האָט באַקומען אַ פּאָרציע סובאַרעס און דערמיט געשטילט דעם הונגער.

די שטימונג איז אַ ביסל געפאַלן. די קעלט האָט נישט געלאָזט לעבן. דער שטורעם האָט נאָך אַלץ געבושעוועט אין ים. פון בלאַסן הימל ד'האָט אַרויסגעקוקט נאָך אַ בלאַסערע זון.

דער אַלטער גרעמעל האָט געזאָגט:

„נו, יאָ... אַ לעבן, ווי אַ לעקעך...״

ראַנסאָם האָט זיך אויפגעהייבן אויפן פעסל מיט די ים-גלעזער אין האַנט.

אַ כאַפּ געטאָן מיטן אויג דעם ים פון אַלע זייטן, איז ער אַראָפּ פון פעסל און זאָג געטאָן צו גרעמלען:

„זענט אייך מטריח, גרעמעל, שטעלט אָן אייערע יונגע אויגן אויפן ים.״

דער אַלטער איז, קרעכצנדיק, אַרויפגעקראָכן אויפן פעסל.

„אַ נעכטיקער טאָג,״—האָט ער געשמאַקעט.—„ס'געווי-טערל, ס'ליבע געוויטערל, נישט מער... דער גרויסער גאָט האָט פאַרגעסן אין אַלע שיפן און אַלע שיפן האָבן פאַרגעסן אין אונדז... פאַרגעסענע מענטשן לעבן אַ פאַרגעסענעם וואַלפישל... כע-כע!״

פלוצלונג האָט זיך ראַנסאָם אַ קער געטאָן צו מיר.

„מעסי״,—האָט ער געזאָגט,—„איך וויל נאָכאַמאָל אויס-פּרובירן אייער אויגן... איר זעט בעסער פון אונדז אַלע... נו, קריכט נאָר אַרויף אויפן פעסל...״

זיין ווענדונג צו מיר האָט מיר שטענדיק געשמייכלט. אָך, ווי איך האָב ליב געהאַט דעמדאָזיקן באַוועגלעכן און הייסן מענטשן, כאָטש ער האָט מיך נישט איינמאָל אויסגעשטעלט פאַר אַזוינע גרויסע סכנות.

מיט איין שפּרונג בין איך שוין געווען אויפן פּעסל און — עס האָט מיר געגליקט! - באַלד ביי דעם ערשטן שאַרפן בליק אויף די אויפגעברויזטע כוואַליעס האָב איך דערזען אַ שיף...

„אַ שיף! אַ שיף!" — האָב איך געגומען קלאַפּן מיט די פיס אין פּעסל און שרייען נישט מיט מיין קול.

„אַ שיף?" — האָט מיך ראַנסאָם אָנגעכאַפּט ביי די לענדן. — „וואָס רעדט איר?"

די חברים זענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער.

„וואָס פאַר אַ שיף?" — האָט ראַנסאָם ווידער געפרעגט. — „רעדט ווערטער."

„אַ שיף!" — האָב איך צעמישט געשריען.

„אַן אָקרעגט, צי אַ שונער?"

„אַ שונער!" — האָב איך געשריען. — „אַ גרויסער שונער!"

דער עולם איז אַ ביסל געפאַלן אין זיין התפעלות: מען האָט לכתחילה געמיינט, אַז ס'איז דער „פליענדיקער וואָלקן".

ראַנסאָם האָט געזאָגט:

„מעסי, גייט נאָר אַראָפּ, לאָמיר אַליין זען, וואָס איז עס פאַר אַ שיף, עס שמעקט דאָך עפּעס מיט הילף!"

ראַנסאָם איז אַרויף אויף מיין אָרט און האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן ים מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגן.

„ביי גאָט!" — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — „דאָס איז די האָלענדישע וואַלפיש־שיף, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין דעם „האָלצצייכן"!.. איך דערקען עס פון דערווייטנס! דאָס איז

עס, יאָ, און עס דערנעענט זיך צו אונדז !"

עס האָט זיך ווידער אָנגעהייבן די אַלט-באַקאַנטע פּיינלעכע זאָרג וועגן דעם, צי די שיף וועט אונדז באַמערקן פון דער-ווייטנס...

איך האָב מיך דערמאָנט אינם האַרטן קאַלטן פעלז פון דער פּאָל-יבשה און דעם „פּליענדיקן וואָלקן..."

אויך דאָ האָט אונדז אַרומגעכאַפּט אַ פּיינלעכע אומרויקייט, פּונקט ווי אַ שטורעמווינט און האָט אונדז נישט געלאָזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

עמעץ האָט געשריען:

„מען וועט אונדז אַוודאי נישט באַמערקן? אָט וועלן מיר האָבן אַ וויסטן סוף!"

די שיף איז אָבער געגאַנגען צו אונדז. זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם און שווער — דער שטורעם האָט געצווימט „אירע טריט". אויב מען וועט אונדז נישט באַמערקן, וועט מען אָבער מוזן באַמערקן דעם לויתן, וואָס האָט זיך געוויגט לעבן אונדז, ווי אַ הויכער באַרג.

„מען דאַרף אַרויסהענגען אַ פענדל,"—האָט ראַנסאָם געזאָגט.—„מיט אַ פענדל וועלן מיר זיך וואַרפן בעסער אין אויג. אין אַזאַ געוויטער זעט מען שוואַך."

אויפן שפּיץ פון מאַסטבוים איז אַרויפגעצויגן געוואָרן אַ פענדל. דער ווינט האָט עס באַלד אַ כאַפּ געטאָן מיט די גי-ריקע פינגער און האָט גענומען שמייסן דערמיט אין דער לופטן, ווי מיט אַ בייטש.

די שיף ד"האָט אונדז אָבער נישט געענטפערט אויפן פענדל.

אפשר זעט מען אונדז נישט פון דאָרט?

יאָ, די שיף, זעט אויס, גייט אַזוי ווי צו אונדז, אָבער ס'אַמער נאַרן מיר זיך און זי גייט גאָר אין אַנדער ריכטונג און וועט אונדז נישט באַמערקן?

דאָס איז געווען אַ פראַגע, וואָס האָט ווילד אַרומגעטאַנצט אין אונדזערע הייסע צעמישטע קעפּ...

די אויפרעגונג איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. די שיף האָט זיך פּלוצלונג גענומען דערווייטערן פון אונדז.

„וואָס הייסט עס? איך פאַרשטיי עס נישט!"—האָט ראַנ־סאָם געריעדט מיט פאַרדריקטע קינבאַקן.—„מען באַמערקט אונדז נישט? עס קען נישט זיין! דאָס מוז זיין עפּעס אַ שפּיצל..."

מיט אויסגעצויגענע העלדזער זענען מיר אַלע געשטאַנען און אויסגעקוקט אויף דער שיף. איצט האָבן מיר זי דייטלעך געזען. ראַנסאָם האָט זיך נישט טועה געווען. דאָס איז טאַקע געווען די „היילענדער" פון אַבערדין, מיט וועלכער מיר זענען טיילמאָל געגאַנגען אין שכנות אין דעם פּאַל־אָקעאַן...

איצט האָט זי זיך אַזוי ווי דערווייטערט פון אונדז...

ראַנסאָם האָט זיך עפּעטער געפּאַטשט אין שטערן און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אַ מענטש, וואָס אַרבעט איבער אַ שווערער פראַגע, און דער אַלטער גרעמעל האָט געזאָגט:

„דאָס מאַנעווירן זיי אַזוי צוליבן געוויטער... און זיי האָבן אונדז אויך באַמערקט. זיי האָבן דאָך געמוזט באַמערקן אַ פינטעלע רויקייט אין דעמדאָזיקן כאַאָס!..."

„אַ מאָדנער מאַנעוור!"—האָט ראַנסאָם געברומט.—„מיר חילן עסן, מיר זענען טויט־הונגעריק, די נאַסע מלבושים פרעסן אונדז דאָס לייב און זיי מאַנעווירן!.. דער רוח זאָל זיי נעמען!"

די שיף איז אָבער אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון די אויגן.

„אַך!“—האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פּיינלעכער געשריי ביי עטלעכע חברים מיטאַמאָל, פּונקט ווי מען וואָלט זיי געשטאָכן דאָס לייב מיט אָנגעברענטע שפּיזן.

דער אַלטער גרעמעל האָט זיך פאַרקרימט:

„שאַ! שרייט נישט אַזוי, יונגע צוציקעס, וואָס איר זענט! איר פאַרשטייט דאָך גאָרנישט, וואָס דאָ געשיט. אָט, וואָס מיסטער ראַנסאָם איז אַזוי אומגעדולדיק—דערויף חידוש איך מיך יאָ אַ ביסל... נאָר מיסטער ראַנסאָם וויל דאָך עסן, דער הונגער פּייניקט אים, איז ער מסתמא זייער ברוגז אויפן קעלנער, למאי יענער דערלאַנגט אים נישט אַזוי שנעל...“

דער אַלטער גרעמעל האָט זיך געוויצלט. קיינער האָט אים נישט געענטפערט. די אויגן האָבן נאָך אַלץ מיט ווייטיק געקוקט אין יענעם ווינקל, וווּ די שיף איז פאַרשוווּנדן.

אין אַ צען מינוט אַרום אָבער האָט זיך די שיף ווידער באַוויזן. איצט איז זי געגאַנגען לייכטער און זיכערער און איז אויסגעוואַקסן אין אונדזערע אויגן.

אַן אויסגעצייכנטער שונער, אַ הויכער, אַ ברייטער מיט פעסטע בולטע זייטן: דער „היילענדער“ פון אַבערדין...

מען דאַרף זיך פריער גוט אָנוואַלגערן אין ים, ווי מיר האָבן זיך אָנגעוואַלגערט! מען דאַרף קענען בענקען נאָך אַ גלאָז טיי, נאָך אַ טעלער זופּ, נאָך אַ טרוקענעם מלבוש, ווי מיר האָבן געבענקט, אַז מען זאָל קענען געניי פילן דאָס, וואָס מיר האָבן געפילט, צוזעענדיק מיט ברייט־ויפגעריסענע אויגן, ווי דער „היילענדער“ דערנענט זיך צו אונדז...

די חברים האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, ווי אויף אַ פאָרשטעלונג און געשריען „הוראַ!“, און פון דאָרטן האָט מען געפּאַכט צו אונדז מיט אַ ווייס פענדל...

און דער אַלטער גרעמעל האָט נאָך אַלץ געהוזקט:

„זעט נאָר, ווי די צוציקעס האָבן זיך צעיושעט!..“

דער „היילענדער“ איז געגאַנגען צו אונדז אונטער דער לאַסט פון שטורעם. ער איז געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ שיכּורער, און טיילמאָל איז ער געפאַלן אויף אַ זייט. אַלע גלידער האָבן אים געציטערט...

ערשט איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער איז פריער פאַרשוווּנדן: ער האָט אויסגעמידן אַ קליינעם שטח פון זיילן־כוואַליעס, וואָס זענען געשפּרונגען מיט רציחה צום הימל...

דער קאַפּיטאַן האָט אָבער געהאַלטן פעסט די שיף אין זיינע הענט! מיר האָבן עס געפילט פון ווייטן אין אונדזער קאַלאָש... ער האָט קונציק מאַנעווּרירט, געגאַנגען צוריק און פאָרויס און קרייזאַרטיק און האָט זיך געראַנגלט מיט די כוואַליעס, ווי אַ העלד.

אפילו דער אַלטער גרעמעל, וואָס האָט ליב געהאַט פון אַלץ צו הוזקן, האָט, פאַרזשמורענדיק די שאַרפע חיהשע אויגעלעך, זיך שטיל אַנטציקט:

„דער קאַפּיטאַן קען די מלאכה, זאָל איך שוין אַזוי לעבן!...

„יאָ, דער „היילענדער“ אַרבעט נישט שלעכט,“ — האָט ראַנסאָם באַשטעטיקט.

די שיף איז צוגעגאַנגען נאָענט צו אונדז. פון ביידע זייטן האָט מען געשריען, זיך באַגריסט, געפאָכט מיט די הענט, מיט פענדלעך. מענטשן האָבן געלאַכט צו אייגאַנדער מיט אָפּגעברענטע באַבערדלטע פּנימער און ווייס־בלישטשעדיקע ציין.

דער „היילענדער“ האָט אונדז צוגעוואָרפן אַ שטריק. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ שווערע אַרבעט. מיר האָבן נישט גע־

קענט אַרויסקריכן פון אונדזער שטייענדיקן וואַסער.

דאָס אייל האָט אונדז נישט אַרויסגעלאָזט און נישט צו־געלאָזט דעם „היילענדער" צו אונדז.

פון ביידע זייטן האָט מען געשוויצט, זיך אָנגעשטרענגט מיט די לעצטע כוחות.

טיילמאָל האָט זיך אַרייגעמישט דאָס געוויטער און האָט אונדז צעשיידט אַקוראַט אין דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך געקענט אַריבערוואַרפען אויפן „היילענדער".

ראַנסאָם איז געשפּרונגען פון דער הויט, גרעמעל האָט זיך געקראַצט אין פּאַטילניצע און פאַרבויגט דעם קאָפּ אויף אַ זייט.

ראַנסאָם האָט געוויזן, ווי אַזוי מען זאָל אַרויסרודערן פונם אייל, און אַז מען האָט אַזוי געטאָן און צום צענטן מאָל זיך דערגענט צום „היילענדער", האָט ער אַ געשריי געטאָן, מען זאָל פון דאָרט אָראָפּלאָזן נאָך אַ שטריק.

דער ערשטער איז געגאַנגען דער אַלטער גרעמעל, און ראַנסאָם האָט געלאַכט. ער האָט אים אַרומגעבונדן מיטן שטריק און דער „היילענדער" האָט אים גענומען שלעפּן, ווי אַ געהאָנגע־נעם, אויפן שיפדעק.

אויף דעמזעלבן שטייגער האָט מען אַרויפגעשלעפּט יעדן איינעם פון אונדזער אָרעמען קאַלאָש... (ניין, דאָס שיפל האָט דאָך פאַרדינט אַ שענערן נאָמען!).

דער לעצטער איז געגאַנגען ראַנסאָם !...

מען מוז מודה זיין: דעראָזיקער מענטש האָט אונדז גע־קענט אַריינוואַרפן אין פייער, ער האָט אונדז אָבער אויך גע־קענט אַרויסראַטעווען פון דעם גרעסטן אומגליק. נאָך אַזאַ

דרייסטן און בראָחן מענטשן האָב איך אין מיין לעבן נישט געזען.

איך קען אייך גאָרנישט שילדערן די שמחה און דעם תענוג, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, בשעת אונדזערע זעקס אָרעמע נפשות האָבן זיך מיטאַמאָל דערזען אויף אַ גרויסער געררוימער שיף, ווו מען האָט געקענט כאַפּן אַ שנעפּסל, אויס-טריקענען די מלבושים, זיך אָרומוואַשן מיט וואַרעם וואַסער און זיך אויסרוען אויף אַ ברייטן מאַטראַזישן געלעגער!

ווי ביי-געבוירענע האָבן מיר אַרומגעטאַנצט איבערן שיפּ-דעק און האָבן נישט געוווסט, וואָס צו טאָן פון שמחה.

טיילמאָל אָבער האָבן מיר זיך פאַרטראַכט: אויפן זכרון איז געקומען דער וויסטער סוף פון אונדזער שיפל. באַלד ווי מיר האָבן איבערגעוואַנדערט אויפן „היילענדער“, איז דאָס שיפל אויף אונדזערע אויגן צעפּאַטשט און צעק:אַקט געוואָרן פון ווילד-צערייצטע כוואַליעס... עמעץ פון אונדז האָט זיך בעת מעשה צעוויינט.

דאָס שיפל האָט אונדז אויסגעוויזן, ווי אַ לעבעדיק וועזן, מיט וועלכן מיר האָבן זיך פאַרבונדן אויף אייביק דורכן זכרון. אַ לעבעדיק וועזן, וואָס האָט אונדז אַזוי טריי געדינט אין די שווערסטע טראַגישע מעת-לעתן, ווען מיר האָבן זיך מיט וויצן געוואַקלט צווישן לעבן און טויט.

„גלייכגעוויכט! גלייכגעוויכט!“—קלינגט מיר נאָך עד-היום ראַנסאָמס געשריי.

און איצט איז עס אָן רחמנות אונטערגעגאַנגען, צעקלאַפּט און צעממיתט פון די כוואַליעס...

שוין זשע פּילט עס גאָרנישט?

עמעץ פון אונדז האָט זיך דאָך צעוויינט, און מיר זענען

גאָרנישט געווען אַזוי לייכט אויף טרערן...

אַזויאַרום האָט זיך געענדיקט אונדזער ביטערער גלות אויפן ים.

זעקס וואָכן צייט זענען מיר געגאַנגען מיטן „היילענ־דער" ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין האָנאָלולו.

דאָ,ביים קאַפּ דיאַמאַנט, האָט אונדז אַ שיף שטאַרק פאַראינטערעסירט פון ווייטן. מיר האָבן זיך בעסער צוגעקוקט צו איר: דאָס איז געווען אונדזער ליבער „פליענדיקער וואָלקן..."

ביינאַכט האָבן מיר געהערט, ווי עס קלאַפּן שטאַרק זיינע קייטן און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער שטעלט זיך אויפן אַנקער. ער האָט זיך פאַראַנקערט נישט ווייט פון „היילענ־דער..."

עפּעס ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט אונדז אַלעמען אַרומגעכאַפּט! מיר האָבן זיך נישט געקענט באַרויקן. אפילו דער אַלטער גרעמעל, וואָס האָט שוין לאַנג אויפן „היילענדער" דערקוויקט זיינע גלידער מיט הייסן טיי און ראָם, האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און האָט כסדר געשמאַקעט:

„סטייטש, דער „פליענדיקער וואָלקן" שטייט דאָרטן און מיר דאָ? ניין, דאָס טאָר נישט זיין! איך וועל עס נישט אויס־האַלטן אויף מיינע עלטערע יאָרן!"

עמעץ פון די מאַטראָזן פון „היילענדער" האָט זיך אַריינ־געמישט:

„באַרויקט אייך, איר זענט דאָך עפּעס מאַנסלייט, נישט קיין נשים!... וואַרט צו ביז אינדערפרי. אינדערפרי וועט איר אַרויף אויפן „פליענדיקן וואָלקן."

אָבער מיר אַלע האָבן ווי איין מענטש געטענהט:

„ניין און ניין! מען קען ביינאַכט אויך אַרויף אויפן „וואָלקן"...

דער בראַווער קאַפּיטאַן פון „היילענדער", אַ מענטש, וואָס האָט זיך זייער גוט באַצויגן צו אונדז די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אויף זיין שיף, האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

„איך זע, אַז איר זענט זייער הייסע פּאַטריאָטן פון „וואָלקן" און ס'איז מיט אייך גאָרנישט צו מאַכן... איך פאַרשטיי אייך.. נעמט אייך אַ שיפל, וואָס קוקט איר, און מאַרש צום „וואָלקן!" ווען איך בין אויף אייער אָרט, וואָלט איך אויך געטאָן דאָס אייגענע..."

אונטער אַן אויסגעשטערנטן הימל האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שיפל און באַלד גענומען רודערן צום „פליענדיקן וואָלקן..."

אַך, ווי עס האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ, ווי דאָס בלוט האָט געציטערט אין די אָדערן?...

מיט אַזאַ הייסן געפיל פאָרט מען נישט אפילו צו אַ טייערער מאַמען...

אָט דאָס הייסט אַ ים-מענטש!

צוגערודערט צום „פליענדיקן וואָלקן", האָט דער וואַך-מאַטראָז אַראָפּגעשריען צו אונדז פון אויבן:

„היי, ווער זענט איר דאָרט? וואָס ווילט איר?"

מיסטער ראַנסאָם האָט צוריקגעשריען פון שיפל אַרויס:

„מיר זענען פון „פליענדיקן וואָלקן!" די געליטענע! די פאַרפאַלענע אין ים!"

„ווער?"—האָט שוין יענער גענומען שרייען נישט מיט זיין קול.—„מיסטער ראַנסאָם? דער שטייערמאַן גרעמעל? אַפֿע?

אַלע? וואָס איך הער ...

אויפן שיף האָט זיך אויפגעהייבן אַ געוואַלדיקע באַוועגונג. מיר האָבן געהערט געשרייען און אַ פּאַטשען מיט די הענט. מען האָט אָנגעצונדן נאָך לאָמפּן, קאָלירטע לאַמטערנעס.

אין צען מינוט אַרום זענען מיר שוין געווען אויף אונדזער ליבן „פליענדיקן־וואָלקן".

דער קאַפּיטאַן, שטאַרק צעפלאַמט פון אויפריכטיקער שמחה און התפעלות, איז אונדז יעדן איינעם באַזונדער געפאַלן אויפן האַלדז.

מען האָט זיך געקושט מיט הייסע לאַנגע מאַטראָזישע קושן. אויף דרינקוואַטערס אויג איז אַרויסגעשפּרונגען אַ בלישטשעדיק טרערל...

אויך קאָפּען האָט פאַרדעקט זיינע אויגן מיט די הענט...

ער איז געווען צעמישט, צעטראָגן, מבולבל. אפשר האָט ער זיך דערמאָנט אין בילן, וועמעס ביינער עס ליגן איצט אויפן דנאָ פון ים?

עס איז אַוועק אַ לאַנגע סדרה מיט מעשיות און דערציילונגען. ראַנסאָם האָט פאַרציילט און גרעמעל האָט פאַרציילט און איך האָב פאַרציילט און אַלע מיינע חברים ד'האָבן פאַרציילט. מען האָט גערעדט פון ים און פון שטורעמס און פון לויתנס און פון טויט.

אויפן שיף איז מען געווען זיכער, אַז מיר זענען אומגעקומען: די ערשטע צייט האָט דער קאַפּיטאַן נישט געקענט צומאַכן מיט אַן אויג. די גאַנצע שיף־קאָמאַנדע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

אַלע טאָג האָט מען דערמאָנט די נעמען פון די זעקס פאַרלאָרענע מענטשן און דריי טעג צייט האָט מען זיך אומ־

זיסט-אומנישט אַרומגעדרייט אַרום יענעם אָרט, ווו דאָס שיפל האָט זיך געראַנגלט מיטן וואַלפיש, און בעת-מעשה האָט מען כסדר געקנאַלט פון דעם אַלטן האַרמאַט...

די גאַנצע נאַכט האָט מען גערעדט, געלאַכט, פאַרציילט, געטרונקען ראָם און זיך עפּטער געקושט ביי דעם צענטן, צי דעם צוועלפטן קעלישאָקל.

גיבאָן האָט גענומען גיין אויף אַלע פיר און האָט גע-קרייעט, ווי אַ האָן:

„קוקערעקו!... קאָ-קאָ-קאָ-קאָ! אַ פּשיק! אין דר'ערד אַריין!"

סעניאָר סאַלוואַדאָר.

צוליב דעם לעצטן וואַלפיש האָבן מיר אָפּגעריכט אונדזער שווערן גלות אויפן ים, אָבער דערדאָזיקער וואַלפיש האָט אויך נישט זייער גליקלעך געענדיקט זיין וואַלפיש לעבן. אַרומזוכנדיק אונדזער שיפל, האָט אים קאָפּען מיט זיין חברה געפּאַקט, בשעת ער איז אַרויף אויפן וואַסער אָפּציען דעם אָטעם מיט ראַנסאָמס האַרפּון אין רוקן. מען האָט זיך קיין סך נישט געראַנגלט מיט אים (ער איז דאָך געווען שטאַרק פאַרוווּנדעט) און מען האָט אים אַרויפגעשלעפּט אויפן „פליענדיקן וואָלקן.‟

דער „פליענדיקער וואָלקן‟ האָט זיך אומגעקערט אין זיין היימישן האַפן, אָבער אויפן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין האָנאָלולו: דרינקוואַטער האָט זיך געוואָלט אינפאָרמירן וועגן אונדז ביי די וואַלפיש־יעגער, וואָס זענען אויך אָנגעקומען פון בריס־טאָלישן ים־אויסגוס. ווי אַזוי עס האָט זיך געענדיקט דידאָזיקע אינפאָרמאַציע, איז מיר פאַרשפּאַרט צו דערציילן...

פון האַנאָלולו איז דער „וואָלקן" אַוועק קיין ניי־בעדפאָרד. דאָ האָט יעדער פון אונדז באַקומען אויסגעצאָלט זיין חלק נאָך מיט אַ פעטער הוספה דערצו... אין סוחרישן זין איז די לעצטע נסיעה דווקא זייער געלונגען.

מיטן געלט אין קעשענע, אַ פריילעכער, אַ צופרידענער, בין איך שוין דאָסמאָל נישט אָפּגעקומען בלויז מיט אַ טרוקן בריוועלע צו דער מוטער, נאָר איך בין אַליין אַראָפּגעפאָרן צו איר.

ס׳איז איבעריק, נאַטירלעך, צו זאָגן, אַז מיין מוטער האָט זיך שטאַרק דערפרייט אין מיר. אָבער איר באַציונג צו מיר, איז שוין נישט געווען די אייגענע, וואָס אַמאָל. פאַר איר איז געשטאַנען אַ דערוואַקסענער שטאַרקער מענטש מיט אַ פאַרווינטיקט פנים, מיט אַן אַרויסגערוקטער ברוסט און ברייטע אַקסלען, און אַט דער מענטש האָט אויך געהאַט געלט אין קעשענע...

זי איז שוין נישט געווען די אַלטע דעה־זאָגערין, די מאַמע, וואָס האָט געוואָלט געוועלטיקן איבער איר קינד. פאַרקערט, זי האָט איצט געוואָלט הערן מיין עצה, מיין וואָרט, מיין דעה...

איר מאַטעריעלער מעמד איז געווען אַ שווערער, די נויט האָט אַריינגעשמעקט אין אירע אומעטיקע חדרים...

מיין קעשענע איז איצט צוהילף געקומען...

זי האָט מיר געדאַנקט און האָט זיך צעוויינט.

איך בין געזעסן ביי דער מאַמען און האָב מיך אַ ביסל אויסגערוט אויף דער זיכערער און רויקער יבשה, וואָס האָט מיר אָבער אויסגעוויזן געננוג לאַנגווייליק...

איך ווייס נישט, ווי לעבט מען אויף אַ באָדן, וואָס איז אייביק אומבאַוועגלעך!..

דער ים האָט ווידער געצויגן.

איך האָב גערעדט מיט דער מאַמען וועגן אַ נייער ים־נסיעה.

זי האָט געזאָגט:

„מילא, איך וועל דיר שוין נאָכגעבן. דיך ציט בלויז צום ים — זאָל זיין דער ים... איז דאָך מיין מאַן און דיין פאָטער געווען אַ ים־מענטש. אָבער דו ביזט אַ פּראָסטער מאַטראָז!... וואָס איז דאָס פאַר אַ תכלית, פאַר אַ פּרנסה? דיין פאָטער האָט אויך ליב געהאַט דעם ים, איז ער דאָך אָבער געווען אַן אָנגעזעענער אָפיציר. זיין אַרבעט האָט דאָך געהאַט עפּעס אַ גלאַנץ און אַ נאָמען? אָבער וואָס איז דיין אַרבעט? שווערע האַראָוואַניע, קאַטאָרגע... און דו האָסט דאָך אַמאָל געלערנט אין אַ שולע, ביזט דאָך עפּעס נישט קיין פּראָסטער..."

איך האָב געשוויגן.

צום מיטאָג אָבער האָב איך איר צוגעוואָרפן:

„פון אַ מאַטראָז ווערט מען אַן אָפיציר, מאַמע. מען גייט ביסלעכווייז פאָרויס. מיטאַמאָל ווערט מען דאָך נישט קיין אָפיציר."

עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז איך אָט די פראַגע זאָל נאָך אין דער אייגענער וואָך באַרויקן מיין מוטער.

איך האָב באַקומען אַ בריוועלע פון קאַפּיטאַן דרינקוואָטער, געשריבן פון ניי־בעדפאָרד, מיט אַזאַ מין אינהאַלט:

„טייערער מעסי, דער „וואָלקן" גרייט זיך ווידער אין וועג אַריין. דאָסמאָל וויל איך פּרווון דאָס גליק אין אַנטלאַנטישן און אינדישן אָקעאַן. אויב אין אייך איז נאָך נישט אויסגעלאָשן געוואָרן דער חשק צו כאַפּן אַ ראַנגל מיטן לויתן און אויב איר שפּירט נאָך אַ געוויסע צוגע־

בונדנקייט צו אונדזער אלטער ליבער שיף, טאָ קומט צו אונדז. אַלע מיינע טירן זענען אָפן פאַר אייך. די שיפס־קאָמאַנדע איז שוין פאַרפולט, פריי איז נאָר דאָס אָרט פון צווייטן אָפיציר. אויב עס שמייכלט אייך—זענט איר מיין צווייטער אָפיציר. ענטפערט אָבער באַלד, איך וואַרט אויף אייער תשובה.

אייער ר. דרינקוואָטער."

P. S. קאָפען איז אַוועק פון מיר. באָסטאָק פון דער „העזהדיקער סאַראַ" האָט אים איבערגערעדט: קאָפען איז אַוועק צו אים. איך פאַרהאָף, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, איך רעכן, אַז דאָס קען נישט זיין קיין סיבה, איר זאָלט אויך וועלן אַוועק פון מיר.

ר. ד."

יאָ, דער קאַפּיטאַן איז גערעכט: דאָס, וואָס קאָפען איז אַוועק, האָט מיך זייער ווייניק גערירט. פאַרקערט, אין אַ געוויסן פרט האָט עס מיר זייער געפרייט: אַזויאַרום האָב איך געקענט פאַרגעסן אין בילן און אין קאָפענס רציחה.

באָכמער: איך רעכן, אַז דווקא צוליב דעם האָט קאָפען פאַרלאָזט דעם „פליענדיקן וואַלקן", צו וועלכן ער איז געווען זייער צוגעבונדן. איך האָב אים גאַנץ אומשולדיק און צו אָפט, הגם שטומערהייט, דערמאַנט אין זיין אַכזריות און רציחה...

איך האָב באַלד געענטפערט דרינקוואָטערן און צומאָרגנס (איך האָב בשום אופן נישט געקענט „איינזיצן" אויף דער יבשה) האָב איך מיך צעזעגנט מיט מיין ליבער מוטער.

„זעסטו", האָב איך געזאָגט, קושנדיק זי,—„אָט בין איך שוין אַן אָפיציר, נישט קיין מאַטראָז... און איך האָב מיך גאָר נישט געסטאַרעט דערצו."

מיין מוטער האָט ווידער געוויינט און דורך הייסע טרערן געזאָגט:

„אָט אַן אָפיציר—דאָס פאַרשטיי איך... אָבער אַז מיין זון זאָל זיין אַ מאַטראָז?״

איך האָב איר אויסגעליידיקט די קעשענע און בין אַרויסגעפאָרן קיין ניי-בעדפאָרד.

דער קאַפּיטאַן האָט מיך זייער וואַרעם אויפגענומען. אונדזערע באַציונגען האָבן זיך אויסגעדריקט נישט בלויז אין פריינטשאַפט. עס האָט זיך אויך געפילט עפּעס אַ קרובהשאַפט צווישן אונדז, און אויפן „וואָלקן״ האָב איך געקוקט, ווי אויף אַ היים...

„וואָס הערט זיך נייס?״ — האָב איך געפרעגט ביי די חברים, וואָס האָבן מיך האַרציק באַגריסט מיט מיין נייעם ראַנג.

„נישטאָ קיין נייס, מיסטער מעסי,״—האָט מיר עמעץ פון זיי צוגעוואָרפן.—„אָט, קאָפּען איז אַוועק און גראָהער האָט אונדז אויך פאַרלאָזט. דאָס איז די גאַנצע נייס.

„פאַרוואָס זענען זיי אַוועק?״ — האָב איך געפרעגט די חברים.

און דערזעלבער האָט געענטפערט:

„פאַרוואָס זענען זיי אַוועק? נו, זיי האָבן שוין צו לאַנג געאַרבעט אויפן „וואָלקן״... עס האָט זיך פאַרוואָלט טוישן דאָס אָרט. מען קען דאָך אייביק נישט אַרבעטן אויף איין שיף. ווי מיינט איר?״

„איך מיין אויך אַזוי,״—האָב איך געזאָגט, אַ צופרידענער מיטן „וואָלקן״, מיט די חברים, מיטן ים, מיט דער נייער נסיעה.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר אויפגעהייבן דעם אַנ-

קער און אַרויס אין אָפענעם ים. דורכן אַטלאַנטישן אָקעאַן האָבן מיר באַדאַרפט אַריינגיין אין אינדישן אקעאַן.

מיר זענען געגאַנגען מיט גרויס האָפענונג, מונטערע און פריילעכע.

ביים קאַפּ טאַון האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. מיר האָבן דאָ באַרייכערט אונדזערע רעזערוון פון פּראָוויזיע און וואַסער און פּאָר אייננוועגס זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז ביי די אַפ- ריקאַנישע ברעגן דרייען זיך אַרום גאָר נישקשהדיקע לויתנס, וואָס וואַרפן אין הימל אַריין הויכע פאָנטאַנען וואַסער...

קאַפּיטאַן דרינקוואָטער האָט אַ צי געטאָן מיט דער נאָז, פונקט ווי ער וואָלט אויסגעשמעקט די לופט און געזאָגט:

„אויב אַזוי, קינדער, ענדערן מיר דערווייל אונדזער מאַרשרוט. מיר גייען נישט צו דער קערהעלענישער יבשה, וואָס הייסט אויך „פּאַרצווייפלונגס-אינדזל,“ נאָר מיר גייען צו די אַפריקאַנישע ברעגן. צוערשט לאָמיר דאָ אויספּרווון אונד- זערע האַרפּונעס...“

אין דעם אייגענעם טאָג האָט דער „פליענדיקער וואָלקן“ געענדערט זיין מאַרשרוט: מיר זענען אַוועק צו דעם מאָזאַמביק- אויסגוס.

מיר זענען געגאַנגען עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, אויסגע- קוקט די אויגן אין אַלע זייטן, געזוכט אַ זכר פון אַ פאָנטאַן, אַן אָטעם פון אַ לויתן, אָבער אַ גאַנציקער טאָג. נישטאָ און נישטאָ קיין שום לויתן ביי די אַפריקאַנישע ברעגן!..

מען האָט אונדז פּשוט אויסגענאַרט.

די וואַלפיש-יעגער פון קאַפּ טאַון האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון אַ קאָנקורענט, האָבן זיי אונדז איינגעשמועסט, אַז מיר וועלן באַגילט ווערן ביי די אַפריקאַנישע ברעגן און אַליין

זענען זיי זיך אַוועק צו דער פאַרצווייפלונגס-אינדזל...

אַזוי טוט מען טיילמאָל אָפּ איינאַנדער אויף טערקיש ביי די וואַלפיש-יעגער. אַ קאָנקורענט האָט מען פיינט, און דרינקואַטער, מוחל זאָל ער מיר זיין, ווען ער וואָלט געקענט, וואָלט ער יעדע פרעמדע שיף דערטרונקען...

דער קאַפּיטאַן, א בייזער, אַן אויפגערעגטער, האָט געזאָגט, אַז מען מוז זיך נעמען צוריק צו דעם אַלטן מאַרשרוט, אָבער אַזוי ווי עס האָט נאָך אויסגעפעלט אַ ביסל פּראָוויזיע, האָבן מיר זיך געמוזט ווידעראַמאָל אָפּשטעלן אין איינעם פון די אַפריקאַנישע האַפנס.

נישט ווייט פון האַפן איז געלעגן אַ קליינע אָרעמע פּאָרטוגאַלישע קאָלאָניע. אין דערדאָזיקער קאָלאָניע האָט מען געקענט איינקויפן פּראָוויזיע. דער קאַפּיטאַן האָט געהייסן אַראָפּלאָזן אַ שיפל און האָט מיך מיטגענומען. איך בין שוין איצט געווען אַן אָפיציר און דער קאַפּיטאַן האָט מיך מכבד געווען מיט דעמדאָזיקן נסיעהלע, ווי מיט עפּעס אַ באַזונדער כבוד.

אין דער קאָלאָניע איז געווען שרעקלעך הייס און שטויביק. דערפאַר אָבער האָט מען געקענט נישט עסן, נאָר טאַקע פּ ר ע ס ן פּאָמעראַנצן און באַנאַנען, וויפל דאָס האַרץ האָט געגלוסט.

דער קאַפּיטאַן האָט דערווייל געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט פאַרשטויבטע און פאַרבאַקענע סוחרים מכוח פּראָוויזיע. די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געשלעפּט אָן אַ סוף. מען האָט נישט געקענט פאַרטיק ווערן מיט די סוחרים.

דערזען, ווי איך שטיי אָן מוט, האָט דער קאַפּיטאַן זיך אויסגעדרייט צו מיר און געזאָגט:

„מעסי, איר קענט גיין צום ברעג. וואַרט דאָרט אויף מיר.

איך וועל באַלד קומען.‟

אָנגעפּאַקט אַ גאַנצע פּאַלע מיט פּאָמעראַנצן, בין איך אַוועק צום ברעג און זיך געגומען צו דער אכילה. די גיהנמ־דיקע זון האָט מיר כּסדר געבּרענט דעם קאָפּ און איך האָב מיך געקילט מיטן מחיהדיקן זאַפט פון פּאָמעראַנצן.

דער קאַפּיטאַן איז אָבער נישט געקומען. האָב איך מיך אויפגעהייבן און זיך פאַרגראָבן אין שאָטן פון אַ טראָפּישן בוים. איך האָב איינגעדרעמלט.

אַז איך האָב אויפגעפּנט די אויגן, האָט שוין געגידערט די זון. דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען איבער מיר מיט נאָך עפּעס אַ פאַרשוין און האָט מיך געשלעפּט פאַרן אַרבל.

„שטייט אויף, מעסי,‟—האָט ער מיך געוועקט.—„איר וועט נאָך צייט האָבן צו שלאָפן.‟

און אַז איך האָב מיך אויפגעהייבן, האָט ער צוגעגעבן:

„מיט די סוחרים בין נאָך אַלץ נישט פאַרטיק. די סוחרים אַליין זענען גרויסע שלעק, האָבן זיי נאָך אָבער אַ פּאָרטוגאַלישע רעגירונג, וואָס איז אַ גרעסערער שלאַק פאַר זיי... דידאָזיקע צרהדיקע רעגירונג בינדט זיי נאָך די הענט, און זיי, די גרוי־סע בריות, טאָרן גאָרנישט פאַרקופן אָן איר דערלויבניש... די נאַכט וועל איך מסתמא איבערנעכטיקן דאָ אויפן ברעג און וועל פאַרענדיקן מיט די סוחרים. איר גייט צוריק אויפן „וואָלקן‟ און נעמט מיט דעמדאָזיקן יונג. ער איז אַ געניטער לאָצמאַן, פאַרשטייט איר מיך... איר איילט זיך נאָר צו אַ ביסל, וואָרום עס פאַלט צו די נאַכט.‟

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן „יונג‟, וועגן וועלכן דער קאַפּיטאַן האָט גערעדט. דאָס איז געווען אַ טונקעלהויטיקער מענטש מיט אַ משונה ברייטן הוט אויפן קאָפּ, וואָס האָט גע־

מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָפּענעם פּאַראַסאָל...

געהייסן האָט ער מיטן קלינגענדיקן נאָמען ס ע נ י אָ ר ס אַ ל וו אַ ד אָ ר.

מיר האָבן זיך ביידע אַריינגעזעצט אין שיפל, ווי עס האָבן אונדז אָפּגעוואַרט די מאַטראָזן־רודערער. סעניאָר סאַלוואַדאָר האָט אַ קוק געטאָן אויפן הימל און האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. איך האָב אויך געזען שלעכטע סימנים אויפן הימל.

דער טונקלהויטיקער מענטש האָט זיך אָנגערופן אויף אַ צעקאַליעטשעטן ענגליש:

„דאָס שלעכט וועטער איז... אָבער גיין אַדורך נישט..."

דערהערט דאָסדאָזיקע אויסטערלישע מין לשון, האָט איי־נער פון אונדזערע מאַטראָזן געוואָלט אַריינשלעפּן דעם טונקל־הויטיקן סעניאָר אין אַ ברייטערן שמועס, עס זאָל זיין וואָס צו לאַכן.

„ווי מיינט איר, סעניאָר, ס׳וועט זיין אַ געוויטער?"

און יענער האָט געענטפערט:

„וועטער־געוויטער זיין וויל... ס׳וואַסערע... ס׳גרויסע וואַ־סערע..."

„איר שרעקט אייך?"—האָט דער מאַטראָז געפרעגט.

סעניאָר סאַלוואַדאָר האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר גרוי־סע אויגן.

„איך מיינע וויים... רעד איך — רעד איך... שיפל גיין אָבער זאָל..."

איך האָב אַ ווונק געטאָן צום מאַטראָז, ער זאָל אויפהערן צו פּראָוואָצירן דעם לאַצמאַן און זאָל בעסער אַרבעטן מיטן רו־דער.

אונדזער שיפל איז אַוועק גאַנץ דרייסט איבערן וואַסער,

אָבער באַלד האָט עס אָנגעהייבן צו טאַנצן, אַ סימן, אַז מיר זענען אַרויס אין אָפענעם ים.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, אַ שוואַרצע, אַ געדיכטע, אַ שווערע. אויפן הימל איז קיין איין שטערנדל נישט געווען. פלוצלונג האָבן גענומען קלאַפן גרויסע טראָפנס וואַסער: אַ שלאַקס-רעגן איז אַרויסגעפאַלן.

די פייערלעך פון „וואַלקן", וואָס האָבן אונדז פריער אַזוי פריילעך געווונקען פון דערווייטנס, זענען איצט אַנטרונען געוואָרן פון די אויגן.

אונדזער שיפל איז געגאַנגען איבער אַ שוואַרצן ים, אונטער אַ שוואַרצן הימל, אין אַ שוואַרצן רעגן...

דער לאָצמאַן איז געזעסן לעבן מיר. אינדערפינסטער האָב איך נישט געקענט זען זיין טונקלהויטיק פנים. איך האָב נאָר געפילט, ווי ער באַוועגט זיך אומרויק. אפנים, אַז ער איז נישט אינגאַנצן צופרידן מיט דער נסיעה.

„האַלט איר די לאַגע פאַר ערנסט?"—האָב איך אים אַ פרעג געטאָן אויף אַ צעקאַליעטשעטן פּאָרטוגעזיש.

דערהערט דידאָזיקע פראַגע, האָט ער מיר געענטפערט אויף נישט קיין בעסערן ענגליש:

„אום בעסער קערן צום לאַנדע..."

איך האָב מיך צעלאַכט און געזאָגט:

„ניין, סעניאָר, עס האַלט נאָך נישט דערביי. ס'איז נאָך נישט געפערלעך. מיר גייען שנעל, דאָס זעט איר, וואָרשיינלעך, אַליין, און מיר גייען גוט, דאָס זע איך שוין, ווייל איך ווייס, וווּ עס שטייט דער „וואַלקן". מיר וועלן מסתמא באַלד דערזען די פייערלעך אויך..."

איך האָב אָבער גערעדט צו דרייסט. מיר זענען נישט

געגאַנגען, נאָר געפֿלויגן מיטן שיפֿל, אָבער די ליבע פֿייערלעך האָבן זיך אַלץ נישט געזען... ס׳איז שוואַרץ אַרום אונדז, ווי אין אַ תּהום.

דערזען, אַז עס ווערט טאַקע אַ ביסל ערנסטער, האָב איך געהייסן אויפֿהענגען אַ לאַמטערנע אויפֿן מאַסטבוים: אפֿשר וועט מען אונדז באַמערקן פֿון „וואָלקן".

קיינער האָט אונדז אָבער נישט באַמערקט.

די כוואַליעס זענען געוואַקסן, ווי אויף הייוון. דער שלאַקס־רעגן האָט געמאַכט שותּפֿות מיט אַ מוראַדיקן ווינט...

סעניאָר סאַלוואַדאָר האָט ווידער געשטאַמלט:

„צום לאַנדע דרייען אויס... דאָס בעסער..."

איך האָב מיך באַדאַכט, ער איז דאָך, איינגנטלעך, אַ לאָצמאַן, דאַרף ער זיין דער פֿירער. די דעה געהערט צו אים. ער ווייס בעסער דידאָזיקע ערטער און דעם היגן קלימאַט, ווי איך. ווי קען איך מיך שפּאַרן מיט אַ לאָצמאַן, מיט זיין ספּעציאַליטעט, מיט זיין געניטקייט? איך האָב קיין שום רעכט נישט דערצו.

און איך האָב אַ זאָג געטאָן צו מיינע לייט:

„צוריק צום ברעג! מיר זעען נישט דעם „פֿליענדיקן וואָלקן."

א מאָדנער לאַצמאַן.

צוריקוועגס האָט אונדז אָבער אויך נישט געגליקט. דער־זעלבער חושך, דיזעלבע לאַגע. מיר זעען נישט דעם ברעג און מיר זעען נישט קיין איין ציטריק פייערל פון די עטלעכע צרה־דיקע לאַמטערנעס, וואָס האָבן געברענט אין האַפן.

דער לאָצמאַן האָט אויך נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע לאָצמאַנישע גאונות. דער מענטש האָט אַזוי ווי געבלאָנדזשעט, זיי־נע באַפעלן זענען טיילמאָל געווען אומגעלומפערטע...

און דער ים האָט זיך צעקאָכט און צעברילט מיט דעם אמתן גרימצאָרן פון אַ געוויטער. די כוואַליעס זענען אונדז גע־פלויגען איבערן קאָפ און דער ווינט האָט אונדז געפּאַטשט אין פנים אַריין מיט די געדיכטע טראָפּנס פון מבול...

עס איז געווען אַ שוואַרץ בעדל פון אויבן, פון אונטן, פון אַלע זייטן...

מען האָט באַדאַרפט אָן אויפהער שעפּן דאָס וואַסער פון

שיפל און רודערן, רודערן אין איין אָטעם, ווי .ווייט עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

און אָט אין דער קאַשע פון נאַכט, ים, ווינט און שלאַקס־רעגן האָבן מיר פלוצלונג דערזען אַ פלעמל, אַ קליין שטערנדל־פלעמל אין דער ריכטונג פון ברעג.

„דאָס מיין הויז ליכט ברענט...״ — האָט סעניאָר סאַלוואַדאָר געזאָגט און האָט צוגעגעבן, אַז מען דאַרף גלייך רודערן צו דעמדאָזיקן פלעמל, ווו מיר וועלן געפינען אַ הויז מיט אַלע גוטע זאַכן...

די מאַטראָזן האָבן זיך גענומען יאָגן מיטן שיפל צום פלעמל, איך האָב אָבער דערזען אַ סכנה: הויכע, ווייס־שוימיקע און ווילד־פאַטשנדיקע כוואַליעס האָבן אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

„צוריק! צוריק!״ — האָב איך גענומען שרייען מיט אַלע כוחות.—„ראַטעוועט אייך!״

דאָס שיפל איז באַלד געפלויגן צוריק און אַזוי־אַרום איז אויסגעמיטן געוואָרן די סכנה. מיר האָבן זיך גליקלעך אַרויסגע־גנבעט פון די בייזע אָרעמס פון די כוואַליעס. אָבער איך האָב מיך שטיל געפרעגט: וואָס איז עס פאַר אַ לאָצמאַן? צו וואָס טויג ער? וואָסער לאָצמאַן איז נישט גוט באַהאַוונט אין זיין ברעג? עפּעס איז מיר דער גאַנצער מענטש זייער פאַרדעכ־טיק...

אַ בייזער און אַן אויפגערעגטער, האָב איך אים געוואָלט שטעלן עטלעכע פראַגן וועגן זיין לאָצמאַנישער פּראָפעסיע... אפשר איז ער אַ גרויסער עם-הארץ אין ים־ענינים און פירט אונדז סתם פאַר דער נאָז? אָבער אַז איך האָב מיך אויסגעדרייט צו אים אינדערפינסטער, האָב איך דערזען אַ ליידיק אָרט...

סעניאָר סאַלוואַדאָר איז נישטאָ!

אַ פחד האָט מיר גענומען קילן דאָס האַרץ: אפשר איז ער אין טומל אַרויסגעפאַלן פון שיפל אין ים אַריין?

איך האָב געבעטן די מאַטראָזן, זיי זאָלן זיך אַרומטאַפּן אינדערפינסטער: אפשר ליגט ער ערגעץ אין שיפל. האָט מען זיך גענומען טאַפּן און טאַפּן און ס'איז אָבער גאָרנישט אַרויס־געקומען פון דערדאָזיקער טאַפּעניש: סאַלוואַדאָר איז נישטאָ!

דער עולם האָט שטיל גערודערט, פונקט ווי דער טויט וואָלט אַ פאָך געטאָן איבער אונדזערע קעפּ. יעדער איינער פון אונדז האָט געזען אַ דערטרונקענעם מענטשן אין דמיון...

„סעניאָרן! סעניאָרן!"—האָבן מיר פּלוצלונג דערהערט אַ קול פון די כוואַליעס, ווי פון אַ ים־מכשף.—אַ נאַכט גוט אייך!.. דאָרט, פאַרשטייט, פעלז, אַרום דריי פעלז—שוין האַפן... ליכ־טיק..."

יאָ, מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען, ווער דערדאָזיקער ים־מכשף איז... אינדערפינסטער האָבן מיר געזוכט בײַ איינאַנדער די אויגן — אויסצעדריקן אונדזער גאַפונג, געמישט מיט מי־סטישן פחד...

עס איז אָבער געוועזן קלאָר, אַז דערדאָזיקער מענטש שרייט נישט אַרויס פון די כוואַליעס, נאָר פשוט פון ב ר ע ג. ער האָט זיך שוין אַרויפגעקריגן אויף דער יבשה, אין האַפן. ווי אַזוי?

מיר האָבן לאַנג נישט געקענט און נישט געטאָרט טראַכטן. מען האָט זיך וואָס גיכער געמוזט אַרויספּעקלען פון דעם „שוואַרצן" ים, ווו דאָס געוויטער האָט זיך געשטאַרקט פון מי־נוט צו מינוט.

נאַטירלעך, האָבן מיר דאָסמאָל געפאָלגט דעם לאָצמאַן

און געמאָלט אַן „אָרום דריי פּעלז", ווי ער האָט געהייסן.

פֿאַר אונדז האָבן זיך באַלד אַנטדעקט די שטערנדלעך־פֿייערלעך פֿון האַפֿן...

צוגעשווומען צום האַפֿן, האָבן מיר צוגעפֿעסטיקט דאָס שיפֿל צו אַ ברעג־סלופּ און זענען אַרויף אויף דער יבשה.

נאַסע, ווי ים־מייז, אויסגעווייקט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, זענען מיר אַוועק אין דער קאָלאָניע מיט דער האָפֿענונג, טאָמער וועלן מיר געפֿינען עפּעס אַ שטיקל אכסניה, ווו מיר וועלן זיך קענען אַרומטריקענען און אויסרוען, ווי געהעריק.

עס איז אָבער געווען נאָך האַלבער נאַכט, און די קאָלאָניע האָט שטאַרק געכראָפּעט אונטער פֿאַרשפּאַרטע און פֿאַרהאַקטע טיר און פֿענסטער.

אין אַ זייטיק געסל אָבער האָבן מיר באַמערקט אַ צרה־דיק ליימיק הייזל מיט אַ פֿייערל. צום אויער זענען דערגאַנגען קלאַנגען פֿון אַ פֿידל. עמעץ האָט געשפּילט אויף אַ באַנדורע און עמעץ האָט געזונגען...

מיר האָבן לאַנג נישט געטראַכט און זענען אַריין אין דעמדאָזיקן הייזל. אַ הויכער נעגער, ווי אַ שוואַרצער זייל, מיט גליענדיקע שוואַרצע אויגן, איז געשטאַנען ביי דער טיר. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגט צו אונדז, ווי צו קינדער (אַזוי הויך אין ער געווען!) און געפֿרעגט אויף אַ שלעכטן צעקאַליעטשעטן ענגליש:

„וואָס פֿאַרלאַנגט איר?"

מיך זענען אַלע געבליבן שטיין אָן לשון: אין דעמדאָזיקן שוואַרצן ריז האָבן מיר דערקענט אונדזער לאָצמאַן, סעניאָר סאַלוואַדאָר, וואָס האָט מעשה פּחדן פֿאַרלאָזט אונדזער שיפֿל אין אַזאַ מאָמענט, ווען די סכנה איז געווען באַזונדערס גרויס.

ער האָט באַוויזן אפילו זיך איבערצוטוישן די מלבושים און האָט איצט געשיינט אין אַ ווייסן אָנצוג...

דאָס מויל ביי דעם ריז האָט זיך פּלוצלונג צעצויגן פֿאַמע ביז די אויערן, אַ ברייטער שמייכל אויף בלענד־ווייסע ציין האָט זיך אים צעגאָסן, ער האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין בויך אַריין און געזאָגט:

„אַ סעניאָרן! שיפּל!.. דאָס איר זענט... גוט! גוט! מיר דאָ שפּילן אין טענצל... אַריין קומט! אַריין קומט! ס'טענצל אַ ביסל אין שפּילן!"

מיר זענען אַריין אין „זאַל"...

אַ געמיש פֿון פנימער האָט אונדז אַ זעץ געטאָן אין די אויגן. ווער איז דאָ נישט געווען? ווייסהויטיקע און ברוינהויטיקע אין שוואַרצהויטיקע און געלהויטיקע, פּנימער און פּנימער, און ווייסע בלישטשעדיקע ציין און פֿינקעלדיקע שוואַרצע אויגן און באַסיקע געלעכטערס און אַ קוויטשיק פרויענשטימעלע...

עס איז געווען ענג און הייס און אָנגערויכערט. די לופֿט האָט מען געקענט שניידן מיט אַ מעסער...

אַ שאַרפֿער ריח פֿון בראָנפֿן און שווייסיקע שוואַרצע לייבער האָט מיר פֿאַרשטאָפּט די לונגען. איך האָב נישט געקענט אָטעמען. דער מידער קאָפּ האָט געוואָלט אַנידערפֿאַלן...

און סעניאָר סאַלוואַדאָר, וואָס האָט זיך געהייבן איבער אַלעמענס קעפּ, מיט אַ שמייכל, צעצויגן פֿון איין אויער ביז דעם אַנדערן, האָט אַלץ געטענהט צו אונדז:

„מען באַלד טענצל... באַלד, סעניאָרן... און משקהלע... און... באַלד, באַלד, סעניאָרן... זיין וועלן גוט..."

מיר האָבן אָבער נישט געקענט אָטעמען אין דערדאָזיקער לופֿט. זאָל ער אונדז געבן לופֿט און טריקעניש. די הויט שיילט

זיך אונדז פֿון די נאַסע העמדער. סאַלוואַדאָר האָט אָבער גאָר־ נישט געטראַכט דערפֿון. איך האָב שטיל אַ זאָג געטאָן:

„חברים, לאָמיר מאַכן פּיס!"

און איינציקווייז, איינע נאָך די אַנדערע, האָבן מיר זיך אַרויסגעגנבעט פֿון דעמדאָזיקן פֿריילעכן הייזל.

דער שלאַקסרעגן האָט נאָך אַלץ געפּאַטשט די אויסגעווייק־ טע ערד. דאָך איז געווען בעסער צו גיין אינדרויסן אין גוס־ רעגן, איידער צו אָטעמען די פֿאַרסמטע לופֿט פֿון הייזל.

מיר זענען געגאַנגען און געזוכט עפּעס אַ שטיקל אָפּדאַך פֿאַר אונדזערע מידע קעפּ. מיר האָבן אַריינגעקוקט אין יעדן געסל, אין יעדן הויף. עס איז שוין געווען נישט אַזוי פֿינסטער ווי פֿריער, עס האָט געטאָגט...

אַז מען זוכט לאַנג און אָנגעשטרענגט, מוז מען געפֿינען דאָס, וואָס מען זוכט. מיר האָבן געפֿונען אַ קליין שייערל מיט אַן אָפֿענער טיר. לאַנג האָבן מיר נישט געטראַכט. דער עולם האָט זיך אַריינגעפּאַקט אין דעמדאָזיקן שייערל און מען האָט זיך אַנידערגעוואָרפֿן אויף דער טרוקענער ערד.

שלאָפֿן אָבער האָט מען דאָך נישט געקענט. מיר האָבן דאָ געהאַט אַ סך מאָסקיטן, וואָס זענען אויך אַנטלאָפֿן פֿון רעגן. איצט האָבן זיי געוואָלט זיך אַ ביסל אָנזייגן מיט אונדזער בלוט. טאַקע ווי לאָזט מען דורך אַזאַ געלעגנהייט? מיר האָבן זיך געראַנגלט מיט זיי, אַ ברירה האָבן מיר געהאַט? צום גליק, זענען זיי פֿאַר־ טאָג נעלם געוואָרן, און מיר האָבן זיך געקענט אויסשלאָפֿן, ווי „פּריצים", אין נאַסע מלבושים, וואָס האָבן זיך אויסגעטריקנט אויף אונדזערע לייבער.

די נאַכט איז געווען אַ הייסע, אַ דושנע, ווי אין אַן אויוון...

מיר זענען אויפגעשטאַנען, ווען עס איז שוין געווען גרוי-
סער טאָג אינדרויסן.

וואָס טוט מען איצט?

איך האָב מיך מיישב געווען, אַז איך מוז מיך זען מיטן
קאַפּיטאַן, איידער איך גיי אַוועק צום שיפל. די קאָלאָניע איז אַ
קליינע, און מען קען אים גאַנץ לייכט אָפּגעפינען.

אַזוי האָב איך באַשלאָסן. די מענטשן זענען אַוועק אין
האַפן צום שיפל, און איך האָב מיך אַוועקגעלאָזט מיט ביידע
אויגן זוכן דעם קאַפּיטאַן.

קודם כל האָב איך מיך געוואָלט נאָכפרעגן אויף אים ביי
די סוחרים, מיט וועלכע איך האָב מיך נאָך נעכטן באַקענט.
אָבער דאָס זוכן איז געווען איבעריק.

ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ גרויס הויז, האָט זיך
געעפנט אַ פענסטער און דרינקוואַטער האָט אַרויסגעשטעקט דעם
קאָפּ, אָנקוקנדיק מיך מיט גאַפנדיקע אויגן...

איך האָב אים אויך אָנגעקוקט שטאַרק פאַרחידושט, פונקט
ווי איך וואָלט מיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט.

„מעסי, וואָס טוט איר דאָ?"—האָט ער מיך אַ פרעג גע-
טאָן פון פענסטער. — „איז נישט געשען עפּעס מיטן „וואָלקן?"
רעדט ווערטער!"

„מיטן „וואָלקן" איז קיין שום בייז נישט געשען."—האָב
איך געזאָגט. — איבעריקנס, האָב איך גאָרנישט געזען דעם
„וואָלקן"...

„וואָס הייסט?"

איך האָב בקיצור פאַרציילט דעם קאַפּיטאַן וועגן דעם
אַלעם, וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט: די שוואַרצע באַכט, דער
שלאַקסרעגן, דאָס געוויטער, דער שלעכטער לאָצמאַן און זיין

פליטה אין דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך געפונען אין גרויס געפאַר... נו, און נאָכדעם דאָס הייזל מיט „מוזיק" און טענץ...

„וואָס איז דאָס פאַר אַ לאָצמאַן?"—האָב איך געפרעגט.

דער קאַפּיטאַן האָט מיר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

„וואַרט אויף מיר!"—האָט ער מיר צוגעוואָרפן.—„איך גיי שוין אַרויס."

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון פענסטער און איז אַרויסגע־לאָפן צו מיר אויף דער גאַס.

„קומט,"—האָט ער געזאָגט,—„צום האַפן".

„אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ לאָצמאַן?"—האָב איך ווי־דעראַמאָל געפרעגט.

„מיינט איר, אַז ער איז אַ שלעכטער לאָצמאַן?"—האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעלע.

„איך מיין אַזוי,"—האָב איך געזאָגט.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך פּלוצלונג האַרב אָנגערופן:

„ניין, איר האָט אַ טעות! ער איז אַ גוטער לאָצמאַן און אַ דרייסטער מענטש. אָבער אַ גנב איז ער! איך פאַרשטיי: ער האָט צוזאַמענגעקלויבן דאָס זעקעלע געלט, וואָס איז געלעגן פאַר־באָרגן אין שיפל! אָט וועלן מיר עס באַלד וויסן. ער וועט עס אָבער אויסקרענקען ביי מיר! איך וועל אים ווייזן, וואָס דרינקוואָטער קען, צו אַלדי שוואַרציאָר!"

ער איז געווען אויפגערעגט און האָט זיך גענומען שילטן מיט זיינע, ד ר י נ ק ו אָ ט ע ר ש ע, אייגנאַרטיקע קללות.

„אויב ער האָט באמת געגנבעט, קענט איר דאָך אים גאָר פּשוט אַריינזעצן אין קאָזע!"—האָב איך מיך אָנגערופן.

„איך קען אים, יאָ! ווי אַזוי? איך האָב עדות? אָבער אַז

דאָס איז זיין אַרבעט, דערין בין איך זיכער. ער וואָלט בשום אופן נישט אַרויסגעשפּרונגען פון שיף, ווען ער וואָלט נישט צוגעלקחנט דאָס געלט. מיט איין קלאַפּ האָט ער געוואָלט טויטן צוויי האָזן: אי איר זאָלט קומען בשלום אויפן ברעג, אי ער זאָל האָבן דאָס געלט!... אָבער איך וועל אים ווייזן, ווער איך בין! ער וועט מיך האָבן צו געדענקען!"

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

„מיר וועלן דאָ קיין פּראָוויזיע נישט קויפן! גייען זיי צו אַלדי שוואַרציאַר! מיר האָבן נאָך אַ פּאָר האַפנס אויפן וועג, וועלן מיר דאָרטן איינהאַנדלען דאָס, וואָס, מען דאַרף. איך האָב פיינט גנבים!"

מיר זענען געגאַנגען שנעל צום האַפן. די מאַטראָזן האָבן געוואַרט אויף מיר. דאָס שיף איז געשטאַנען גרייט צו דער נסיעה.

דער קאַפּיטאַן האָט באַלד געפרעגט די מאַטראָזן וועגן זעקעלע. זיינע אויגן זענען געפאַלן אויפן שיף און האָבן עס אַדורכגעטאַפּט פון אַלע זייטן.

די מאַטראָזן האָבן אַלע אין איין קול געענטפערט:

„נישט מיר האָבן געזען דאָס זעקעלע און נישט מיר האָבן געזען, ווי דער טונקלהויטיקער פאַרשוין האָט עס צוגענומען. מיר ווייסן פון גאָרנישט..."

דער קאַפּיטאַן האָט געכעסט:

„ס'איז זיין אַרבעט! איך וועל אים ווייזן, דעם כלב! ער וועט מיך האָבן צו געדענקען! איך דאַרף נישט קיין קאָזעס פאַר דעם אויסוואורף! אויסקרענקען וועט ער מיר דאָס געלט! צוויי-הונדערט דאָלאַר, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן!"

„אָבער דאָס געלט האָט דאָך געקענט פאַרגעסן ווערן"—

האָב איך מיך אָנגערופן.—מיר האָבן דאָך געהאַט געניג וואַסער אין שיפל.״

„ווי אַזוי ?״—האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט.—„ס׳איז געווען אַ געפּעכט ים־זעקעלע. קיין שום וואַסער וואָלט דערין נישט אַריינגעדרונגען.״

ביי דידאַזיקע ווערטער האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אין האַפן דער טונקעלער ריז, סעניאָר סאַלוואַדאָר, מיט אַ שמייכל פון איין אויער ביזן צווייטן און מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

אַ פריילעכער, אַ מונטערער, האָט ער זיך העפלעך פאַר־נויגט פאַרן קאַפּיטאַן און נאָכדעם פאַר מיר.

„גוטמאָרגן!״—האָט ער געזאָגט און די גרויסע ווייסע ציין האָבן אים געבלישטשעט צווישן די ליפּן, ווי שטיקער שניי.—שיפל גייט ים?״

דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט זיך תּיכּף תּמיד באַהערשט, האָט געמאַכט אַ גוטמוטיקע מינע און געזאָגט:

„אַ, סעניאָר סאַלוואַדאָר! איר האָט געהאַט אַ שווערע באַכט נעכטן?.. עס טוט מיר זייער לייד! דערפאַר אָבער וועט איר איצט האָבן אַ לייכטע נסיעה. איצט וועט עס צוגיין אַ ביסל לייכטער און בעסער, ווי נעכטן. דער ים איז גלאַט, איר זעט?״

סעניאָר סאַלוואַדאָר האָט פריילעך געשאָקלט מיטן קאָפּ און געהאַלטן אין איין שמייכלען צו אַלעמען.

מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין שיפל, די מאַטראָזן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די רודערס, און דאָס שיפל איז אַוועקגעפלויגן, ווי אויף פליגלען.

אין אַ דרײַ־האַלב שעה צייט זענען מיר שוין געווען אויפן „פליענדיקן וואָלקן״, וווּ יעדער איינער פון אונדז האָט אויף

דער גיך געכאַפּט עפּעס אין מויל אַריין. דער „וואַלקן" איז פּאַרט געווען אַ ליבע היים פּאַר אונדז.

סעניאָר סאַלוואַדאָר האָט דערווייל באַטראַכט די שיף, געשפּאַצירט איבערן שיפּדעק און כּסדר געשמייכלט צו אַלץ און צו אַלעמען.

דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט אויך געשפּאַנט איבערן שיפּ־דעק, האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט פאַרזשמורעטע אויגן און האָט פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

„סעניאָר סאַלוואַדאָר האָט נעכטן געהאַנדלט אַ ביסל צו געשיקט: אי אין וואַסער אַרייַנגעשפּרונגען, אי צום ברעג צו־געשווומען, אי דאָס זעקעלע פאַרכאַפּט מיט זיך... צו וואָס טאַקע לאָזן דאָס זעקעלע אויפן שיפל ? דאָס געוויטער זאָל עס צונעמען ? איז דאָך טאַקע גלייכער, אַז מען נעמט עס צו אליין..."

סעניאָר סאַלוואַדאָר האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן.

„זעקעלע ?" — האָט ער געפרעגט. — „איך נישט ווייס זעקעלע..."

דער קאַפּיטאַן האָט שוין האַלב געשריען:

„אַ געפּעכט ים־זעקעלע ! איך האָב עס נעכטן פאַרגעסן אין שיפל. איך בין דאָך נישט מחויב אַלץ צו געדענקען, ווען איך אַרבעט מיט אָרנטלעכע לייט !"

דער טונקלהויטיקער ריז האָט אַרויפגעלייגט אַ שוואַרצע האַנט אויפן האַרצן.

‚Sanctos Dios‚ קאַפּיטאַן !" — האָט ער שוין גענומען רעדן פּליסיק פּאָרטוגעזיש. — „איך האָב נישט געזען קיין זע־קעלע. איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן... וואָס הייסט, איך

װעל נעמען אַ פרעמד זעקעלע?״

און האָב באַלד דערויף צוגעגעבן אויף אַ צעקאַליעטשעטן ענגליש:

„איך נישט װײס... איך גאָרנישט װײס!״

„איר װעט שױן באַלד װיסן,״—האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט און האָט געהײסן אױפהײבן די זעגלען.

דער „פליענדיקער װאָלקן״ איז אַװעק אין אָפֿענעם ים.

סעניאָר סאַלװאַדאָר איז געשטאַנען, װי אַ מטושטשער.

דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט:

„איך האָב פאַר אײך אַן עצה, באַרױקט אײך, סעניאָר סאַלװאַדאָר. איר האָט געגנבעט צװײהונדערט דאָלאַר און איר האָט זײ נישט בײ זיך. איר קענט זײ מיר נישט אומקערן... אָלװײ: איר װעט זײ מיר אָפּאַרבעטן... איר פאַרשטײט? איר װעט מיר באַצאָלן מיט אַרבעט פאַרן געגנבעטן געלט. אַ פּשוטער שכל, נישטאָ מער װאָס צו רעדן. איר אַרבעט פאַר דער גניבה...״

איך האָב אין מײן רױשיק לעבן געזען אַ סך גאַפּנדיקע מבולבלע מענטשן, אָבער נאָך אַזאַ צעמישטקײט, נאָך אַזאַ אומבאַהאָלפנקײט און פאַרבערעכן מיט די אױגן האָב איך נאָך קײנמאָל נישט בײגעלעבט.

דער טונקלהױטיקער מענטש האָט זיך אַ װאָרף געטאָן אױף די קני און האָט גענומען קלאַפּן אױף פּאָרטוגעזיש:

„קאַפּיטאַן, איך װײס פון גאָרנישט. באַשולדיקט מיך נישט אומזיסט. ס'איז אַ גרױסע זינד פאַר גאָט און אַ חרפּה פאַר מענטשן. איר פאַרגיסט דאָך מיר דאָס בלוט, קאַפּיטאַן!״

דידאָזיקע װערטער זענען אַרױסגעזאָגט געװאָרן מיט אַזאַ אױפריכטיקן טאָן און מיט אַזאַ אומבאַהאָלפנקײט, אַז אױב דאָס

איז געווען נישט מער ווי אַן אָנשטעל, אַ קאָמעדיע, האָט סע-
ביאָר סאַלוואַדאָר באַדאַרפט זיין אַ געניאַלער אַקטיאָר.

אויפן קאַפּיטאַן האָט עס אָבער קיין שום רושם נישט גע-
מאַכט. ער איז געווען האַרט ווי אייזן.

„איר וועט אַרבעטן, סאַלוואַדאָר, איר וועט אַרבעטן!... אַ
גנב ווערט באַשטראָפט אומעטום, ביי אַלע פעלקער און אין
אַלע מדינות...״

סאַלוואַדאָר האָט געשוויגן.

דער קאַפּיטאַן איז אַוועק צו זיך אין קאַיוטע.

איך ווייס נישט, פאַרוואָס, נאָר מיר אַלע האָבן עפּעס
מיטגעפילט סאַלוואַדאָרן. זיין טאָן האָט געווירקט אויף אונדז.
אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מיטן געלט איז געשען עפּעס אַ
טעות. דער ריז איז דאָ גאָט די נשמה שולדיק... אַ גנב וועט
קיינמאָל נישט געפינען אַזאַ אויפריכטיקן טאָן.

חוצדעם, האָבן מיר איינגעזען, אַז דער קאַפּיטאַן האָט דאָך
נישט געהאַנדלט אין הסכם מיט די כּללים פון אונטערנאַציאָ-
נאַלן רעכט. מען טאָר נישט זיין אַליין קיין ריכטער. עס איז
פאַראַן אַ געריכט מיט עדות, מיט אויספאָרשונגען און דאָס-
גלייכן. אַ תּביעה ווערט איבערגעגעבן אין געריכט אַריין, און
יעדעס זעלבסטגעריכט איז אַ פאַרברעך.

אין דעם אייגענעם טאָג האָט אויך דער קאַפּיטאַן געענ-
דערט זיין בליק אויף דעם ענין.

ער איז געזעסן פאַרטראַכט אויפן שיפדעק, געקנייטשט
דעם שטערן, געקוקט אין ים אַריין. פאַרנאַכט האָט ער גע-
זאָגט:

„ער גייט, דער יונג, צוריק אויפן ברעג. איך ווייס נאָך
נישט, צי ער האָט נישט געגנבעט, אָבער איך וויל אים אָפּלאָזן-

און ער האָט אים אָפּגעלאָזט. אַ שיף, וואָס איז גע־
באַנגען צום ברעג, האָט אים אַרויפגענומען אויפן דעק.

דער קאַפּיטאַן האָט גוט געטאָן. אין אַ צייט אַרום,
בשעת מען האָט רעמאָנטירט דאָס שיפל, האָבן מיר געפונען
די גניבה. דאָס זעקל מיטן געלט איז געלעגן אין אונטער־
דעק פון שיפל... אַ ברעט פונם אויבערשטן דעק האָט זיך עפּ־
עטער אַרונטערגעבויגן און אַזויאַרום איז מסתמא דאָס זעקל
אַרונטערגעפאַלן אין אונטערדעק...

סעניאָר סאַלוואַדאָר, דער טונקלהויטיקער ריז, איז גע־
ווען אַן ערלעכער מאַן. איך קען נאָך איצט אויך נישט פאַר־
געסן יענעם מאָמענט, ווען ער האָט אַרויפגעלייגט די גרויסע
שוואַרצע האַנט אויפן האַרצן און האָט אַזוי אויפריכטיק גע־
רעדט צום קאַפּיטאַן.

ער איז נישט געווען קיין אקטיאָר, ווי מיר האָבן גע־
מיינט, נאָר אַ מאָדנער לאַצמאַן.

מיר האָבן אים נישט פאַרשטאַנען.

נײַע פּאַסירונגען.

דער קאַפּיטאַן האָט ווידעראַמאָל געענדערט דעם מאַרשרוט. ער האָט שוין נישט געוואָלט גיין צו דער קאַראַהעלע־נישער יבשה.

„צו שפּעט",—האָט ער געזאָגט,—„מיר וועלן דאַרפן גאָר־נישט מאַכן. אין דער קאָלאָניע האָט מיר אַ באַקאַנטער מענטש פאַרזיכערט, אַז ביי די מאַסקאַרענישע אינדזלען שווימען און גריבלט ממש מיט וואַלפישן. מיר וועלן זיך לאָזן אַהין צו די דאָזיקע אינדזלען. די התחלה אונדזערע איז אפילו נישט אַזאַ גוטע, אפשר וועט דער סוף זיין אַ גוטער, צו אַלדי שוואַרצ־יאָר!"

ער איז געווען אויפגערעגט.

און, אַן אויפגערעגטער, האָט ער פּעסט באַשלאָסן—נישט אַריינצוגיין אין די פּאָרטוגאַלישע האַפנס.

„דאָס זענען גנבים,"—האָט ער בייז געברומט,—„גנבים

און שלים־מזלס... האָט איר שוין ווען געזען אַזאַ מין קאַשע פון גנבים און שלים־מזלס?"

מיר זענען אַרויס פון מאָזאַמביק־אויסגוס און זיך אָוועקגעלאָזט איבער די ברייטע, נישט געצייכנטע שליאַכן פון אָקעאַן.

די אַרבעט האָט זיך באַלד אָנגעהייבן. דער באַקאַנטער מענטש, וואָס האָט געשמועסט מיטן קאַפּיטאַן אין דער קאָלאָניע, האָט זיך נישט טועה געווען: עס האָט באמת געשוויבלט און געגריבלט פון לויתנס...

וואָס פאַר אַן עשירות פון אייל מיר האָבן געהאַט! ביי אונדז האָט געברענט אין די הענט.

דער קאַפּיטאַן האָט כסדר געפּיפּקעט זיינע שטאַרקע ציגאַרן און האָט אַלע ווײַלע אַדורכגעשוועבקט דעם האַלדז מיט ראָם. ער איז געווען צופרידן, ווי עס קען נאָר זיין צופרידן אַ קאַפּיטאַן פון אַ וואַלפיש־שיף, בעת די שפע פון אייל איז אַזוי גרויס, אַז מען ווייס שוין נישט, וואָס צו טאָן דערמיט...

עס איז געווען גענוג פרי, אָבער מיר האָבן שוין געהאַט אַ גאַנצן אונטערדעק מיט אייל. צו דער באַשטימטער צאָל האָט נאָר עפּעס געפעלט, און דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט:

„נאָך אַ ביסל אַרבעט, נאָך עטלעכע ריזן און מיר זענען פאַרטיק מיטן סעזאָן."

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אונטערדעק און האָט גענומען ציילן די פעסער. איך בין אויך אַראָפּ צוזאַמען מיט אים.

„מעסי,"—האָט ער געזאָגט,—„וווּ איז דער צוויי־און־פערציקסטער נומער?"

„ער איז דאָ,“—האָב איך געענטפערט און האָב אָנגע־
קלאַפּט מיט אַ שטעקן אין דעמדאָזיקן פּאַס.

נאָכדעם בין איך אַרויס פון אונטערדעק. דער ים איז געווען אומרויק. הויכע כוואַליעס האָבן זיך אויפגעהייבן און האָבן גענומען טאַנצן מיטן „וואַלקן. די שיף האָט זיך אַיועק־געלייגט אויף אַ זייט...

עס האָבן גענומען פאַלן כּלים, צוגעפּעסטיקטע צו די ווענט. פון אונטערדעק האָט זיך דערטראָגן אַ קנאַקן און קלאַפּן פון פאַלנדיקע פעסער...

עמעץ האָט פּייַנלעך געשריען, עמעץ איז הענדום־פּענדום געלאָפן איבערן שיפדעק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ס'איז גע־שען אַן אומגליק.

אינגיכן איז אַלץ קלאָר געוואָרן. אויפן קאַפּיטאַן איז אַרויפגעפאַלן אַ פאַס און האָט אים צוקאַליעטשעט דעם פוס...

דער פוס האָט באַקומען אַ שווערע וווּנד...

קאַפּיטאַן דרינקוואָטער איז נישט געווען קיין שוואַכער מענטש, וואָס האָט ליב זיך צו פּיעסטען, און אויב ער האָט עפּעס אָפּגעקרעכצט מיט צוגעמאַכטע אויגן, מסתּמא האָט ער געליטן גרויסע יסורים.

מיר האָבן אים גענומען אויף די הענט און איבערגע־טראָגן אים אין זיין קאַיוטע. אָדער איך אָדער דער עלטערער אָפיציר האָט געדאַרפט פאַרבלייבן מיט אים. דרינקוואָטער האָט מיר אָבער אַ ווונק געטאָן, אַז איך זאָל פאַרבלייבן. דאָס איז געווען אַ גרויסער כּבוד פאַר מיר. דערמיט האָט ער מיר ווי־דעראַמאָל באַוויזן, אַז ער האָט מיך ליב און אַז איך בין אים נאָענט.

אָבער אַז איך האָב אים אויסגעטאָן און האָב דערזען די

שרעקלעכע ווונד אויפן פוס, בין איך אים מוחל געווען דעמדאָזיקן כּבוד...

דאָס איז נישט געווען בלויז אַ ווונד—דאָס איז געווען אַ צעבראָכענער פוס...

דער קאַפּיטאַן האָט געקרעכצט און געקלאָגט:

„אָט דאָס איז מיין לוין פאַר פיראונצוואַנציק יאָר אַרבעט אויפן ים... זאָגט, מעסי, איז עס רעכט אַזוי? ווו איז דער יושר?"—האָט ער געקרעכצט.

אויפן „וואָלקן" איז נישט געווען קיין דאָקטאָר. קיינער האָט זיך נישט פאַרשטאַנען אויף אַ מחלה. מיר זענען געווען אומבאַהאָלפן, ווי פויערים, וואָס ליגן פאַרוואָרפן אין אַ העק...

פאַרבאַנדאַזשירט אים ווי עס איז דעם פוס, האָב איך מיך בּאַראָטן מיט דעם עלטערן אָפיציר, וואָס צו טאָן. ביי אונדז איז געבליבן, מיר זאָלן אַריינגיין מיטן „וואָלקן" אין דעם נאָענטסטן האַפן, דאָס הייסט צו דער מאַוריקי-אינדזל.

עס איז אָבער געווען נישקשה פון אַ מהלך. ביי אַ גינסטיקן ווינט האָבן מיר באַדאַרפט גיין דריי טעג צו דערדאָזיקער פראַנצויזישער אינדזל, און ביי אַ שלעכט וועטער—דריי וואָכן, און מער...

איך בין געווען אַ קנאַפּער מומחה אויף אַ קראַנקהייט, סיי אַן אינערלעכער, סיי אַן אויסערלעכער, אָבער מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיט דעם קאַפּיטאַנס פוס ווערט אַלץ ערגער און ערגער...

איינער פון אונדזערע אָפיצירן האָט געזאָגט, אַז מען מוז תיכף אַמפּוטירן דעם פוס. עס האָבן זיך שוין באַוויזן סימנים פון גאַנגרענע...

אָבער ווער איז עס בכוח צו מאַכן דידאָזיקע אָפּעראַציע?

מיר האָבן פאַרזאַמלט די גאַנצע שיפקאָמאַנדע און פאַר יעדן איינעם אויפגעשטעלט די האַרבע שאלה: וואָס האָבן מיר צו טאָן? ווי זאָל זיין? מען דאַרף דעם קאַפּיטאַן אַמפּוטירן דעם פוס...

די פאַרזאַמלטע האָבן געשוויגן.

וו האָבן מיר דאָ אַ כירורג? מען האָט אָראָפּגעלאָזט די קעפּ. קיינער האָט קיין ענטפער נישט געהאַט אויף דער האַרב-געשטעלטער פראַגע.

און אָט אין דעם העכסט פיינלעכן מאָמענט האָט דער וואַכמאַטראָז אַ געשריי געטאָן נישט מיט זיין קול:

„אַ זעגל! אַ זעגל!"

דער עלטערער אָפיציר האָט אַ כאַפּ געטאָן די ים-גלע-זער צו די אויגן:

„אַ זעגל, מעסי. אַ גרויסער אָקרענט, מסתמא אַ מילי-טערישער. מיר וועלן אים געבן אַ סיגנאַל."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, בין איך אַריינגעלאָפן צום קאַפּיטאַן אין קאַיוטע. דרינקוואַטער איז געלעגן און שטיל גע-קרעכצט.

„קאַפּיטאַן," — האָב איך געזאָגט, — „מיר קומען אין בא-רירונג מיט אַ גרויסער מיליטערישער שיף. דאָרט איז זיכער דאָ אַ דאָקטאָר. מיט אַ דאָקטאָר איז שוין די לאַגע נישט אַזוי ערנסט."

דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט:

„איך מיין אויך אַזוי. מעסי, דידאָזיקע בשורה איז מיר אָנגענעם."

דער קאַפּיטאַן האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם.

איך בין אַרויסגעלאָפן פון קאַפּיטאַנס קאַיוטע. דאָס בלוט

האָט אין מיר געציטערט: וואָס הערט זיך מיט דער שיף ?..

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז קלאָר געוואָרן: ס׳איז גע־חען באמת אַ מיליטערישער קאָרוועט אונטער אַ פראַנצויזישער פאָן...

זיך דערנענט איף אַ שטח פון אַ מענטשלעכן קול, האָבן מיר גענומען שרייען צום קאָרוועט:

„צי האָט איר אַ דאָקטאָר?״

פון דאָרט האָט מען געענטפערט:

„מיר האָבן אַ דאָקטאָר!״

„אָבער מיר טאָרן לאַנג נישט וואַרטן אויף אים!״—האָבן מיר ווייטער געשריען.

„איר וועט נישט וואַרטן לאַנג!״—האָט מען ווידעראַמאָל געענטפערט פון דאָרט.

און מען דאַרף דאַנקבאַר זיין די פראַנצויזן: זיי האָבן עס געמאַכט זייער געשיקט און שנעל. אין צען מינוט אַרום האָבן מיר שוין געהאַט דעם דאָקטאָר אויפן „וואַלקן״.

דאָס איז געווען אַ קליינטשיק מענטשעלע מיט אַ גלאַנ־ציקן פליך איבערן גאַנצן קאָפּ און מיט אַ גרויסער באָרד. ער האָט אָבער געהאַט רויקע אויגן און זיכערע באַוועגונגען.

דאָס מענטשעלע האָט דערזעקט עפּעס צוטרוי צו זיך...

איך האָב אים געזאָגט, ווער עס איז קראַנק און אין וואָס די קראַנקהייט באַשטייט.

מיר זענען אַריין מיטן דאָקטאָר צום קאַפּיטאַן. באַטראַכט באַרזיכטיק דעם פּוס, האָט דאָס מענטשעלע געזאָגט:

„הם... ס׳וועט זיין גוט.״

איך האָב געפרעגט:

„מען וועט נישט דארפן אמפוטירן?“

„צו וואָס? דער ביין איז גאַנץ. נאָר גוט איינבאַנדאַזשירן דעם פוס, נישט מער. דער חולה דארף, נאָטירלעך, ליגן גלייך, געדולדיק. אין אַ חודש אַרום איז ער צוריק אַ גאַנצער מענטש...“

איך בין ממש געשפרונגען פון שמחה. נישט געקוקט אויף זיין משונה גרויסער באָרד, האָב איך אַרומגעכאַפּט דאָס מענטשעלע און געקושט אים אין די באַקן, אין די ליפּן...

דאָס מענטשעלע איז געווען זייער גערירט.

נאָכדעם האָט ער פאַרבאַנדאַזשירט דעם צעשעדיקטן פוס און געגעבן דעם קאַפּיטאַן צום טרינקען עפּעס אַ רפואה, אַ מין פליסיקייט, וואָס ער אליין האָט עס צוזאַמענגעשטעלט אויפן „וואַלקן“.

ער האָט אונדז אויך געגעבן גענויע אינסטרוקציעס, ווי אַזוי מען דאַרף אָפּהיטן דעם חולה, ווי לאַנג מען דאַרף אים באַנדאַזשירן דעם פוס, וואָס מען זאָל אים געבן צום עסן און צום טרינקען און דאָסגלייכן.

נאָכדעם האָט ער זיך צעזעגנט מיט אונדז און די גאַנצע שיפקאָמאַנדע האָט אים האַרציק באַדאַנקט.

דער דאָקטאָר פון מיליטערישן קאָרוועט האָט ריכטיק פאָרויסגעזאָגט: דער קאַפּיטאַן האָט זיך גענומען בעסערן פון טאָג צו טאָג, און אין אַ חודש אַרום האָט ער זיך פולשטענדיק געשטעלט אויף די פיס.

צו זיין ראָם האָט ער זיך אָבער נישט באַלד געכאַפּט און דערפאַר האָט ער עפּעטער געהאַט נישט קיין גוטע שטימונג...

ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פּאַרוואָלקנטער, אַ בייזער.

אָבער מיטן ערשטן גלעזעלע ראָם איז אויך צדורכגעגאַנ־
גען זיין מרה־שחורה... ער האָט שוין געגומען לאַכן און רוי־
כערן זיינע גראָבע ציגאַרן, און צו מיר האָט ער זיך באַצויגן
נאָך בעסער, ווי פריער.

דאָס געהיימע שיפל.

כמעט אַלע מינים וואַלפישן צייכענען זיך אויס מיט אַ מאָדנער אומפאַרשטענדלעכער אייגנשאַפט: היינט, אַ שטייגער, איז פול מיט זיי דער ים, זיי דרייען זיך כסדר אַרום דער שיף און שיקן צום הימל זייערע הויכע פאָנטאַנען, און צומאָרגנס איז ליידיק דער ים: נישטאָ קיין זכר פון אַ וואַלפיש !..

אונדזער אַרבעט האָט שוין אייגנטלעך געקענט זיין פאַרענדיקט, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט, אַז עס וואָלט גאָרנישט געשאַדט, ווען מען פאַקט נאָך אַ פּאָר ריזן. אַ קאַפּיטאַן פון אַ וואַלפיש-שיף קען זיך קיינמאָל נישט אָנזעטיקן מיט אייל:

„אָבער דאָ איז דאָך קיין איין וואַלפיש נישטאָ אפילו אויף אַ רפואה,“—האָט אים געמאָלדן דער עלטערער אָפיציר.—„דידאָזיקע באַשעפענישן זענען מיטאַמאָל אַנטרונען געוואָרן, ווי אויפן וונק...“

„וועלן מיר גיין אין אינדישן אָקעאַן,״—האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט,—„איך וואָלט זייער געוואָלט זען, ווי האַלט עס דאָרט, אַ שטייגער, מיטן וואַלפיש...״

אין אינדישן אָקעאַן האָבן מיר אָבער געפונען בלויז הימל און וואַסער...

דער קאַפּיטאַן האָט זיך געקרימט, אָבער פון מוט איז ער נישט געפאַלן.

„וועלן מיר גיין צוריק אין אַטלאַנטישן אָקעאַן,״—האָט ער געזאָגט.—„איר קענט דאָך די שדים: היינט זענען זיי דאָ און מאָרגן זענען זיי נישטאָ. עס קען דאָך אָבער זיין פאַרקערט אויך: היינט זענען זיי נישטאָ און מאָרגן זענען זיי דאָ. איך מיין, אַז מיר וועלן קומען אַקוראַט צום גליקלעכן „מאָרגן״... לאָמיר טאַקע גיין אַ ביסל שנעלער!״

זענען מיר אַוועק צוריק אין אַטלאַנטישן אָקעאַן, אין דער ריכטונג פון די אינדזלען טריסטאַן ד'אַקוניע. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ גייע אַרבעט מיט שיפּלעך, מיט האַרפּונעס, מיט אַ געיעג נאָכן לויתן, וואָס האָט דאָ דווקא געהערט צו אַ באַזונדער יוחסדיקן מין פון די פ ל אַ כ ק ע פּ י ק ע. דידאָזיקע פלאַכקעפּיקע וואַלפישן האָבן זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון זייערע צפונדיקע ברידער דורך זייער גרויס און גוטן אייל.

מיט זיי איז פול געווען דער ים אַרום אונדז. דער חשק צום יאַגד איז אינגאַנצן געפאַלן ביי אונדז, ווייל ס'איז אייגנטלעך גאָרנישט געווען קיין יאַגד, נאָר אַ מין פיש־פאַנגעריי...

מען האָט זיי פּשוט געקענט פאַנגען צענדליקערווייז, ווי הערינג אין אַ טייכל, און עס האָט זיך דעריבער נישט געוואָלט אַרבעטן.

דער „וואַלקן״ איז איבערגעפּאַקט געוואָרן מיט אייל און

איז שוין, צוליב זיין משא, געזעסן צו טיף אין וואַסער. אָבער דער קאַפּיטאַן האָט געריבן די הענט פון הנאה און ד'האָט זיך געוויצלט:

„אַ קאַפּיטאַן פון אַ וואַלפיש דאַרף האָבן צוויי אָדער דריי שיפן... איינע איז ווייניק, דאָ וואַלגערט זיך דאָך פשוט גאָלד פאַר די אויגן, צו ווייניק אָרט ד'האָבן מיר, צו אַלדי שוואַרצ-יאָר!"

צולעצט אָבער האָט ער זיך שוין אויך איבערגעזעטיקט מיטן אייל.

„נו, גענוג!"—האָט ער געזאָגט.—„גענוג געאַרבעט, אַ סוף זאָל דאָס ווערן! נישטאָ מער קיין אָרט פאַרן אייל. מיר גייען אַה'ים. אָבער אַזוי ווי איר זענט אַלע בראַווע יונגען און האָט געאַרבעט מיט גרויס קנאַק און ברען, דעריבער לייג איך פאָר, מיר זאָלן מאַכן אַ שנעפּסעל (ביי דעמדאָזיקן וואָרט האָבן אים גענומען גלאַנצן די אויגן) און זיך אַ ביסל משמח זיין..."

אַ שמחה אויף אַ וואַלפיש-שיף הייסט, אַז מען נעמט אין מויל אַריין אַ ביסל משקה (און אפשר מער ווי אַ ביסל) און מען כאַפּט אַ טענצל.

און דער עולם האָט זיך משמח געווען.

דער ים האָט גוט געדינט אונדזער שמחהלע: ער האָט בישט אויפגעהייבן זיינע הויכע כוואַליעס און האָט פאַרשלאָסן אין זיך אַלע בייזע שטורעמווינטן.

דער „וואָלקן" האָט שטיל און באַלעבאַטיש זיך געוויגט אויפן גלאַטן ים...

אָבער אַקוראַט אינמיטן שמחהלע האָט דער וואַכמאַטראָז זיך צעשריען:

„אַ זעגל! אַ זעגל!"

דער קאַפּיטאַן האָט אַרויפגעשריען:
„וואָס פאַר אַ שיף זעסטו דאָרטן?"
„נישט קיין שיף, נאָר אַ קליין שיפל."
„אַ קליין שיפל?"—האָט דער קאַפּיטאַן זיך געחידושט.—
„מסתמא שטייט נישט ווייט די גרויסע שיף."
דער וואַכמאַטראָז האָט אַראָפּגעשריען:
„ניין, הער קאַפּיטאַן, די גרויסע שיף זע איך נישט."
דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויפגעהייבן אויף די שפּיץ פינגער און צוריק געשריען:
„נעם אקארשט אַריין די אויגן אין די ים-גלעזער, וועסטו דערזען די גרויסע שיף אויך..."
דער וואַכמאַטראָז האָט געשוויגן.
דער עולם איז אפילו געווען שטאַרק בגילופנדיק, פונדעסטוועגן האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין אַ ניכטערן וויכוח וועגן דעם שיפל. עס איז געווען אַן אומפאַרשטענדלעכע זאַך: ווי קומט אַהער אַ שיפל? מיר האָבן זיך געפונען גאַנץ ווייט פון דער יבשה, און אַ שיפל, אָן דער מיטהילף פון אַ שיף, קען נישט און טאָר נישט פאַרקריכן אַזוי ווייט אין אָפענעם ים.
וואָס זשע איז עס פאַר אַ שיפל? צי איז אַמאָל נישט געשען עפעס אַן אומגליק מיט אַ שיף? אפשר בלאָנדזשעט דאָס שיפל אין גרויסן ים אַליין, ווי מיר אַמאָל?
דער קאַפּיטאַן האָט ווידער געפרעגט:
„נו, וואָס הערט זיך דאָרט מיט דיין שיפל?"
„איך ווייס?"—האָט יענער געענטפערט—„אַ שיפל!"
„גייט עס אונטער זעגלען?"
„יאָ, הער קאַפּיטאַן."

„ווער זיצט דאָרט אין שיפֿל?“

„קיינער נישט!“

„וואָס טייטש קיינער נישט?!“

„קיינער נישט! אַ ליידיק שיפֿל! אפֿילו קיין לעבעדיקן הונט זעט מען נישט...“

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן.

„איך שווער ביי מיינע פּאַטעס,“—האָט ער געזאָגט,— „אַז ס'איז נישט קיין גלאַטע זאַך! אַ שיפֿל אָן מענטשן, האָט איר שוין געהערט עפּעס אַזוינס? ליבער מעסי, גייט איר אַרויף און נעמט דעם ים אַריין גוט אין די אויגן. איך גלויב עפּעס נישט אין דער גאַנצער מעשה.“

איך בין אַרויף צום וואַכמאַטראָז. ער האָט מיר איבער־געגעבן די ים־גלעזער. איך האָב אָנגעשטרענגט די אויגן און אַריינגענומען דעם ים אין בליק.

אַנטדעקט האָב איך דאָס אייגענע, וואָס דער מאַטראָז: אַ שיפֿל אונטער זעגלען, אָבער אָן איין מענטשן!...

דער קאַפּיטאַן האָט אַרויפֿגעשריען:

„נו, מעסי, וואָס הערט מען דאָרטן?“

„יאָ, אַ שיפֿל אָן מענטשן!“

„איר זאָגט עס אויך?“

„נו, אַז ס'איז פּאָרט אַזוי!“

די גאַנצע שיף־קאָמאַנדע האָט פֿאַרגעסן אינם שמחהלע. דער עולם האָט זיך שטאַרק געחידושט. עס זענען געפֿאַלן השערות פֿון אַלע זייטן.

איך האָב נאָכאַמאָל אַדורכגעטישטערט דעם ים. דאָס וואַסער איז רויִק, די זון שיינט, עס איז שטיל, אָבער מען זעט נישט אין ערגעץ קיין שיף.

איך בין אַראָפּ צום קאַפּיטאַן און געזאָגט:

„איך קען אייך בלויז איבערחזרן: אַ שיפל אָן מענטשן, קיין שיף איז נישטאָ... איך האָב גוטע אויגן!"

ווען דאָס וואָלט געווען נישט עפּעס אַ קליין שיפל, נאָר אַ גרויסער אָקרעגט, וואָלט דער עולם זיכער געמיינט, אַז ער האָט דאָ פאַר די אויגן דעם „פליענדיקן האָלענדער", יענע געהיימע שיף, וואָס איז אַזוי פּאָפּולער ביי אַלע מאַטראָזן און ים־לייט. אינם „פליענדיקן האָלענדער" האָבן זיי אַלע פעסט געגלויבט, ווי אין אַ פאַקט, און ער וואָלט זיי געווען גאַנץ פערשטענדלעך, ווען ער ווייזט זיך פלוצלונג אויפן ים. אָבער דאָס קליינע בירגע שיפל, וואָס איז געגאַנגען אַליין, אָן מענטשן, אויפן ים, האָט זיי אויסגעוויזן משונה און אומגלויבלעך, כמעט ווי אַ ליגן...

דער קאַפּיטאַן איז שוין אַרויס פון די כלים.

„ניין, איך פערשטיי דאָס נישט!"—האָט ער שוין געגנו־מען שרייען.—„זאָגט דעם שטייערמאַן, וואָס ער האָט צו טאָן און מאַרש אויף יאַגד!.. מיר מוזן זען, וואָס איז דאָס פאַר אַ רעטעניש!..."

און אָט האָט זיך אָנגעהייבן אַ טאַנץ. דער „פליענדיקער וואָלקן" האָט גענומען נאָכיאָגן דאָס שיפל, נאָכיאָגן און סיגנאַ־ליזירן, אָבער דאָס שיפל לויפט פאָרויס, געטריבן פון גינסטיקןווינט, און ענטפערט נישט...

דער גאַנצער ענין איז געווען ענלעך צו אַ כישוף. אויב אין שיפל זיצן מענטשן, טאָ למאי אַנטלויפן זיי פון אונדז? פאַרקערט, זיי בייטיקן זיך דאָך אין אונדזער הילף. אויב דאָס שיפל, ווידער, איז אַ ליידיקס, טאָ ווי אַזוי האָט עס שכל אויס־צעמיידן דאָס באַגעגעניש מיטן „פליענדיקן וואָלקן"?

ווער האָט געקענט ענטפערן דערויף? ווער האָט עס גע-קענט פאַרשטיין?

יעדער איינער פון דער שיף-קאָמאַנדע האָט זיך שטאַרק געבראָכן דעם קאָפּ איבער דעמדאָזיקן רעטעניש.

סוף-כל-סוף איז מען געקומען צו דער דעה, אַז אַ־ין שיפל מוזן זיך אויסבאַהאַלטן פאַרברעכער, גזלנים, אויסוואָרפן, וואָס האָבן, קענטיק, אָפּגעטאָן אַ מיאוס שטיקל אַרבעט און זע-נען אַנטלאָפן פון אַ שיף.

דרינקוואָטער איז שוין געווען בייז, ווי אַ בין. די באַקן האָבן אים געפלאַמט, די אויגן האָבן געברענט, ער האָט זיך נישט געקענט באַרויקן.

„ניין, מיר מוזן פאַקן דאָס שיפל!“—האָט ער געשריען.— „דאָס איז עפּעס נישט קיין גלאַטע זאַך!“ דער גאַנצער ענין איז מיר זייער קשה!“ זאָל מען אויפהייבן נאָך זעגלען, נישט געשלאָפן!“

„קאַפּיטאַן“,—האָב איך מיך אַריינגעמישט,—„דאָס איז אַ שיפל פון וואַלפיש-יעגער.“

„וואָס רעדט איר, מעסי, איר זענט זיכער אין דעם?“

„ווי אין מיינע פינף פינגער, קאַפּיטאַן.“

איצט האָט שוין דער ענין באַקומען גאָר אַן אַנדער באַ-דייטונג. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּראָפעסיאָנעלן כבוד...

אויב דאָס איז באמת אַ שיפל פון וואַלפיש-יעגער, טאָ ווי שיקט זיך עס, אַז דאָרט זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן דיזערטירן, אויסוואָרפן און פאַרברעכער. אַזאַ פאַל איז נאָך ביז אַהער נישט געשען. וואָס-זשע קען עס זיין פאָרט פאַר אַ רעטעניש?

דער ווינט איז מיטאַמאָל געפאַלן, דער „פליענדיקער וואָלקן“ האָט זיך אומבאַהאָלפן אומגעוויגט אויף די כוואַליעס. דאָס שיפל,

ווידער, האָט זיך געדרייט, ווי אַ שכורער מאַטראָז, פונקט ווי עס וואָלט נישט געהאַט קיין שטייערמאַן...

„זאָל מען אַראָפּלאָזן אַ שיפל!״—האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן.—„אויב מיר קענען עס נישט פּאַקן מיט די זעגלען, וועלן מיר עס כאַפּן מיטן רודער...״

אָבער דער ווינט האָט זיך צוריק אויפגעהייבן, און דער „פליענדיקער וואָלקן״ האָט פונדאָסניי גענומען נאָכיאָגן דאָס שיפל.

דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען, ווי אַ צוגעשמידטער צום אָרט, מיט די אויגן פאַרזונקען אין ים.

„איך שווער ביי מיינע פּיאַטעס,״—האָט ער געזאָגט,—„אַז איך זע צום ערשטן מאָל אין לעבן אַזאַ שיפל מיט אַזאַ מין גאַנג!.. עס דערמאַנט מיר אין אַ בלאָנדזשענדיק פייערל... ווען דאָס איז נישט קיין שיפל, נאָר אַ חשובער אָקרענט, וואָלט איך זיכער געגלויבט, אַז מיט האָבן דאָ צו טאָן מיטן „פליענדיקן האָלענדער...״

ביסלעכווייז האָט זיך דער „וואָלקן״ דערנענט צום שיפל. נאָך אַ ביסל מי און אָנשטרענגונג—און דאָס רעטעניש וועט קלאָר ווערן פאַר אונדז... מיר וועלן זען, ווער האָט זיך עס פאַרגראָבן אין שיפל.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך פלוצלונג אָנגערופן:

„אונדזערע סיגנאַלן, זע איך, ווירקן נישט אויף זיי. זאָל מען אָקאָרשט נעמען קאַנאָנען מיטן זיידן... מיר וועלן הערן, וואָס וועלן זיי ענטפערן אויפן שאָס פון אַ האַרמאַט!״

מען מוז מודה זיין: שוין דער ערשטער שאָס האָט געווירקט. אויפן טויטן שיפל האָט זיך אויפגעהייבן אַ קאָפּ, נאָכדעם אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער...

פון איין קאָפּ האָט זיך ביסלעכווייז אויפגעהייבן אַ גאַנ־צער מענטש...! אָבער דערדאָזיקער מענטש האָט, קענטיק, נישט געקענט שטיין אויף די פיס. זיך אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט ביים מאַסטבוים, פונקט ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים אומפאַלן, האָט ער מיט דער צווייטער גענומען פאָכן מיט עפּעס אַ שמאַטקע...

איצט האָבן זיך אויפגעהייבן די איבעריקע דריי און האָבן אויך געטאָן דאָס אייגענע, וואָס דער ערשטער: געפאָכט מיט שמאַטקעלעך...

דאָס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט. נאָכדעם איז פּלוצלונג געפאַלן דער זעגל און דאָס שיפל האָט זיך גענומען דרייען אויף איין אָרט, ווי אַ פייגל, וואָס האָט באַקומען אַ קויל אין אַ פליגל...

דעמאָלט האָב איך באַמערקט נאָך צוויי מענטשן, וואָס דער זעגל האָט זיי פריער פאַרשטעלט. אַזויאַרום האָט דאָס געהיימע שיפל פאַרמאָגט זעקס נפשות...

דער סוד איז, אַלזוי, אַנטפּלעקט געוואָרן. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז מיט די לייט פון דעמדאָזיקן שיפל איז געשען עפּעס אַן אומגליק. זיי האָבן זיך מסתמא אָן כוחות אַרומגעוואַל־גערט אין ים, ווי מיר מיט אונדזער שיפל, בשעת מיר האָבן אַזוי שלעכט אָפּגעשניטן מיטן לויתן. זיי איז עס, קענטיק, נאָך ער־גער געגאַנגען, זענען זיי געלעגן פאַרחלשט אויפן דעק פון שיפל... ס'איז באמת געווען אַ שיפל אָן מ ע נ ט ש ן!

דער „פליענדיקער וואָלקן" איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום שיפל. דער קאַפּיטאַן האָט זיך פיינלעך פאַרקרימט און אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ: אין שיפל זענען געשטאַנען זעקס שקעלעטן מיט האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן.

און פּלוצלונג האָט דער קאַפּיטאַן אַ געשריי געטאָן:

„עלידזש קאַפּען!“

אונדזער עולם איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט. אַזוי האָט געהייסן דער ערשטער אָפיציר פון „פליענדיקן וואָלקן“..

יאָ, דער, וואָס האָט זיך אויפגעהייבן דער ערשטער און זיך אָנגעשפּאַרט, אַן אָפּגעחלשטער, ביים מאַסטבוים, איז געווען עלידזש קאַפּען... (אין דעם מאָמענט וואָלט איך נישט געהאַלט דערמאָנען, אַז עלידזש קאַפּען האָט אַמאָל דערהרגעט בילן אין ים...). אָבער ווי האָט ער איצט אויסגעזען? וואָס איז געוואָרן פון אים? הויט און ביין און אויסגעלאָשענע אויגן.

עמעץ פון אונדז האָט געזאָגט:

„דאָס איז דער סוף...“

„יאָ, דער טויט!“—האָט אַ צווייטער געזאָגט.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אָבער אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ.

„ניין, מיר וועלן זיי אָפּראַטעווען!“—האָט ער געשריען.—„ים-לייט ראַנגלען זיך מיטן טויט ביז דער לעצטער מינוט! מיר נעמען זיי אַרויף אויפן „וואָלקן!“

אַרויפשלעפּן דידאָזיקע האַלבע טויטע נפשות אויפן „וואָלקן“—איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. מען האָט געאַרבעט מיט שוויס און מיט גאַל. דער ים האָט זיי אַזוי ווי צוריקגעשלעפּט פאַר די פיס...

מען האָט זיי אָבער אַרויפגעשלעפּט. יעדער איינער האָט באַקומען אַ ווייכן געלעגער און הילף, און אין דריי טעג אַרום זענען זיי שוין געשטאַנען אויף די פיס...

מיט זיי האָט פּאַסירט דאָס אייגענע, וואָס מיט מיר אין בריסטאָלישן ים-אויסגוס. זיי האָבן אָבער קיין שום פּראָוויזיע נישט געהאַט און זענען פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

אונדזערע סיגנאַלן האָבן זיי נישט געהערט און נישט באַ-

מערקט. זיי זענען בכלל געווען האַלב טויט. זיי האָבן אויך נישט באַמערקט, אַז אַ שיף יאָגט זיך נאָך זיי. דערהערט האָבן זיי בלויז דעם האַרמאַט, וואָס האָט באמת געקענט אויפהייבן אַ טויטן פון קבר...

דעמאָלט האָט זיך קאָפּעו קוים אויפגעהייבן אויף די פיס, פאַרשטייענדיק מיטן אָפּגעחלשטן קאָפּ, אַז דער דאָזיקער שאָס קען זיין אַן אָנזאָג פון הילף...

אונדזער שמחהלע, וואָס איז אינמיטן איבערגעריסן געוואָרן, איז פונדאָסניי געפּראַוועט געוואָרן אין עטלעכע טעג אַרום.

ווידער האָט מען גענומען אין מויל אַריין דעם ביטערן טראָפּן און מען האָט זיך משמח געווען, ווי עס געהער צו זיין.

מען האָט געטרונקען פאַר דעם קאַפּיטאַנס געזונט און מען האָט געסנאָשקעט פאַר דעם „וואָלקנס" געזונט.

דער עולם האָט געכאַפּט אַ טענצל.

דער קיכער איז אַרויפגעקומען אויפן דעק מיטן ווייסן היטל אויפן קאָפּ און האָט אויך גענומען האָפּקען אויף רעכטס און אויף לינקס.

אַלע האָבן געטאַנצט.

דער קאַפּיטאַן האָט אויפגעהייבן אַ גלאָז ווײַן איבערן קאָפּ און האָט געזאָגט:

„חברים! איך דאַנק אייך פאַר אייער אַרבעט. אָבער אייער אַרבעט איז באמת אייער לוין. דער טעזאָן האָט זיך געענדיקט און מיר טראָגן צום ברעג אַ שפּע מיט אייל! נאָכמער: מיר טראָגן צום ברעג זעקס נפשות, וואָס מיר האָבן אַרויסגעריסן ביים טויט פון די ציין!.. די הייַנטיקע נסיעה האָט זיך באַזונדערס גוט געענדיקט. זאָל אונדז דער ליבער „וואָלקן" אויך

אויף להבא באַהעפטן נישט בלויז דורך גוטער פלייסיקער אַר-
בעט, נאָר דורך ליבע און זאָרג פאַר אייגאַנדער. אויב איך האָב
עמעצן באַליידיקט אמאָל אין אַ בייזער מינוט, טאָ זאָל ער עס
מיר מוחל זיין אויף דעמדאָזיקן שמחהלע פאַר די עדות פון
אונדזער גאַנצער שיף-קאָמאַנדע.״

אַ געדיכטער געשריי, ווי אַ דונער, האָט זיך ארויסגע-
ריסן פון אונדזערע מיילער:

„הור—ר—ר—ראַ!!!״

בלויז אין קאָפּען האָט געוויינט.